UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 110- Fall 1987 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/92g0p63f

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 110(1)

Publication Date
1987

Copyright Information
Copyright 1987 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

סלוצקי

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו



פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 110


האַרבסט
תשמ״ח

AUTUMN
1987


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| ישראל גובקין: נעילה (ליד) | 3 |
| משה שקליאַר: 35 יאָר נאָכן מאָסקווער באָרד | 4 |
| פּרץ מאַרקיש: ליד | 7 |
| דוד האָפשטיין: ליד | 8 |
| דוד בערגעלסאָן: פראַגמענט | 8 |
| שמואל האַלקין: ווען וועט ווערן ליכטיק? (ליד) | 9 |
| לייב קוויטקאָ: טאָג און נאַכט (ליד) | 10 |
| איציק פעפער: פאַר וואָס? (ליד) | 11 |
| דער נסתר: פראַגמענט | 12 |
| משה שקליאַר: דאָס לעצטע ליד | 12 |
| שואל גוטמאַן: אַ משפחה אין פוילן | 13 |
| מאיר חרץ: לידער | 21 |
| חנן קיעל: פּרויד־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור | 23 |
| שלמה שוואַרץ: לידער | 29 |
| שמואל איזבאַן: צירעלע, מיין קרוין (דערציילונג) | 31 |
| א. לוריא: סך־הכלען (לידער) | 41 |
| שיע טענענבוים: ציגיינערשע טענצערין (דערציילונג) | 42 |
| משה עטינגער: לידער | 46 |
| חנן קיעל: לידער | 48 |
| ס. בוטקעוויטש: צוויי קורצע געשיכטעס | 50 |

# אינהאַלט

(המשך)


ישראל גובקין: ביקור־חולים, אָדער: פון מיאַמי ביז לאָס אַנדזשעלעס (דערציילונג) — 52

הינדע זאַרעצקי: לידער — 52

עקיבא פישבין: איז ריכאַרד וואַגנער געווען אַ ייד? — 55

חיים שוואַרץ: מיין גאָרטן (ליד) — 66

זלמן שלאָסער: א. סוצקעווער אין ענגליש — 67

חיים קעניגער: לידער — 67

מ.: מלכה חפץ טוזמאַן ע״ה — 71

יצחק קאַהאַן: אַלעק גינעס: אַן אויטאָביאָגראַפיע — 72

פריד וויינינגער: סאָל ליפּצין—אַ יחיד במינו — 72

חיים פלאָטקין: לידער — 80

משה כהן: אַ יאָר אַרבעט 1986/87 — 81

נייע ביכער — 85

אַ זאַמלבוך פון יונגע שרייבערס — 86

שמואל ווייס—90 יאָר אַלט — 87

באַגריסונגען — 88-96




די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

# חשבון
נומ. 110
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
מיטגלידער:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
נתן גערעאוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

43סטער יאָרגאַנג, נומער 110 • האַרבסט 1987 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## ה׳תשמ״ח 5748

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון „חשבון"

ישראל גובקין

## נעילה

ווער טרערט דורך מיינע אויגן?
טאַטע־מאַמע,
זיידעס־באָבעס:
פתח לנו שער
בעת נעילת שער
כי פנה יום —
אַ טויער אונדז עפן
ווען אַלץ ווערט פאַרמאַכט,
און טאָג איז אַוועק.

ווער קען עפענען טויערן
וואָס מענטש האָט פאַרמאַכט?

טאָג ברענט אין פאַרגיין,
שוואַרץ־פּעכיק ווערט נאַכט...

טאָ הער דאָס געבעט
פון טאַטעס און מאַמעס,
זיידעס און באָבעס,
וואָס שטייען ערגעץ,
אין ווייסן,
אין כורעים געבויגן,
און בעטן רחמים
דורך אונדזערע אויגן...

משה שקליאַר

# 35 יאָר נאָכן מאָסקווער מאָרד
# איבער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און קולטור

„אַצינד, ווען ס'קערט די ראיה מיר זיך אום צוריק אַליין,
איז מיר אַ ריס די אויגן עפענען און זען מיט יעדן גליד דאָ,
אַז ס'איז מיין האַרץ אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין,
און מיט אַ קלונג פון בראָך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט."

אַזוי האָט געשריבן פּרץ מאַרקיש אין די מלחמה־יאָרן, ווי ער וואָלט שוין דעמאָלט געזאָגט וואָס עס שטייט אים פאָר און וואָס עס שטייט פאָר דער גאַנצער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און קולטור אין דער נישט ווייטער צוקונפט.

איז לאָמיר זיך פאָרשטעלן אויף אַ רגע, אַז די ראיה האָט זיך ווירקלעך צוריק־געקערט צום גרויסן דיכטער, צו דעם וואָס פּאָעזיע האָט געשטורעמט פון אים ווי אַ לאַווע פון אַ וווּלקאַן — וואָלט אַוודאי זיין האַרץ אויף ס'ניי „מיט קלונג פון בראָך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט"...

געזען וואָלט ער דעם גרויסן חורבן פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור און אירע שעפער, וועמענס ביינער זענען צעשפּרייט איבער די שטחים פון אַלע „גולאַג־אַרכיפּעלאַגן", פון די קאַלימאַס און וואָרקוטאַס, פון די רוסישע טונדרעס און טייגעס, באַדעקטע מיט אייביקע שנייען, פון אַרום דעם פּאָליאַר־קרייז און אונטער די מויערן פון דער מאָסקווער לוביאַנקע־תפיסה, ווו דעם 12טן אויגוסט 1952 האָט זיך אָפּגע־שפּילט די טראַגישע פינאַל־סצענע פון דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פונעם יידישן קולטור־לעבן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פּרץ מאַרקיש וואָלט אַוודאי ווידער אַראָפּ־געריסן פון זיין ברוסט דעם לענין־אָרדן און אים געשליידערט אין די פּרצופים פונעם עקזעקוציע־פּלוטאָן און, צוזאַמען מיטן ביקסן־זאַלפּ געצילט אין די קעפּ און הערצער פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן פאָלק, וואָלט זיכער אויף ס'ניי אָפּגעהילכט זיין רוף צו די מערדער: פ אַ ש י ק ט ן !!!

פינף און דרייסיק יאָר זענען שוין אַוועק זינט יענער צייט, זינט דער טראַגעדיע פון אַ ליטעראַטור אַ גאַנצער, פון אַ פאָלק ביי וועמען די הערשער פון קרעמל בראש מיטן אויבערקאַט סטאַלין האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויסצורייסן די צונג פונעם מויל, אַז פאַרשטומט זאָל עס ווערן אויף אייביק. נאָר דאָס יידישע פאָלק האָט שוין איבער־געלעבט נישט איין סטאַלין, נישט איין היטלער. היינט ווייסן עס אַלע און געדענקען. צי געדענקען מיר אָבער דעם אָנהייב?

...געקומען זענען זיי מיט שטורעם און דראַנג און מיט לייב און לעבן זיך אַנגאַזשירט אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע וואָס האָט אָפּגעשאַפט דעם תחום־המושב פאַר די יידישע מאַסן פון צאַרישער רוסלאַנד. דאָס האָט דער גרונטלייגער פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אָשר שוואַרצמאַן, פּראָקלאַמירט אין סאַמע אָנהייב פון בירגער־קריג:

אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז אַ פּאָן —
דער שונא ביי די טויערן.

און אין הסכם מיט זיין רוף איז ער אַליין אַוועק אויפן פראָנט און אַלס קאַוואַליעריסט געקעמפט אין בודיאָניס רייטער־אַרמיי, אָפּגעבנדיק זיין לעבן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע. און וואָלט ער נישט געפאַלן אין יאָר 1919 אין דער שלאַכט היגטער סאַרנע, איז ווער ווייסט צי ער וואָלט נישט געטיילט דעם גורל פון אַן אַנדערן קעמפער אין בודיאָניס רייטער־אַרמיי — דעם באַרימטן יידיש־רוסישן שרייבער, איסאַק באַבעל, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין די „רייניקונגען" פון יאָר 1937-38.

און אַן אַנדער סאָוועטיש־יידישער דיכטער, דוד האָפשטיין, האָט אין ריטעם פונעם אויפמאַרש פון דער רעוואָלוציאָנערער מחנה אויפגעזונגען אין זיין ליד „פּראָצעסיע":

„מיר גייען אין דיינע פאָרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהייט."

געווען איז עס אין דער זעלבער צייט ווען איבער שטעט און שטעטלעך פון אוקריינע האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שוידערלעכע פּאָגראָם־כוואַליע, אָרגאַניזירט דורך די ווייסע גענעראַלן. ווו נאָר עס האָבן זיך אַריינגעריסן זייערע קאָזאַקישע האָרדעס האָט יידיש בלוט זיך געגאָסן, און אומעטום דאָרט האָבן די באָלשעוויקעס זיך באַוויזן ווי באַפרייער, פאַרטרייבנדיק די פּאָגראָמשטשיקעס. זיינע טראַגישע געשעענישן האָבן שפּעטער אַן אָפּשפּיגלונג באַקומען אין פּרץ מאַרקישעס פּאָעמע „די קופּע", אין לייב קוויטקאָס „1919" און אין אַנדערע ווערק פון סאָוועטיש־יידישע שרייבערס.

אָבער שוין דעמאָלט ווען די רויטע אַרמיי האָט געראַטעוועט יידן פון פּאָגראָמען, און יידישע יונגעלייט זענען מאַסנוויז אַוועק אויף די פראָנטן פאַרטיידיקן די יונגע סאָוועטן־מאַכט, ווי זיי האָבן עס געטאָן שפּעטער, אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין קאַמף קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, איז יעצט־ווי אין מאָסקווער קאַבינעטן געחתמעט געוואָרן דער גורל פון יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין הסכם מיט סטאַלינס טעאָריע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס איז באַגיטיקט געוואָרן אויף דורך לעניגען.

שווער צו זאָגן צי האָט דער פּלאַן שוין דעמאָלט פאָרויסגעזען די ליקווידאַציע דורך מאַסן־טעראָר, פאַרשיקונג און מאָרד, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווען סטאַלין איז געוואָרן דער אַליינהערשער, דער נישט־געקרוינטער צאַר פון נייעם רוסלאַנד, נאָכן ליקווידירן אַלע פּאָליטישע אָפּאָזיציעס און קודם־כל די אָפּאָזיציע פונעם ייִד לעוו טראָצקי. אָבער ביז דאָס איז דערגאַנגען דערצו, אַן ערך ביזן יאָר 1937, האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייט יידיש געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויב נישט רעכענען די רדיפות אויף דער העברעישער שפּראַך, וואָס האַלטן נאָך אָן ביז היינט אין דער צייט פון „גלאַסנאָסט"...

יידן פון קליינע שטעטלעך זענען אַוועק אין פאַבריקן, אין אוניווערסיטעטן. צענדליקער טויזנטער יידישע קינדער האָבן געלערנט אין יידישע שולן; עס זענען אויפגעקומען יידישע צייטונגען, זשור־נאַלן, פאַרלאַגן, וויסנשאַפטלעכע קאַטעדרעס אין קיעוו, כאַרקאָוו, מינסק און מאָסקווע; געבליט האָט דאָס יידישע טעאַטער, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַקומען מלוכה־רעכט.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס יידישע שרייבערס און קולטור־מענטשן האָט עס געצויגן אַהין פון דיזער גאַנצער וועלט, און קודם־כל האָט עס געצויגן יענע, וואָס זענען אַוועק פון רוסלאַנד אין די פּאָגראָם־יאָרן און זיך באַזעצט אין בערלין אָדער וואַרשע. האָבן זיך טאַקע אומגעקערט פון עמיגראַציע דוד בערגעלסאָן און פּרץ מאַרקיש און דוד האָפשטיין און פיל אַנדערע. און פון ווילנע איז אַוועק קיין רוסלאַנד דער באַליבטער לערער און וווּנדערבאַרער דיכטער משה קולבאַק. קיינער פון זיי האָט אוודאי נישט געזען אין זייערע פינצטערסטע חלומות וואָס פאַר אַ גורל עס שטייט זיי פאָר.

אוודאי האָבן זיי אין זייערע שאַפונגען געצאָלט צינז דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך מאַקסים גאָרקין אויפן ערשטן שרייבער־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1935 און איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער איינציק אַנגענומענער נאָרמע פאַר אַלע צווייגן פון דער קונסט, אַנהייבנדיק ביי ליטעראַטור און ענדיקנדיק אויף... מוזיק. אָבער סיי ווי האָבן מאַרקיש און בערגעלסאָן, דער נסתר, האָפשטיין, האַלקין און פיל אַנדערע אונדז געלאָזן באַדייטנדיקע ווערק וואָס וועלן אַריין אויף אייביק אינעם שאַצקאַמער פון דער יידישער ליטעראַטור.

ווי שטאַרק די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור זאָל נישט האָבן געווען אוניפאָרמירט און זיך געהאַלטן ביי דער אָנגעצייכנטער פאַרטיי־ליניע, איז זי דאָך געווען אַ דיפערענצירטע און פון מאָל צו מאָל האָבן שרייבער זיך אַרויסגעבראָכן פון די ראַמען, אַוועק צו סימבאָליק, זיך פאַרטיפט אין היסטאָרישער טעמאַטיק, געלאָזט הערן טיף נאַציאָנאַלע טענער אין זייער שאַפן, באַזונדערס אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ סך פון זיי האָבן געמוזט אויסהערן ביטערע ווערטער פון דער קריטיק, אָפט מאָל זיך אפילו געקלאַפּט על־חטא, אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. די קריטיקער זענען פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט די קריטיקירטע. אַזוי זענען אין יאָר 1957 אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די דיכטער משה קולבאַק און איזי כאַראַק אויך די קריטיקער יאַשאַ בראָנשטיין און משה ליטוואַקאָוו, דער ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק, שמעון דימאַנשטיין — דיזער געוועזענער קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים, און אסתר פרומקין, איבערגעצערין פון פּאָליטישע ווערק און געוועזענע פירערין פון בונד אין רוסלאַנד. דאָס זעלבע איז געשען בעתן „גרויסן שניט" אין יאָר 1952, ווען די סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור איז אינגאַנצן פאַרשטומט געוואָרן אויף יאָרן, ביז עס איז נאָך לאַנגע און שווערע אינטערווענצן פון אויסלאַנד אַנטשטאַנען דער איינציקער יידישער זשורנאַל אין מאָסקווע „סאָוועטיש היימלאַנד".

עס שטעלט זיך די פראַגע: וואָס האָט עס באַוויגן די סאָוועטיש־יידישע שרייבער, וועלכע זענען לעבן־געבליבן נאָך די טראַגישע געשעענישן פון יאָר 38־1937 ווידער צו נעמען די פען אין האַנט, ווידער צו שאַפן? האָבן זיי דען נישט געוווּסט, זיי, וואָס זענען דיימאָלט נעכט נישט געשלאָפן און געוואַרט, אַז מען זאָל זיי קומען „נעמען", אַז די טראַגעדיע קאָן זיך איבערחזרן?

נישט אַנדערש נאָר דאָ האָט געווירקט דער היסטאָרישער בטחון פון ייד און דער ווילן, די גרייטקייט צו דינען דעם פאָלק ביזן לעצטן אָטעם־צוג. דאָס איז, דאַכט זיך, דער איינציקער רעאַלער ענטפער. און דערפאַר זאָגן מיר היינט: וואָס פאַרא באַציונג מען זאָל נישט האָבן צום שאַפן פון דעם אָדער יענעם יידישן סאָוועטישן שרייבער, זענען זיי אַלע אומגעקומען על קידוש האומה. סיי יענע וואָס זענען צעשאָסן געוואָרן

מיט 35 יאָר צוריק, דעם 12טן אויגוסט 1952 אויפן מאָסקווער תפיסה־הויף, סיי דער גרויסער בינע־קינסטלער שלמה מיכאָעלס, וועלכער איז דערמאָרדערט געוואָרן אין מינסק דורך נ.ק.וו.ד.־לייט און שפּעטער האָבן זיי אַרונטערגעוואָרפן זיין קערפּער אונטער אַ לאַסט־וואָגן, סיי אהרן קושנירעוו, וועלכער האָט באַקומען אַ האַר־שלאַג בעת אַ פאַרזאַמלונג אין מאָסקווער ליטעראַטן־הויז, און סיי דער צאַרטער דיכטער שמואל האַלקין, וועלכער האָט אויסגעהאַלטן די פאַרשיקונג און שפּעטער געשטאָרבן אין מאָסקווע נאָכן צוריקקער, און סיי אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין די לאַגערן פון ווייטן צפון אין סיביר.

דערמאָנען מיר זיי צום 35סטן יאָרצייט מיט צער און ווייטיק, די פאַרשניטענע ייִדישע שרייבער און קינסטלער, וואָס וועלן אייביק לעבן אין זכּרון פון פאָלק.

* * * * *

ווייטער ברענגען מיר פראַגמענטן פון לידער, פּאָעמעס און פּראָזע פון אייניקע אומגעבראַכטע סאָוועטיש־ייִדישע שרייבערס.

## פרץ מאַרקיש

***

צי כ׳האָב געזייט צי כ׳האָב געשניטן — ווער וועט עס דערמאָנען
צי אויפגעגאַן עס איז — האָט עמעץ דען געטראַכט?
נאָר ס׳קומען שאָטנס שוואַרצע שטייער ביי מיר מאָנען,
זיי לאָזן אומבאַמערקט אַראָפּ זיך נאַכט נאָך נאַכט.

ווי זיילן רויך געדיכטע פון אַ שריפה —
זיי טרייבן מיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט;
נאָר ניט זיי לאָזן מיר אין ערגעץ ניט אַנטלויפן
און ניט זיי לאָזן מיך זיך צוטוליען צו ווענט.

ווי אין באַלאַגערונג באַזעצן זיי זיך אין מיין האַרצן,
ווי וואָכערניקעס — נעמען אויס מיט מיר אַ תנאי:
פאַר יעדן טראָפּן פרייד, וואָס ערגעץ בלויז מיר דאַכט זיך,
זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פיל פּיין.

איך זע, ווי אויגן דיינע, טרערנדיקע בליאַסקען,
איך זע — נאָר כ׳דינג זיך ניט. איך גיי אויף אַלעם איין:
זיי ווילן זיבן מאָל, איז זיבן, מסכּים.
אַבי איין טראָפּן כאָטש אַ פריידיקער זאָל זיין.

## דוד האָפּשטיין

***

ביז וואַנען נאָר דיכטונג ביי מענטשן וועט בליען
און ס'וועט נאָך געזאַנג עקזיסטירן,
וועט יעדער געפינען מיין שפור:
די וועגן, וואָס צווישן די היימען זיך ציען
מיין ליד וועט זיכער דערפירן
דורך לופט, דורך מעטאַלענעם שנור.

אוקריינער סטעפּעס און וועלדער סיבירער
און כוואַליעס אויף וועלטישע ימען
געהערט האָבן זיכער מיין ליד.
די ערד מיט דער גאַנצענער הערשאַפט אירער,
מיט אַלע מיט מענטשלעכע שטאַמען
די ליד האָבן זיכער פאַרהיט.

ס'איז ניט נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב שוין פאַרערער
אין אַלע פאַרשיידענע לענדער,
ווו יידיש נאָר איז שוין פאַרשפּרייט,
נאָר ווייל ניט פאַרשוועכט כ'האָב מיין אוראַלטע ערע:
מיין ליד איז אין ווייטן געווענדט
און ביז האזינו דערגייט.

דערפאַר ווייל מיין דיכטונג, מיין בענטשונג מיין גרויסע,
דער איידלסטער מאַרך פון די ביינער,
מיין ציכטיקסטע ליבע, מיין פרייד,
וויל שטענדיק נאָר איינס, און איין זאַך איז זי אויסן,
און גליט נאָר אין לײדנשאַפט איינער:
פאַרלינדערן מענטשלעכע לייד...

---

## דוד בערגעלסאָן

***

...אַרום האָט געהעלט דער טאָג אַ פּויי־טרוקענער, אַ לייכט־געבוירענער, ווי אַ זיבעלע, אַ גרינער אָן אַ מינדסטן רויכל אין אַלע זיינע הויכע בלויקייטן און פול מיט גערוך פון סטעפּיקן פוסט־און־פּאַסט — אַ טאָג, וואָס קלייטערט פּאַמעלעך צו פוס און ווייסט ניט פון גיין ראש־השנה אין שול אַריין.

גרשון איז געגאַנגען פאַרשלאָפן, אומגעוואַשן, נאָר שמיידיק — געגאַנגען אָן שום ווילן אָדער ניט־ווילן, ווי אָן שום ווילן אָדער ניט־ווילן עס באַוועגט זיך אַן אַוועקגעקוליעט קייקעלע. פון זיין באָרד, פון זיין ברוסט, דער שוואַרץ־באַוואַקסענער און ציכראַסטעטער, פון די האָר, וואָס שטעקן אים אין די אויערן און אין דער נאָז, פון זיין גאַנץ ברוינעם, ווי מיט דזשעגעכץ אָנגעשמירטן לייב איז גערונען דער ריח פון קאָרינצעס און זיך אַריינגעגאָסן איבערן גערוך פון פוילע גראָזן, זיך אויסגעמישט מיט אַלע פאַרפרייטע פייכטקייטן וואָס דער סטעפּ אָטעמט אַריין אין הייסן פרימאָרגן. די אויפגעגאַנגענע זון האָט מיט איר פייער געבלענדט די אויגן און איז באַפאַלן מיט אַ מאָל, ניט ווייניקער

## שמואל האַלקין

### ווען וועט ווערן ליכטיק?

צווישן וואַנט און וואַנט צעווישן
ליגט מיין האַנט אויף קאַלטן קישן,
און דער קאָפּ ליגט אויף דער האַנט
צווישן קאַלטער וואַנט און וואַנט.

לאַנג די נאַכט און האָט קיין סוף ניט,
קאַלט די נאַכט, און ס'נעמט קיין שלאָף ניט!
און פון אָוונט ביז פרימאָרגן
טויזנט פלאָגן, טויזנט זאָרגן:
יענע ליד וועט שוין אויף שטענדיק,
ביזן טויט ניט זיין פאַרענדיקט,
און איך טראַכט: מע מוז זיין טיכטיק —
אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?

אין דער פינצטער כ'פּרוּוו באַשליסן,
צי ס'איז ציכטיק מיין געוויסן.
און ס'איז איצט, ווי קיין מאָל, וויכטיק.
אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?

כ'האָב אַ נאָנטסטן פריינד פאַרראַטן?
כ'האָב באַוויינענדיק מיין טאַטן,
אויך געטרייסט זיך, אַז ס'איז דיכטונג?
אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?

ס'איז אַ ברודער אָפּגעקומען,
ס'איז אַ צווייטער אומגעקומען,
איך געווען בין אַלץ פאַרנומען
מיט מיין דיכטונג, מיט מיין דיכטונג.
גאָט מיינער, ס'וועט ווערן ליכטיק?!

---

וואָס איז דאָרט באַפאַלן מיט גאַנצע מחנות שוואַרצע פליגן... און פלוצעם האָט ער פלוצלינג, איידער די בלינדקייט נעכטן אין אָוונט. זי האָט געאיילט צום סטעפּ אַ פריש אויסגעוואַשענע, ווי אינעם ערשטן טאָג נאָך וועלט-באַשאַפן. און פון יענער זייט פערציק-וויאָרסטיקער שטרעקע האָבן דורך זייער לייכט גאַנץ פריענדיקן שלייער מיט אַ נאָענטן בלויען בליק געקוקט אַהער די געקייקלטע בערג, וואָס אויף טשאַטערדאָגס רוקן און פלייצעס. און אויך זיי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען פיל עלטער פון ימים-נוראים און וויסן ניט פון גיין ראש-השנה אין שול אַריין... זייער בליק האָט גרשונען איז באַרויִקט אי באַאומרויִקט,

פאַרשלאָפענערהייט איז ער אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ שעה אַנדערהאַלבן, ניט פילנדיק אַז ער גייט, ניט געדענקענדיק, אַז זיינע אויגן מאָנען ביים סטעפּ די „פרומע פריצה". דערנאָך האָט ער זיך עפּעס, ווי גלאַט אַזוי אָפּגעשטעלט, זיך דערמאָנט אין נעכטיקן אָוונט, אָן דער שווערער קורץ אָפּגעשלאָפענער נאַכט. זיך איינגעקוקט אינעם אומענדלעכן פוסטן אַרום און אַרום. אים האָט דאָ אין פעלד דעריאָגט אַ געפיל פון דער היים, פון זיין קליינעם שטיבל, פון ביילקעס היציק-פאַרוויטלטן לייב,

לייב קוויטקאָ

# טאָג און נאַכט

טאָג און נאַכט —
דערפרווירענע וואַרטן מיר אין בייזן טאָג
אויף נאַכט לבנהשער,
אויף לבנה צערטלעכער.

אָנגעשראָקן וואַרטן מיר אין בייזער נאַכט —
אויף טאָג דעם זוניקן,
אויף זון דערבאַרעמדיקער.

טאָג און נאַכט —
גרוים זיינען מיר זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפן זיך מיט אונדז.

קליין זיינען מיר, גאָר קליין —
פּחד שלעפּט אונדז צו דער ערד,
ווי זיינס, ווי אייגנס.

וווהין-זשע זאָלן מיר זיך הינטאָן,
קליינע ?
וווהין, אונדזער גרויסן ווייטאָג הינטאָן,

ווייטאָג ?
ליבע ?
סודות ?

טאָג און נאַכט —
גרוים זיינען מיר זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפן זיך מיט אונדז.

---

וואָס איז דאָרט באַפאַלן מיט גאַנצע מחנות שוואַרצע פלאָגן... און פּלוצעם האָט ער דערפילט אַ בענקשאַפט אונטער דער גאַנ־צער ברייט פון זיין נאָגנדיקער ברוסט — אַ בענקשאַפט נאָך דער אַוועקגעבלאָנקע־טער טעלעצ״י, נאָך די ווייסע פלעקן, וואָס אויף איר שטערן און אויף איר האַלדז, אַ בענקשאַפט נאָך דער האַרטקייט פון אירע שוואַרצע ליפן, נאָך יעדן פינטעלע אויף איר גלאַטן, שטייפן, ובתולהדיק־יונגן לייב און איבערהויפט, אַ בענשאַפט נאָך איר זעלטן־שיינעם, ליבן שלייער.

— מאַני... ממאַ־אַ־ני!!! — האָט ער זי אָנגעהויבן צו מאָנען ביים אַרומיקן אומ־ענדלעכן סטעפּ.

און דאָס קול, וואָס האָט זיך ביי אים דאָ אין מיטן סטעפּ אַרויסגעריסן, איז געקו־מען זייער טיף פון דער ברוסט אַרויס. אָפּגעקלונגען מאַט און אַ נאָגנדיק, ווי דאָס קול פון אַ בענקנדיקער, פריש־אָפּגעלעב־טער מילך־געבערין — אַ רוף, וואָס האָט יעדנפאַלס גאָרנישט צו טאָן מיטן רוף פון אַ מענטשן. דאָס האַרץ האָט ווי אַ דאַוון געטאָן, אַ וויין געגעבן און זיך פאַר־גאַנגען מיט אַ לאַנגן, לאַנגן נאָגן צו דער „פרומער פריצה":

— ממאַ־ני!... מאַ־אַני !!!

(פון „אַ צענרובלדיקער")

איציק פעפער

# פאַר וואָס?

אַזוי איז דאָס געווען,
נאָר ס'טאָר אַזוי ניט זיין!
כ'באַנעם עס אַלץ, ווי אַט דער בוים באַנעמט דעם רעגן
נאָר ס'ברינט די פיין,
די אַלטע פיין,
וואָס האָט זיך אירע וועגן
און וואָס באַווייזט זיך מיט אַ מאָל,
זי טוט אַ שליידער זיך פון באַרג־געדריי
אין טאָל,
טוט ווידער וויי
אַזוינס, וואָס איז שוין, דוכט זיך, אויסגעהיילט
און אויסגעהוילט,
און ווידער...
און ווידער גרוילט.

כ'האָב שוין אַליין אַזוי פיל וועגן דעם דערציילט
און כ'פיל, ווי ס'קילט מיין שפּראַך, מיין קול —
זיי ווערן האַרב ווי שטאָל,
ווי כ'וואָלט שוין צוגעוווינט געוואָרן
צו אַלץ, וואָס האָט פאַרלאָפן ערשט ניט לאַנג
אין אַט די שווידערלעכע יאָרן...

צו רואיק איז מיין גאַנג,
צו קאַלט זיינען די אויגן...
ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זיין
דעם שטריק, וואָס האָט מיין ברודערס האַלדז פאַרצויגן,
ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זיין
דער האַנט, וואָס האָט דעם שטריק געהאַלטן,
דעם אויג דעם אויסגעלאָשענעם און קאַלטן,
וואָס האָט זיך ניט פאַרמאַכט
ניט טאָג ניט נאַכט
און האָט געקוקט אַ רואיקס אויף דער האַנט,
וואָס האָט דעם שטריק פאַרצויגן.
געבענטשט זאָל זיין די שיין,
וואָס ברינט מיר מיינע אויגן
און רודערט אויף מיין זיין...

# דער נסתר

*
**

...איז דער נזיר אין דעם פרימאָרגן פון וואַלד אַרויסגעגאַנגען, פריי און פרי איבער דעם ווייטן, אויסגעטראָטענעם און גלייכן וועג זיך געלאָזט און אויפגעלייגט און באַנייט איז ער שוין דיזם אָפענעם און ברייטן פעלד אַנטקעגן געגאַנגען. אַלע מאָל האָט ער זיך צום וואַלד, וואָס איז הינטן געבליבן, אויסגעדרייט, און אַלע מאָל אַלץ מער און מער אים אַ דערווייטערטן געפונען.

אין האַלבן טאָג, די זון אין מיטן הימל געשטאַנען, ליכטיק און ווייט איז דאָס פעלד געבליבן, האָט דער נזיר ווייט, ווייט אין פעלד עפּעס ליגן דערזען. גיין געלאָזט האָט זיך אַהין־צו דער נזיר — געגאַנגען און געגאַנגען און צו דער זאַך זיך דערנענטערט. און ווי ער איז אַהין צוגעקומען, האָט ער אויף דער ערד דאָרט אַ מענטשן דערזען. דאָס איז אַ גייער אין מיטן פעלד ביי אַ ברונעם געלעגן און פון וועג און טאָג אָפּגערוט. האָט זיך דער נזיר נעבן מיטן אַראָפּגעלאָזט, זיך אַנידערגעזעצט און אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען?

האָט אויף אים דער גייער רואיק און פאַמעלעך אַ גייערישן קוק געטאָן און געענטפערט:

— פון לאַנג.

— און וווהין?

— אויף נאָך לענגער...

— נאָך וואָס?

— נאָך דער אַלטער אבידה.

— וואָס ביי וועמען איז פאַרלוירן געגאַנגען?

— ביי גאָר דער וועלט — אַ קערנדל...

— גייען מיר דאָך אין איינעם?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ס'אַ קבלה... פונעם באַוווּסטן אַלטן.

— אַז ?

— אַז הייליק די וועגן, נאָך הייליקער גייערס; געבענטשט איז דער גאַנג און געבענטשטער דאָס גיין, און גיין הייסט באַזונדער.

— אָבער ציל איז דאָך איינער?

— יאָ, ציל איז דאָך איינער, נאָר גייערס פאַרשיידן... און זוכט מען פאַרשיידן, געפינט מען — אין געשטאַלט און אין פאָרעם... און יעדער זיין שטייגער, זיין וועלט און זיין קערן...

— און דער ברונעם?

— דאָס איז דער ירושה־ברונעם: פון דור צו דור, פון גייער צו גייען, אונדזער שפּיגל און אונדזער ראיה...

(פון „אַ מעשה מיט אַ נזיר
און מיט אַ ציגעלע")

# דאָס לעצטע ליד

זיי וואָלטן שוין דעם גבורה־עלטער לאַנג דערגרייכט
און וויפל וועדק, נאָך מער,
ווען נישט פאַרשווענקט וואָלט זיי דער רויטער טייך...
מיר דאַכט זיך אַלץ — איך הער, איך הער
פון מאַרקישן, פון פעפערן דאָס לעצטע ליד,
וואָס פלעכט זיך דורך מיט ביקסן־זאַלפּ,
אַ פעטליין איבער דעם זיך ענג פאַרציט,
נאָר ס'רייסט אַרויס זיך ווי אַ שוואַלב
און פליט, און פליט דורך שטחים און דורך צייט
צו אייביקייט — — —
און ס'ווערט דאָס ליד באַגלייט
פון מלאכים־ווערטער בערגעלסאָנס, האָפשטיינס,

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# אַ משפּחה אין פוילן*)

## (בלעטער זכרונות פון מיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן)

איצט ווען מיר האַלטן ביים סוף פון דער ניינטער דעקאַדע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; ווי׳ן עס ווילט זיך מיר אויפוועקן מיין קינדהייט און יוגנט פון לאַנגיאָריקן דרימל — ווייס איך ווי שווער עס וועט מיר אָנקומען צו מאָלן אָביעקטיוו די אויסערלעכע און אינערלעכע וועלט פון יענער צייט, פון יענע״ים גייסטיקן קלימאַט, פון יענער יידיש־פוילישער אומגעבונג, אין וועלכער איך בין אויפגעוואַקסן, זיך גייסטיק אַנטוויקלט ביז איך האָב פאַרלאָזט מיין געבוירן־לאַנד. די דאָזיקע דערינערונגען מיינע וועלן מסתמא זיין באַפאַרבט פון מיינע איצטיקע שטימונגען, געמיט־צושטאַנד, און רעיונות. עס קען אַנדערש נישט זיין. דאָך וועל איך פּרובירן זיין אַזוי סוביעקטיוו־אָביעקטיוו ווי מ׳קען זיין ווען זיך אַליין, וועגן די נאָענטסטע און טייערסטע. די פאַקטן, אויף וויפל איך געדענק זיי, וועלן זיין פּינקטלעך, און וועלן רעדן פאַר זיך אַליין.

דאָס פריסטע פון מיין קינדהייט וואָס איך געדענק, ווען איך בין אַלט געווען אַרום דריי יאָר, איז מיין געוויין בעת טאַטע־מאַמע זיינען אַוועקגעפאָרן צו דזי״ר חתונה פון פעטער לאָזער (אליעזר) גיפּס — מיין מאַמעס יינגסטער ברודער — און מיך האָט מען נישט מיטגענומען. מיט עטלעכ״ יאָר שפּעטער, אין 1907, ווען מיין טאַטע איז מיט פינף דערוואַקסענע זין און טעכטער, וואָס זיין ערשטע פרוי אסתר האָט געבאָרן, אַוועק קיין אַמעריקע, געדענק איך נישט די געזעגענונג.

דאָס שטעטל ווו מיר האָבן געלעבט, באַדזאַנאָוו, ליגט צווישן פּלאָצק און ווישעגראַד; אַרום 20 קילאָמעטער פון די דאָזיקע צוויי שטעט ביי דער ווייסל. ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מיין ברודער בינעם לעדערמאַן — אין אַ לענגערן בריוו אין „פאָרווערטס" — געמאָלן דאָס שטעטל באַדזאַנאָוו אַזוי: ערב דער מלחמה איז די צאָל יידן אין באַדזאַנאָוו געווען איבער 1600 נפשות; קריסטן אַרום 3000. געווען דאָרטן אָרגאַניזאַציעס פון „אַגודת־ישראל", „פועלי אמונת־ישראל",

*) די דאָזיקע זכרונות זיינען אַ טייל פון ש. גוטמאַנס עסייען־בוך: „יידישער קיבוץ אין פּראָפיל", וואָס דערשיינט אין גיכן.

---

נסתרים, קוויטקאָס, אַלע די,
וואָס געצאָלט האָבן מיט בלוט און פּיין
פאַר גלויבן און פאַר מי,
פאַר ליד
פון ייד.

זיי וואָלטן שוין דעם גבורה־עלטער לאַנג דערגרייכט
ווען נישט דער גרויסער מאָרד...
נאָר זע, עס לייכט
מיט גבורה זיי״ער וואָרט
איבער גאָר דער לענג, דער טיף און ברייט
פון אונדז — פון פאָלק — פון אייביקייט!

משה שקליאַר

„פּועלי־ציון״, „בונד״, „רעוויזיאָניסטן״, „יוגנט־בונד־צוקונפט״, און „בנות אגודת ישראל״. אין שטעטל האָבן פונקציאָנירט דריי ביבליאָטעקן מיט איבער 5000 ביכער; אין דער „בית־יעקב שול״ האָבן געלערנט 85 מיידלעך; אַחוץ דעם שטאָטישן בית־מדרש איז אויך געווען אַ שול פון פּועלי־אמונת־ישראל; אַ גערער שטיבל; און אַ מנין פון האַנטווערקער פאַראיין; אַ גמילת־חסדים־קאַסע, און אַ פאָלקס־באַנק. פאַרשטייט זיך אַז ס'איז געווען אַ רב, אַ חזן, אַ שוחט און אַ שמש. הונדערט ייִנגלעך האָבן געלערנט אין עטלעכע חדרים. יעדן טאָג פלעגט מען פאַרקויפן 50 עקזעמפּלאַרן פון „מאָמענט״, „היינט״ און „פאָלקס־צייטונג״.

דער טאַטע אונדזערער, ר' יעקב לעדערמאַן, איז געווען אַ ייד פון מיטעלן וווּקס, באַוווּסט ווי אַ למדן, און דערצו אַ מענטש מיט אַ הדרת־פּנים. ער איז אין דער יוגנט געווען אַ גערער חסיד, שפּעטער אַ משכיל, אַ בעל־מנגן, אַ כלל־טוער און אַ בורר. מיר האָבן געוווינט אין אַן אייגן צוויי־שטאָקיק־הויז, און געהאַט אַ גאַלאַנטעריע קראָם וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעפירט. אין אונדזער שטעטל איז מיין טאַטע געווען באַוווּסט ווי אַ ווילט־ און מענטשן־קענער — אין דער יוגנט איז ער געווען במשך אַ יאָר אין לאָנדאָן, און שפּעטער פיר יאָר אין ניו־יאָרק — איז ער אין זיין טאָג־טעגלעכן אויפפיר נישט געווען אַנדערש פון אַנדערע פרומע יידן. ער האָט צווישן זיינע ידידים געהאַט נישט בלויז דעם רב נאָר אויך משכילים וואָס האָבן געלייענט די „הצפירה״ און דעם „קוריער וואַרשאַווסקי״.

ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, און בין שוין געווען אַ 10־11 יעריק ייִנגל, פלעג איך אָבסערווירן דעם טאַטנס „סתירות״: אָט פירט ער אָן אין בית־המדרש מיט דער „חברה משניות״, היט אָפּ אַלע מצוות־מעשיות, און גלייכצייטיק ציט ער אַלע מאָל מיין אויפמערק צו רבי אברהם אבן עזרא'ס (1092־1167) פּיאָנערישן ביבל־קריטישן פּירוש צו דער געשיכטע פון יציאת־מצרים — וואָס איז פול מיט אַפּיקורסישע רמזים און אינטערפּרעטאַציעס.

שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען אַז אויך פרומע לומדים פרעגן אַ סך קשיות, און זעען ניט ווייניק ווידערשפּרוכן אין תנ״ך.

די מאַמע מיינע ברײנע (פון דער היים: גיפּס) איז געווען אַ פיל־ייִנגערע שוועסטער פון טאַטנס ערשטער ווייב אסתר, וואָס איז געשטאָרבן ביים געבוירן איר ביינט קינד; מיין מאַמע איז געווען אַ סך ייִנגער פון טאַטן, אַ שיינע פרוי, מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער — אַן אמתע אשת־חיל. בעת דער טאַטע איז געווען במשך פיר יאָר אין אַמעריקע — פון 1907 ביז 1911 — האָט זי געקענט אָנפירן אי מיט דער קראָם, אי דערציען דריי קינדער — שואל, בינעם און מעכל — וואָס זיינען אַלט געווען פינף, דריי און איין יאָר. זי פלעגט פון צייט צו צייט פאָרן קיין וואַרשע, קיין לאָדזש, און אַנדערע שטעט איינהאַנדלען סחורה פאַרן געוועלב. ווען איך בין געווען אַ 7־8 יאָר אַלט פלעג איך מיט איר מיטפאָרן ווי אַן אַרויסהעלפער.

אַוודאי האָט מיך די מאַמע געשיקט אין חדר — און איך געדענק נישט קיין שום שלעכטס וועגן מיין ערשטן מלמד; בלויז איין מאָל האָט ער מיר געגעבן אַ פּאַטש, ווייל איך האָב נישט געענטפערט ריכטיק אויף זיינס אַ פראַגע; „איך האָב זיך פאַרקוקט אויף נעכטיקע טעג און פייגעלעך.״ האָב איך צו אים מער נישט געוואָלט גיין, און די מאַמע האָט מיך געשיקט צו אַן אַנדערן מלמד. מיין פעטער שיע דאָרן — אַ ייד מיט אַ פייערדיקער רויטער באָרד, איז געווען קינדערלאָז, און האָט ליב געהאַט קינדער. ער פלעגט מיר קנייפּן אין באַק, און אָנקוועלן ווען איך פלעג זאָגן פון אויסנווייניק די פּרשה פון דער וואָך.

אַרום 1910 האָט מען אין באָדזאַנאָוו געגרינדעט אַ ישיבה. מען האָט אַהערגעבראַכט מלמדים פון זשיכלין, ווישעגראָד, און אַנדערע שטעט. אַזוי ווי איך בין געווען דער ייִנגסטער אין מיין כיתה פלעגן מיך די עלטערע ייִנגלעך טעראָריזירן. דאָ איז מיר געקומען צו הילף מיין קוזין שיע וואָלף, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט דריי יאָר. די ישיבה האָט אָנגעהאַלטן בלויז עטלעכע יאָר. לויט די

דעמאָלטיקע צאַרישע געזעצן וואָס האָבן געגאָלטן אין קאָנגרעס־פוילן האָבן יידישע קינדער געדאַרפט לערנען רוסיש עטלעכע שעה אין וואָך. דער רוסישער לערער וואָס האָט אונדז געלערנט האָט געהאַט אַ האַרט־פאַרגליווערטן פנים פון אַ טשינאָווניק. איין מאָל האָט ער מיר געשטעלט אַ פראַגע, און ווען איך האָב אים נישט געגעבן דעם ריכטיקן ענטפער, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין האַנט מיט אַ הילצערנער ווירע, אַז עס האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן — און איך האָב זיך פון דעמאָלט אָן געשראָקן פאַר אים.

די פיר יאָר וואָס דער טאַטע איז געווען אין אַמעריקע האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זיכרון. איך בין דאָך געווען דער כלומרשטער אַפּיעקון פון מיינע יינגערע צוויי ברידערלעך: בינעם און מיכל. ווען ס'איז אָנגעקומען אַ יידישער יום־טוב און די מאַמע האָט אונדז באַקליידט מיט די שענסטע בגדים וואָס מיר האָבן געהאַט, פלעגן די אַנדערע ייִנגלעך אין בית־המדרש ווּהין מיר זיינען געקומען, אונדז באַטראַכטן און באַטאַפּן, און זאָגן מבינות — דעמאָלט פלעג איך זיך דערפילן פאַריתומט אָן דעם טאַטן. עס האָט מיר אויך וויי געטאָן פאַר דער מאַמען, וואָס זי איז אַליין, און דערצו פלעגט זי דעמאָלט שטאַרק ליידן פון צאָן־ווייטיק. ערשט יאָרן שפּעטער איז זי געפאָרן קיין פּלאָצק צו אַ דענטיסט און זיך אַריינגעשטעלט נייע ציין. אין קאָמפּליצירטע ענינים וואָס פלעגן אויפקומען פון צייט צו צייט איז איר יוצא־געבער געווען איר שוואָגער — מיין פעטער שמואל־אבא זעמל — אַן אײדעלער און גוטער מענטש, וואָס איז געווען דער אייגנטימער פון אַ שניטקראָם נישט ווייט פון אונדזער הויז.

ענדלעך איז אין יאָר 1910 אָנגעקומען פון טאַטן שיפסקאַרטן און געלט אַז מיר זאָלן זיך גרייטן צו פאָרן קיין אַמעריקע. אָבער מיין מאַמע האָט זיך געקווענקלט, און נאָך אַ לענגערן יישוב־הדעת האָט זי באַשלאָסן אַז מיר פאָרן נישט. ערשטנס, איז איר שווער געווען זיך צו שיידן מיט איר גרויסער משפחה אין באָדזאַנאָוו: דאָ האָבן געוווינט אירע פינף שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס, און באַלד דערנעבן — אירע ברידער רחום (ראַכעם) און לאָזער גיפּס. צווייטנס, האָט די מאַמע געזאָגט, אין אַמעריקע וועלן די קינדער אויסוואַקסן גוים; און דערצו האָט זי געהערט אַז אין אַמעריקע האָט מען נישט קיין דינסטן, און ווען אַליין קינדער וועלן גיין אַרבעטן אין די שעפּער וועט זי דאַרפן זיין די דינסט פאַר אַלעמען. ווי אַ פּועל־יוצא איז דער טאַטע, מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1911, אַהיימגעקומען. פאַר מיר איז דאָס דעמאָלט געווען אַ גרויסע פרייד: איך בין געוואָרן אויס „יתום".

## 1911-1914 — די בעסטע יאָרן פון מיין קינדהייט

ווען מיין טאַטע איז אַהיימגעקומען, געדענק איך אַז זיינע ידידים אין שטעטל זיינען געקומען צו אונדז, און עטלעכע האָבן באַטראַכט דעם טאַטן, און באַמערקט צו אים, אַז זיין באָרד, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן גרויען, איז עפּעס צו גלייך און שיין; זיי האָבן אים חושד געווען אַז ער שערט זי — ס'הייסט אַז ער איז אין אַמעריקע „קאַליע" געוואָרן; אָבער ער האָט געלייקנט. פאַר אַ שטיקל צייט נאָך זיין צוריקקומען האָט ער געטראָגן די געקירצטע מלבושים לויטן דעמאָלטיקן אַמעריקאַנער מנהג ביי משכילים־אָרטאָדאָקסן; דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט: אין אַ פאָר חדשים אַרום איז ער צוריק אַריין אין דער יידיש־פּוילישער הלבשה פון לאַנגע קאַפּאָטעס.

באָדזאַנאָוו האָט אַמאָל, נאָך אין אַכצנטן יאָרהונדערט געהאַט ווי איר רב דעם באַרימטן רעליגיעזן משכיל ר' יהודה לייב מרגליות, וועמען אהרן צייטלין באַצייכנט ווי אַן אַנטי־מענדעלסאָן־משכיל. (געבאָרן אין 1747, געשטאָרבן אין פראַנקפורט אויפן אָדער אין 1811). (זע: ישראל צינבערג. די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן; 5טער באַנד, ניו־יאָרק, 1943, זייטן 302-307. צינבערג האָט על פי טעות געשריבן: בוסנאָוו, אָנשטאָט באָדזאַנאָוו; ער האָט אויך פאַרביטן פּלאָצק

ווו הרב מרגליות איז שפּעטער געווען רב, אויף פּאָלאַצק. זע אויך אהרן צייטלינס מאמר אין „הדואר", כ"ו אדר, ה'תשי"ט, 6טן מאַרץ, 1959. זע ספּעציעל: ביילאַגע 2, ביים סוף פון בוך).

במשך מיין קינדהייט און יוגנט איז אין אונדזער שטעטל געווען דער רב: ר' חנוך העניך נאַווהרי, אַ למדן, און אַ שטרענג פרומער ירא־שמים, אָבער גלייכצייטיק דיי־פאַרן אין לעבנס־ענינים, און באַקאַנט מיט די גייסטיקע שטרעמונגען צווישן יידן אין זיין צייט. (זע וועגן זיין טראַגישן טויט: ש. ניגער: „קידוש־השם"; ציק"אָ ביכער־פאַרלאַג; ניו־יאָרק, 1948; זייט 354; און דעם „פאָרווערטס" פון דעצ. 4, 1945). האָט דער רב פון שטעטל, ווייזט אויס, באַשלאָסן, אין 1911, אָדער 1912, אַז ער אַליין וועט זיין דער בעסטער רבי־לערער פאַר זיין בן־יחיד שמשון—אַ יינגל אין מיין עלטער. ער האָט אויסגעקליבן דריי יינגלעך אין זיין זונס עלטער, וואָס האָבן געשמט ווי פעיקע תלמידים, ווי מיטליינער מיט שמשונען. בין איך געווען איינער פון זיי.

דער רב האָט באַווינט אַ הויז גלייך לעבן בית־המדרש. מיר פלעגן קומען צו אים אין זיין גרויסן צימער פול מיט ספרים גאַנץ פרי—ווינטער־צייט איז נאָך געווען פינצטער. דאָס ערשטע יאָר האָבן מיר דער עיקר געלערנט גמרא מיט תוספות; דאָס צווייטע און דריטע יאָר האָבן מיר אָפּגעגעבן מער צייט אויף „יורה־דעה", „חושן משפט", און דער משנה־תורה פון רמב"ם, און שפּעטערדיקע פוסקים. מיר פלעגן לערנען ביי אים עטלעכע שעה אין דער פרי, און עטלעכע שעה נאָך מיטאָג. ווען שטעטלשע יידן פלעגן קומען צו אים מיט אַ דין־תורה זיינען מיר אַריין אין בית־מדרש ווו עלטערע בחורים האָבן אַליין געלערנט. איך פלעג דעמאָלט ליב האָבן צו לייענען אין תנ"ך די נביאים וועלכע מיר האָבן אין חדר נאָך נישט געהאַט געלערנט. דער עיקר האָבן מיך פאַרכאַפּט, אימפּאָנירט, און באַאיינדרוקט ישעיהו, יחזקאל, און ירמיהו. זייערע פלאַקערדיקע, שטורמישע שטראָף־ און טרייסט־רייד, אויסגעדריקט אין עקספּלאָ־

סיווע, מוזיקאַלישע פערזן און מעטאַפאָרן האָבן געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם אויף מיר. זיי האָבן מיך באַאיינדרוקט מיט זייער דערהויבנקייט, פּאָעטישער קראַפט און עטישקייט, און זיי, די נביאי־צדק, זיינען געווען דער הויפּט־מקור פאַר מיינע שפּעטערדיקע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען.

טייל מאָל פלעגט דער רב אונדז איבערגעבן דעם תמצית פון אַ דין־תורה, און איין מאָל, געדענק איך, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז דער אָנקלאָגער האָט זיינע טענות און אַרגומענטן נאָר וואָס אויסגעלערנט אין רמב"מ'ס „משנה־תורה".

איין מאָל האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע: ס'איז געווען אַ וואַרעמער, זומערדיקער טאָג, ווען צוויי יידן זיינען געקומען צום רב מיט אַ דין־תורה. זיינען מיר, פיר תלמידים, אַרויסגעגאַנגען אויף דער לאָנקע הינטערן רבס הויז. מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פילקע־שפּיל, אַז מיר האָבן פאַרגעסן אין לערנען, און אַז מיר דאַרפן צוריקגיין אין רבס הויז, אויב די דין־תורה איז שוין פאַרענדיקט. נאָך עטלעכע שעה שפּילן אין פילקע דערזעען מיר פלוצלינג ווי דער רב שטייט נישט ווייט פון אונדז, און באַטראַכט אונדז מיט אַן איראָנישן בליק, ווי ער וואָלט געזאָגט: אויף אַזוינס האָב איך זיך נישט געריכט. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און מיט אַ געפיל פון שולד און שעמעוודיקייט זיינען מיר געגאַנגען ווייטער לערנען. דער רב האָט אונדז קיין איין וואָרט מוסר נישט געזאָגט; ער האָט פאַרשוויגן די גאַנצע געשיכטע, אָבער ער האָט זי נישט פאַרגעסן... מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען איך בין מיטן טאַטן געגאַנגען אין רבס סוכה; ווען די שענסטע באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן זיך משמח געווען מיט וויין און ביר, האָט ער זיי דערציילט די „מיאוסע געשיכטע" וואָס די „גמרא־בחורים" האָבן אָפּגעטאָן. איך האָב זיך אַזוי פאַרשעמט ווי איך וואָלט געווען אַ „חוטא בעגל"...

מערסטע יידישע יום־טובים זיינען פאַר מיר אין די קינדער־יאָרן געווען אַ פרייִדיקע איבערלעבונג. אַחוץ דעם וואָס איך און מיינע צוויי יינגערע ברידערלעך זיי־

נען לכבוד פּסח געוואָרן אויסגעפּוצט אין נייע מלבושים, און די מאַמע האָט צוגעגרייט ספּעציעלע מאכלים. בין איך געווען אַנטציקט פון אַ ריי פּיוטים און זייערע רעטשיטאַטיווע מעלאָדיעס, וואָס דער חזן און די משוררים פלעגן אויסזינגען. דער טאַטע פלעגט פּראַווען דעם סדר אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, און ער פלעגט זיך אָפּשטעלן צו מאַכן זיינע קאָמענטאַרן אויף געוויסע שטעלן אין דער הגדה, ווייל „כל המרבה לספּר הרי זה משובח". האָב איך אַרויסגעקוקט אויף די מערסטע יידישע יום־טובים. אָבער יום־כיפּור האָט אַרויסגערופן אַן אַמביוואַלענטע באַציונג פון שרעק און פרייד. די סומנעקייט מיטן אָנקומען פון חודש אלול, און די ערנסטקייט און מרה־שחורה וואָס יידישע פּנימער האָבן אויסגעדריקט במשך די עשרת־ימי־תשובה, האָבן געווירקט שווער אויף מיין קינדערשן געמיט. דער טאַטע איז געוואָרן שיער נישט אַן אַנדער מענטש, און ווען ער האָט ערב יום־כיפּור פאַרן גיין אין שול צו כל־נדרי זיך צעוויינט אויפן קול, האָב איך עס געוואָלט וואָס גיכער איבערקומען. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געאַנט אַז די דאָזיקע טרערן דריקן אויס זיין צער גידול־בנים וואָס האָט זיך אין דער פייערלעכער מינוט אָפּגערופן, ספּעציעל אין שייכות צו די עלטערע זין און טעכטער וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער ווייטער ניו־יאָרק.

פון דער אַנדערער זייט, האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט פון די יום־כיפּורדיקע פּיוטים און תפילות. ספּעציעל באַאיינדרוקט בין איך געוואָרן פון יום־כיפּורדיקן מוסף מיט זיין איבערגעבן וועגן דער עבודה פון כהן־גדול אין בית־המקדש, און דערביי פאַלן אַלע מתפללים אין בית־המדרש אויף די קני כורעים. דער ניגון מיט וועלכע דער חזן און די משוררים האָבן אויסגעזונגען די עבודה האָט זיך פאַר אַ סך יאָרן איינגעקריצט אין מיין זכרון.

אַחוץ די יידישע יום־טובים זיינען געווען נאָך פריידיקע מאָמענטן אין מיין קינדהייט, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. מיר זיינען געווען אַ גרויסע משפחה אין שטעטל. עס האָבן דאָרטן געלעבט מיין מאַמעס עלטערע פינף שוועסטער מיט זייערע פאַמילייס; אַלע האָבן געהאַט קינדער פאַר וועמען מ'האָט פון צייט צו צייט געפּראַוועט חתונות מיט קלעזמאָרים, אַ בדחן, סעודות און טענץ. צו די דאָזיקע שמחות פלעגט שטענדיק קומען דער פעטער לאָזיער (אליעזר) גיפּס, דער מאַמעס יינגסטער ברודער, וואָס האָט געוווינט אין סטעזשגאָווע, און אַמאָל פלעגט אויך קומען דער פעטער אברהם רחום פון ראַטשוינז, דער מאַמעס עלטסטער ברודער.

דער פעטער לאָזער איז געווען אַ שיינער, הויכער מאַן, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, און ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי זיינע שוועסטער; דערצו האָט ער געקענט שיין זינגען; ער איז געווען די נשמה פון יעדער משפחה־שמחה. פאַר אונדז קליינוואַרג איז יעדע שמחה אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט געווען אַ גרויס געשעעניש. ער פלעגט מיטברענגען פייערווערק וואָס האָבן באַלויכטן די פינצטערע גאַסן בעת אונדזער פּראָצעסיע איז געגאַנגען צו דער חופּה אויפן שול־הויף. די דאָזיקע פייערווערק מיט אַלערליי קאָלירפולע ליכט־אוזאָרן פלעגט ער ברענגען פון וואַרשע, און זיי האָבן אונדז קינדער שטאַרק דערפרייט.

דעם טאַטנס צוויי זין אין אַמעריקע — איצל און שיע (איזידאָר און סיים לעדערמאַן) פלעגן אָפט שרייבן בריוו צו אונדז, וואָס פלעגן דערציילן וועגן זייער לעבן און זייערע פּראָבלעמען; זיי האָבן געשטרעבט צו אַ העכערער בילדונג, און סעם, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע שטימע צו זינגען, האָט זיך געוואָלט ווידמען צו מוזיק. ער האָט זיך פאַר אַ צייט באַטייליקט אין די אויפפירונגען פון גילבערט־און־סוליוואַן אָפּערעטאַס. ביידע ברידער האָבן זיך געראַנגלט מיטן פּראָבלעם: אויפשטעלן אַ פאַמיליע, אָדער וואַרטן ביז מ'וועט רעאַליזירן די אַמביציעס. דערווייל האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ לעבן, זיינען זיי געוואָרן בייטלמאַכער פאַר פּרויען (פּאָקעטבוק מייקערס), געאַרבעט אין שעפּער און געהאָלפן אָרגאַניזירן די „פּאָקעטבוק־מייקערס־יוניאָן".

ביידע ברידער זיינען שפּעטער געוואָרן פּראָמינענטע טרייד־יוניאָן פירער — איזידאָר אין ניו־יאָרק און סעם אין שיקאַגאָ. דער עלטערער ברודער, איזידאָר, איז געווען אַן ערשט־ראַנגיקער רעדנער — אין יידיש און ענגליש — און פלעגט אָפט שרייבן אין „פאָרווערטס" איבער טרייד־יוניאָן פּראָבלעמען. ער איז געבליבן אַן „אייביקער סטודענט" פון הומאַניסטיק. סעם איז געוואָרן אַ מוזיק־קענער און פּאַרשפּרייטער, און דערצו אַן אָנגעזעענער טוער אין שיקאַגאָער יידישן קולטור־לעבן. ער איז געווען אַ פירנדיקער טוער אין שיקאַגער „קאָוועגאַנט־קלוב" ווו עס האָבן געהערט די פּני פון דער יידישער שיקאַגאָ. מען מעג, אָן שום איבער־טרייבונג זאָגן, אַז איזידאָר און סעם לעדערמאַן זיינען געווען צווישן די אינטע־לעגענטסטע אַרבעטער־פירער אין אַמע־ריקע.

(זיך וועגן איזידאָר לעדערמאַן (1887-1952) אין: „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", „יידן ה", 1957; שמואל ווייס: יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע; זייט 291-3292.) וועגן איזידאָר לעדערמאַנס אויפטוען במשך די לעצטע צייך יאָר פון זיין לעבן, ווי דער בויער און דירעקטאָר פון דער טרייד־יוניאָן־דיוויזיע אין אַמע־ריקאַנער הסתדרות־קאַמפּיין, זע „ מרדכי באַרלאָס, אין „הסתדרות־זשורנאַל; ניו־יאָרק, דעצ. 1952; זע אויך דעם „פאָר־ווערטס", 1952 (איך האָב לײדער נישט די דאַטע פון דעם אַרטיקל). וועגן סעם לעדערמאַן (1895-1957) זע: „ס. מינעס־מאַן, „פאָרווערטס" 31טן יולי, 1957; ב. שעפּנער, „פאָרווערטס" 29טן מערץ, 1958; יהודה גערטלער: „יידישער קעמ־פער", 16טן יוני, 1944. וועגן סעם לע־דערמאַנס אויפטו ווי אַ טרייד־יוניאָן פי־רער האָט אויך געשריבן דער ענגלישער זשורנאַל: „טיים־מאַגאַזין", און וועגן זיין אויפטו אויפן פעלד פון פאַרשפּרייטן אין שיקאַגאָ ערנסט בלאָכס מוזיקאַלישע שאַ־פונגען האָט די „ניו־יאָרק טיימס" געהאַט אַ גרויסן אַרטיקל אין אַ זונטיק־נומער. (לײדער האָב איך די אַלע אַרטיקלען נישט ביי דער האַנט).

די צוויי זיידעס מיינע האָב איך שוין לײדער נישט זוכה געווען צו קענען; איך ווייס בלויז אַז זיי זיינען אַוועק אין טיפן עלטער. איך האָב יאָ געהאַט דאָס גליק צו קענען די צוויי באָבעס מיינע — רעכל און חנה־סערקע; זיי זיינען געווען קאָנט־ראַסטן אין זייערע כאַראַקטערן. די באָבע רעכל, פון דער מאַמעס צד (איר נאָמען פון דער היים איז געווען: ראכעם) האָט געשטאַמט פון פלינסק (פּלאָנסק) פון אַ ייחוסדיקער משפּחה — איר פּעטער איז געווען דער לאָדזשער שטאָט־מגיד. רעכל איז געווען אַן איידעלע, אַ צידקנית, אַ „גוטע נשמה". זי פלעגט מיר אָפט געבן אַ קאָפּעקע זיך צו קויפן צוקערקעס. די באָבע חנה־סערקע, מיין טאַטעס מאַמע, איז געווען אַ פאַרכמורעטע, אַן אָנגעב־רוגזטע, אָבער זייער אַן ענערגישע: אין טיפן עלטער האָט זי נאָך געהאַנדלט מיט עופות. פון צייט צו צייט פלעגט זי עסן ביי אונדז שבתים און יום־טובים. זי האָט געוווינט פאַר זיך לעבן אונדזער הויז.

## די יאָרן 1914-1916 בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגט יעדן זומער קומען אין אונדזער שטעטל אַ פּאָלק רוסישע זעלנער אויף מאַנעווערס. דער געגנט איז געווען נאָ־ענט צו דער פּרייסישער גרענעץ, און דערפאַר — אַזוי האָט מען גערעדט — וויל נישט די צאַרישע ממשלה בויען אַ באַן־ליניע אין פּלאָצק — אין פאַל פון אַ מלחמה קען דאָס העלפן די דייטשן.

באַלד ווי די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן אין אויגוסט, 1914, האָבן די דייטשן אָקופּירט אַ ריי שטעט נישט ווייט פון אונדזער שטעטל: קאַליש, מלאַ־ווע, ריפּין און אַנדערע. אין אָנהייב פון יאָר 1915 איז באָדזאַנאָוו און אומגעגנט געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פון דער רוסי־שער אַרמיי; ביידע קעגנערישע אַרמייען האָבן זיך איבערן ווינטער באַפעסטיקט ביי דער ווייסל, וואָס איז פאַרבייגעפלאָסן זעקס וויאָרסט פון באָדזאַנאָוו. אין פּלאָצק זיינען געווען די דייטשן און אין באָדזאַ־נאָוו — די רוסן. ווישעגראָד איז געוואָרן

באָמבאַרדירט מצד די דייטשן, זיינען יידן געלאָפן פון שטאָט, וווּהין זיי האָבן געקענט; זיינען אַ סך פון זיי געקומען קיין באָדזאַנאָוו. מען האָט זיי איינקוואַרטירט אין יידישע היימען, אָבער זייער מנוחה האָט לאַנג נישט געדויערט: באַלד האָבן זיי צוזאַמען מיט זייערע מכניסי־אורחים געדאַרפט ווערן פליטים.

דער קאָמאַנדיר פון דער צאַרישער אַרמיי, ניקאָלאַי ניקאָלייעוויטש, האָט געהאַלטן אַז די יידישע באַפעלקערונג אין די געגנטן פון די קריגס־אָפּעראַציעס שטעלט מיט זיך פאָר אַ סכנה פאַר דער רוסישער אַרמיי, ווייל אַ דאַנק דער נאָענטקייט פון זייערע שפּראַכן — יידיש און דייטש — קענען יידן זיך צונויפריידן מיט דייטשן און קומען זיי צוהילף. האָבן די קאָמאַנדירן פון דער צאַרישער אַרמיי אַרויסגעגעבן אַן אוקאַז, אַז אַלע יידן פון יענע ערטער וואָס ליגן נאָענט צום פראָנט שטח מוזן פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער. דערצו האָבן פוילישע נאַציאָנאַליסטן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז פויליש־רוסישע יידן אָריענטירן זיך אויף די דייטשן און עסטרייכער, און העלפן זיי מיט שפּיאָנאַזש און פּראָוויאַנט. אויפן קלענסטן, אומבאַגרינדעטן חשד האָט מען די חשובסטע יידן אין דער קהילה גענומען ווי ערבניקעס. מיין טאַטע האָט קוים אָפּגעראַטעוועט זיין לעבן: אַזוי ווי ער איז געווען אָנגעזען אין דער קהילה, האָט מען אים אַרעסטירט און געשלעפּט צום רוסישן קאָמענדאַנט; ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז מ׳גייט אים הענגען. על פי נס האָט מען אָפּגעשריגן די סכנה, און נאָך עטלעכע שעה שרעק, איז ער געקומען אַהיים אַ טויט־בלאַסער און דערשלאָגענער.

אָנהייב 1915, אין חודש שבט, איז אַרויס דער באַפעל אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן באָדזאַנאָוו אין משך פון עטלעכע טעג. אַזוי ווי קיין באַן איז ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען, האָט מען געדאַרפט דינגען גויאישע פורמאַנעס, און מיט פערד־און־וואָגן זיך דערשלאָגן קיין וואַרשע. אין אַ שאַרף־פראָסטיקן פאַרנאַכט האָט אונדזער גאַנצע פאַמיליע זיך אַריינגעזעצט אין אַן אָפענעם וואָגן, צוזאַמען מיט אַלצדינג וואָס מ׳האָט געקענט אַהין אַריינשטופּן. מען האָט זיך איינגעטוליעט אין די וואַרעמסטע מלבושים און זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג קיין וואַרשע, איבערלאָזנדיק אין דער קראָם דעם גרעסטן טייל פון דער סחורה. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט, און דער באָדן, ס׳הייסט דער שאָסיי באַדעקט מיט שניי. אַ צוג מיט וועגענער, אָנגעפילט מיט יידישע פאַמיליעס, מענער, פרויען און קינדער, האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט קיין וואַרשע.

ביי די זייטן פון שאָסיי האָבן זיך כסדר באַוויזן רייטנדיקע קאָזאַקן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַ פחד. נאָך עטלעכע שעה פאָרן האָט זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט דער גאַנצער צוג. אַ סך קאָזאַקן זיינען אַרונטער פון די פערד און געפאָדערט געלט פון די פליטים. אַ קאָזאַק האָט אַרונטערגעשלעפּט דעם טאַטן פון וואָגן, אים געשלאָגן, און געשריגן: „זשיד דאַוואַי דיענגי" (ייד גיב געלט). דער טאַטע האָט זיך ביי אים געבעטן: „מיר האָבן נישט קיין געלט, ווייל מיין גאַנצער פאַרמעגן איז געבליבן אין באָדזאַנאָוו." די דאָזיקע סצענע האָט זיך איבערגעחזרט ביי אַ סך פליטים. נאָך אַ גאַנצער נאַכט זיך שלעפּן מיט די וועגענער, זיינען מיר אין דער פרי אָנגעקומען קיין נאָווידוואָר, און אין מיטן טאָג זיינען מיר דערפאָרן קיין וואַרשע. אויסגעמאַטערטע, געפרוירענע און דערשראָקענע, האָבן מיר מיט דער הילף פון „דזשאָינט"־קאָמיטעט געפונען אַ דירה אויף ראָג פאַנסקע און טוואַרדע גאַס.

פון דעם פראָסט אַ גאַנצע נאַכט אויף דעם אָפענעם וואָגן זיינען מיינע פיס געוואָרן געפרוירן און געשוואָלן, און מען האָט זיך לאַנג געמאַטערט ביז מ׳האָט געקענט אַראָפּציען די שטיוול. אַ דאָקטאָר האָט געראָטן צו ווייקן די פיס אין הייסע וואַסער, און דאָס האָט פאַרשאַפט שטאַרקע ווייטיקן. נאָך עטלעכע וואָכן זיינען די פיס געהיילט געוואָרן.

דער טאַטע, ווי אַן אָנגעזעענער כלל־טוער אין דער קהילה פון אונדזער שטעטל,

האָט זיך אָנגעהויבן עסקן ביים „דזשאָינט דיסטריביושאַן קאָמיטעט" מיט העלפן איינדרדענעך אין וואַרשע אַלע לאַנדסלייט־פּליטים, און ספּעציעל יענע וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט־מיטלען. דער טאַטע האָט מיך געוואָלט אריינגעבן אין אַ וואַרשעווער ישיבה, אָבער איך האָב אין יענער צערודערטער צייט נישט געהאַט קיין חשק זיך אַוועקצוזעצן ווייטער לערנען גמרא מיט תוספות אין דער גרויסער, פֿאַר מיר, בייער שטאָט ווו אַלץ איז געווען טשיקאַווע, און געוועקט מיין קוריאָזיטעט. אָנגיין ווייטער מיט דער באָדזאַנער רוטין, און זיך איזאָלירן אין אַ ישיבה, איז געווען קעגן מיין דעמאָלטיקן געמיטצושטאַנד; האָב איך אויסגעפירט מיינס.

איך פלעג יעדן טאָג גיין אויף לאַנגע באַזוכן, מאַכן מאַרשרוטן אין די פאַרשיידענע געגנטן פון שטאָט: אין יידישן געגנט פון גענשע, נאַלעווקעס, דזשיקע, קראָכמאַלנע, און אַנדערע גאַסן. דערנאָך בין איך אַריבער אין די פויליש־אַריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלן פון „קראָקעווער פאָרשטאָט", מאַרשאַלקאָווסקע, די לאַזשענקעס, און די אַנדערע פּאַרקן פון שטאָט. במשך עטלעכע וואָכן האָב איך געאַרבעט עטלעכע שעה אין טאָג אין אַ צוקערקע פאַבריק.

חול־המועד פסח, 1915, בין איך געווען צוזאַמען מיטן טאַטן צוגאַסט אין אַ הויז אויף דער אייזן־גאַס. אַרויסקוקנדיק פון פענצטער האָב איך געזען ווי עס ציט זיך אַ ריזיק־לאַנגער טרויער־צוג און קאָזאַקן רייטן פוןביידע זייטן גאַס. דער טאַטע האָט מיר געזאָגט אַז דאָס איז די לוויה פון גרויסן שרייבער יצחק לייבוש פרץ. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב שוין געוווסט און אָפּגעשאַצט פּרצן, בין איך געווען דאַנקבאַר דעם גורל, וואָס האָט מיר באַשערט כאָטש מיט די אויגן צו באַגלייטן אים אין דער אייביקייט.

אין מיטן זומער, 1915, האָבן די דייטשן דורכגעבראָכן דעם פראָנט, און די רוסן האָבן געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע. מיר האָבן שוין דעמאָלט געוווינט אויף דער מוראַנאָווער גאַס, נאָענט צו דער ווייסל און דער בריק קיין פּראַגע. אין מיטן נאַכט האָבן מיר דערהערט אַ געוואַלדיקן קראַך; די אָפּטרעטנדיקע רוסן האָבן אויפגעריסן די בריק, וואָס האָט פאַרבונדן וואַרשע און פּראַגע. אויף צו מאָרגנס האָבן די רוסן פון דער פּראַגער זייט באָמבאַרדירט וואַרשע; אַזוי ווי מיר זיינען געווען נאָענט צו דער ווייסל, זיינען אַ סך קוילן געפאַלן אויף אונדזער הויז. במשך אַ פאָר שעה זיינען מיר אַלע איינוווינער פון הויז געלעגן באַהאַלטן אין די קעלערס. עטלעכע שעה נאָכדעם ווי די באָמבאַרדירונג האָט אויפגעהערט זיינען מיר אַרויס פון אונדזערע באַהעלטענישן און געזען אַז די ערשטע דייטשע פאַטרולן קומען אָן, מיט מאַפּעס אין די הענט. מיר קינדער האָבן געהאָפט אַז יידן וועלן האָבן אַ בעסערע מערכה פון איצט אָן.

עטלעכע חדשים שפּעטער, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן שוין געהאַט אָקופּירט גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן, האָבן באָדזאַנאָווער יידן גענומען זיך גרייטן צוריקצופאָרן אין זייער היים־שטעטל. האַרט פאַר ראש־השנה זיינען מיר געווין אין אונדזער באָדזאַנאָווער הויז, וואָס איז צום גליק געבליבן אומבאַשעדיקט. אָבער קיין סחורה איז אין אונדזער קראָם נישט געבליבן. מיט גרויס מי האָבן טאַטע־מאַמע זיך איינגעשאַפט אַביסל געלט — מיט דער הילף פון די ברידער און שוועסטער אין אַמעריקע — און צוריק אָנגעפילט מיט סחורה אונדזער געוועלב.

---

# אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

מאיר חרץ / ירושלים

# פון סאַמע בראשית

— ברוך הבא! פון וואַנען קומט אַ מת?
— פון יענער וועלט, וואָס דאָרטן הייסט זי עולם הזה.
מע ווערט דאָרטן געבוירן, דאָרטן וואַקסט מען אויס,
די וואָרצלען זענען דאָרט און דאָ איז אונדזער באַזע.

— וואָס הערט מיזך נייעס דאָרט? עס איז אַ חוב, געדענקט,
פון יעדן נייעם מת אונדז נייעסן צו ברענגען —
וואָס דאָרטן איז געשען און ווער אַהער סע ברענגט
די נייעסן, פאַרדינט זיך עולם הבא מיטן ברענגען.

ווייל דאָ ביי אונדז איז דאָך קיין נייעסן נישטאָ,
דאָ בלייבט מען אין דיר עלטער דער פון דאָרט געבראַכטער.
נישטאָ דאָ קיין געשיכטע און קיין צייט איז דאָ נישטאָ,
וואָס זאָל דיך עלטער מאַכן, ווייל דו ביסט שוין אַ געמאַכטער.

און דאָס וואָס יעדן טאָג קומען מתים צו
און יעדער מת, ווי שוין געזאָגט, מוז ברענגען נייעס
אַהערצוצו, אַהער, אין זיין אייביקער רו,
איז דאָך קיין נייעס נישט פון סאַמע בראשית.

ירושלים, פעברואַר 19, 1987

# אפרים רויטמאַן

## 1.

„נאָר ווי אַ יונגער טייך מיט בלאָע אויגן"—
מיט אַט דער איינער שיינער שורה האָט מיין פריינד פאַרצויגן
אַ לאַנג גיזאַנג. וואָס האָט זיך אין זיגזאַגן אויסגעבויגן,

נאָר איינגעשרומפּן זיך אין ברייטע טאָלן,
זיין ברייטער אָנהייב איז פאַר אים געוועזן ווי אַ קללה,
ווייל אַלע טייכן הייבן אָן זיך שמאָלע.

זיי זאַמלען אויפן וועג די ריטשקעלעך צוזאַמען
און קומען ברייטע צו די טיפזי ימען,
געדענקענדיק די אָנהייבן, פון וועלכע זיי שטאַמען.

נאָר ער, איך בעט אייך, וואָס זאָל זיך דערמאָנען?
אין ערשטן ליד פון וועלטן, אָקעאַנען?
וואָס שרייבט ער נישט קיין ליד וועגן זיין מאַמען?

טשערנאָוויץ, 1957

### .2

„אויפן אינדזל פון זען" זעט מען דעם ים,
אויף די כוואַליעס פון ים זעט מען דעם פלאַם
און אין פלאַם דאָס פייער פון אויבן,
קוקט ער אַרויף, זעט ער דעם רוים,
פלאַך איז דער רוים, דער פאָן פאַר זיין טרוים,
פאַר זיין וואָר, פאַר זיין גלויבן.

גרויס איז די יווילט? קליין איז די וועלט?
נישט מיט דער לענג און דער ברייט פונעם פעלד
וועט ער די וועלט זיינע מעסטן.
נישט מיט דער וואָג פון שווערע זעק,
נישט מיט דער גרייס פון ריזיקע פעק,
אפילו נישט פונים גרעסטן.

נישט דאָס שטעטל פון מאיר חרץ,
לערנערס כעלעם איז אויך נישט דאָס פלאַץ
פאַר זיין פאַרמעסט, פאַר זיין פורעם.
אויף אַן אינדזל שטייט ניו־יאָרק די שטאָט,
אויף אַן אינדזל אויבן אין הימל וווינט גאָט,
אויפן אינדזל פון זען שטייט זיין טורעם,
נאָר וואָס וועט ער זען אין אַ שטורעם?
און וואָס קען מען זען דען דורך אים
און ווזן?

— אין הונדערט יאָר אַרום וועסטו זען.
דערווייל איז פאַרביי אַריבער די צען
און ער איז שוין עטלעכע יאָר נישטאָ.
בלויז דער יונגער טייך איז דאָ,
בלויז דער טייך איז געבליבן בלאָ.

## אַ שלאָף איז מיך באַפאַלן

אַ שלאָף איז מיך באַפאַלן און מיך נאַקעט אויסגעטאָן,
מיך דורכגעפירט דורך לאַנגע, ברייטע, הויכע קאָרידאָרן,
אַריינגעבראַכט אין פאַרביקע שטילשיינענדיקע טרוים־פּאַלאַצן.

אַ יינגל האָט מיך אויפגענומען מיט אַ בלויער פאָן,
ווי אַ רענצל פון די הענט מיר אָפּגענומען דעם זכרון
און אַרויסטרומייטערט: מאַכט אַ וואַרע פאַר חרצן!

* * * * *

אונדזער חשובער מיטאַרבעטער, דער באַוווסטער דיכטער מ א י ר ח ר ץ איז לעצטנס אַלט־יונג געוואָרן 75 יאָר. ווינטשן מיר אים נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן, פיל געזונט און נחת אינעם פערזענלעכן לעבן — עד מאה ועשרים.

רעד. „חשבון"

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# פרויד־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור

## 1.

אין פאַרשידענע צייטן אַנטפּלעקן זיך פענאָמענאַלע טעאָריעס וואָס רעוואָלוציאָניזירן דאָס מענטשלעכע דענקען, קולטור און מענטאַליטעט פון יחיד און כלל. אין סוף פון 19טן און אין 20טן יאָרהונדערט זיינען דאָס געווען: דער דאַרוויניזם, מאַרקסיזם און פרוידיאַניזם. דאַרווינס טעאָריע וועגן אָפּשטאַם פון די מינים האָט צעטרייסלט די רעליגיעזע דאָגמעס און באַאיינפלוסט דאָס פילאָסאָפישע דענקען וואָס פאַרטיידיקט די רעכט פון שטאַרקן, פון „כל דאלים גבר״, וואָס אונדזער פרץ האָט באַקעמפט אין זיין עסיי „די נייע באַוועגונג״. דער מאַרקסיזם איז געוואָרן די תורה פון אַ האַלבער וועלט. אין קאָנטראַסט צום דאַרוויניזם און צום היסטאָרישן מאַטעריאַליזם פון קאַרל מאַרקס איז דער צענטער פון פרוידס השקפה. דער מענטש, די מענטשלעכע נשמה, ניט דער קלאַסן־אויסגלייך, די סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעוואָלוציע וועט ברענגען די מענטשלעכע גאולה; ניט רעליגיע, קולטור און ציוויליזאַציע קענען באמת אויסוואָרצלען דעם האַס, רישעות, טיראַניע און רציחה. מענטשלעכע באַציונגען ווערן קאָנטראָלירט פון זינט אוראַלטע דורות, כפי די אָפּמאַכן און פרינציפּן פון „דעלך סני לחברך לא תעביד״ (פון הילל): „טו ניט יענעם וואָס דיר איז ניט ליב.״ דאָס מיינט אָבער ניט אַז דאָס גאָלדענע געזעץ ענדערט דעם מענטשלעכן כאַראַקטער אָדער די נשמה. אין פאַרהוילענעם אונטערבאַוווסטזיין לעבט סיווי דער פּרימיטיווער הייל־מענטש מיט זיינע ירושהדיקע אינסטינקטיווע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען אין אים איינגעלוליעט אין טיפער לעטאַרגיע. די באין־ברירהדיק באַהאַלטענע כוחות דערוועקן זיך פון צייט צו צייט, סיי אין יחיד, סיי אין דעם מאַסן־פּסיכאָז, טראַומאַטיש צעהפקרט, וואָס קען פאַרוואַנדלען ציוויליזאַציעס אין דזשונגלס.

יענע פּסיכאָפּאַטישע עלעמענטן וואָס עקספּלאָדירן אונטער אידעאָלאָגישע אויסריידן זיינען אונדז באַקאַנט פון די מלחמות, רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען און טעראָר. גענוג צו דערמאָנען דאָס דייטשע קולטור־פאָלק אין וועמען ס'האָט זיך דערוויקט די „בלאָנדע בעסטיע״. זיגמונד פרויד האָט אַרויסגעבראַכט דעם קאָנטראַסט צווישן דער כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און קולטור און דער מאָראַלישער ירידה פון דער מענטשהייט. אין זיין עסיי „אומבעהאַגען דער ציוויליזאַציאָן״ (אומקאָנסעקווענטקייט פון דער ציוויליזאַציע) ווערט אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק אַז טראָץ די דערגרייכונגען און הויכן קולטורעלן לעבנס־ניוואָ, לעבט די בעסטיע אין מענטשלעכן אונטערבאַוווסטזיין, אָבער זי איז געצאַמט און באַגרענעצט דורך רעליגיע, געזעץ און מאָראַל. אין אונדזערע טראַגישע דערפאַרונגען איז שווער צו אַרגומענטירן מיט דער דאָזיקער פּעסימיסטישער השקפה.

זיגמונד פרויד איז געווען אַ דאָקטער, ספּעציאַליזירט אין פּסיכיאַטריע, און אין זיין פאָרש־אַרבעט האָט ער פּרובירט זיך צו דערגרונטעווען צו די טיף־פאַרבאָרגענע עלעמענטן וואָס נורטעווען אין דער מענטשלעכער נשמה. זיין פּסיכאָאַנאַליז־טעאָריע איז לכתחילה געווען געצילט צו העלפן גייסטיק־קראַנקע מענטשן, די טעאָריע איז אָבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פילאָסאָפישער דערקענטעניש. לויט זיין פּסיכאָאַנאַליטישע השקפה האָט ער געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור, קונסט, פּאָליטיק, הומאָר און רעליגיע.

פרויד האָט זיך אידענטיפיצירט מיטן יידנטום, געפילט זיך היימיש אין דער סביבה פון בני־ברית, ווו ער האָט אָפט געהאַלטן רעפעראַטן, געלייענט זיינע עסייען („היימישקייט״), ער איז אָבער דורכויס געווען אַן אַטעיסט, און געהאַט זיינע אייגענע אויסטייטשונגען וועגן יידישקייט, קריסטלעכקייט און רעליגיע בכלל. ער האָט געהאַלטן, אַז די מענטשהייט האָט זיך קיין מאָל ניט באַפרייט פון דער קינדערישער מענטאַליטעט, וואָס מוז האָבן

די פּראָטעקציע פון אַ שטאַרקן טאַטן. אין זיין ניט־דערוואַקסנקייט פילט זיך דער גלויביקער געשיצט פון טאַטן אין הימל („די צוקונפט פון אַן אילוזיע“). די פּראָבלעמען פון רעליגיעזע שטרייטיקייטן, אומקאָנסעקווענטקייט פון דער ציוויליזאַציע און יידישקייט קומען צום אויסדרוק אין זיינע עסייען און ביכער: משה און מאָנאָטעיזם, טאָטעם און טאַבו, מייקל אַנזשעלאָס משה, און אַנדערע.

2.

אין זיין אַריינפיר צום בוך אינטערפּרעטאַציע פון חלומות (1899) האָט פרויד געשריבן דעם באַרימטן מאָטאָ אַרויסגענומען פון ווירגיליוס „ענעיד“: „פלעקטערע סי נעקוועאָ סופּעראָס אַכעראָנטאַ מאָוועבאָ (אַז כ׳וועל ניט קענען באַווירקן די הימלישע באַווינער וועל איך אויפרודערן די אונטערוועלט, דאָס הייסט, די כוחות פון גיהנום. לאַסאַל האָט פּאַראַפראַזירט דעם זעלבן מאָטאָ, פּאָלעמיזירנדיק מיט דער ביסמאַרק־רעגירונג: „אויב דער אַרבעטער וועט ניט פאַרבעסערן זיין מצב דורך לעגאַלע וועגן וועט ער אויפרודערן אַ רעוואָלוציע.“

פרויד האָט מיט זיין „פלעקטערע“ זיך באַצויגן צום בן־אָדם: אויב כ׳וועל צו אים ניט דערגיין דורך זיין באַוווסטזיין, וועל איך זיך דערנענטערן צו זיין אונטערבאַוווסטזיין.

פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן, דער מחבר פון דער טיף־פּסיכאָלאָגישער נאָוועלע „חיים גראַוויצער“, האָט פּאָלעמיזירט מיט פרוידס חלום־אויסטייטשונג. ער האָט געגלויבט אַז דער חלום רעאַליזירט בילדער וואָס דער מענטש פילט און איבערלעבט ווען ער איז וואַך. דער יידישער עסייאיסט ד״ר. קאַנטער האַלט מיט פרוידן, אַז דער חלום סימבאָליזירט בלויז די ווונטשן פון אונטערבאַוווסטזיין, אַ מין ווונטש־דערפילונג אין ניט קאָנטראָלירטן שלאָף. אהרן צייטלין גלויבט, אַז שניאורסאָן שאַצט אָפּ דעם מענטש אין זיין פּילגעשטאַלטיקייט, און אַז אין זיין סיסטעם ווערט וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט די יידישע קאָנצעפּציע: ירידה היא צורך לעליה.

אין אונדזער צייט האָט פרוידס פּסיכאָאַנאַליז־פילאָסאָפיע באַווירקט ביז גאָר דעם מאָדערנעם שעפערישן מענטש. פון דער עקספּרעסיאָניסטישער קונסט, פוטוריזם, דאַדאַיזם, אַבסטראַקט ביז די אינטראָספּעקטיווע פאָרמען פון אויסדרוק און עסטעטישער רעוואָלוציע אין דער פּאָעזיע, דראַמע, נאָוועלע און קונסט. די מאָדערנע עקזיסטענציאַליסטישע ליטעראַטור האָט בראש פרוידיאַנישע פעדעם. למשל, דאָס אַקצענטירן די סעקס־כוחות (סאַרטר), די אומהיימלעכע פּסיכאָ־סימבאָלישע נאָוועלן פון פראַנץ קאַפקאַ, פּזשיבישעווסקי — דער ניטשעאַנער, פאַרגעטערטער פון קונסט און סעקס; אויך די היינטיקע שרייבערס און פּאָעטן וואָס שפּיגלען אָפּ די אונטערבאַוווסטע, באַהאַלטענע כוחות פון העלד און אייגענעם עגאָ. אין אַ בריוו פון פרויד צו איינשטיין וועגן זיינע טעאָריעס, שרייבט ער, אַז איינשטיין האָט געהאַט אַ פיל לייכטערן וועג צו דערגיין זיין קאָמפּליצירטע טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט, ער האָט געהאַט פריער אַ ניוטאָן. פרויד איז אַליין דער ניוטאָן פון זיין טעאָריע.

פּסיכאָאַנאַליטישע מאָטיוון אין דער ליטעראַטור מוזן ניט דווקא זיין דירעקט באַווירקט פון פרוידס ווערק. דאָסטאָיעווסקי האָט געשאַפן זיינע נאָוועלן איידער פרויד האָט פאַרעפנטלעכט זיין „טרוימענדויטונג“ און סימבאָליש אויסגעטייטשט חלומות. פרויד האָט געלייענט און געשריבן וועגן דאָסטאָיעווסקי, ווייל ער האָט געפונען אין יענע ווערק פּסיכישע אונטערבאַוווסטע כוחות, פאַרטייעטע אין די נשמות פון זיינע העלדן. דער סטודענט ראַסקאָלניקאָוו אין „פאַרברעכן און שטראָף“ האָט אונטער זיין אידעאַליסטישן לבוש געכאָוועט אין זיך דעם רוצח אַזוי ווייט, אַז ער האָט געגלייבט אויסצומיידן די שטראָף פון געוויסן. דאָסטאָיעווסקי האָט מיט זיינע ווערק דערמוטיקט פרוידס היפּאָטעטישע טעאָריע וואָס איז געוואָרן אַן ערנסטע וויסנשאַפט. אין „די ברידער קאַראַמאַזאָוו האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט דער פאָטער־קאָמפּלעקס. דער גאָט־זוכער קאַראַמאַזאָוו האָט אין זיין פּסיכאָפּאַטישן פּאַליק־קראַנקן שטיף־ברודער, וואָס איז

געוועזן דער מערדער פֿון אַלטן פֿאָטער, דערקענט דעם כּוח פֿון טייוול וואָס איבערציַיגט אים, אַז ס׳מוז אויך זיין בנמצא די גײַטלעכע זייט פֿון מענטש.

פֿרויד האָט באַאײַנפֿלוסט די ליטעראַטור ווי ס׳גיט איבער טאָמאַס מאַן. ער האָט אָבער אַ סך געלערנט פֿון די גרויסע שרײַבערס פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. אין אַ טעלעוויזיע־אינטערוויו מיט דיק קאָוועט האָט באַשעוויס זינגער אויף דײַן פֿראַגע צי ער איז באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון פֿרוידן, געענטפֿערט, אַז ער האָט עפּעס... אַמאָל אַרײַנגעקוקט אין פֿרויד. אַזוי איז אויך שווער צו וויסן צי פּרץ, שלום עליכם, אַ״ש, אָפּאַטאָשו, י. י. זינגער, אַנסקי, לייוויק און די מאָדערניסטישע פּאָעטן האָבן געשעפּט פֿון פֿרוידס טעאָריע אָדער פֿון אייגענע אינערלעכע קינסטלערישע קוואַלן.

## .3

אין רײַכן אוצר פֿון פּרצעס דערציילונגען, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס, אָדם און חוה מאָטיוון, חסידיש און סימבאָלישע דראַמעס, דײַ גרונטעוועט זיך דער דיכטער צו די טיפֿענישן פֿון דער יידישמענטשלעכער נשמה מיט יידישן באַנעם און אוניווערסאַלער וויזיע. מיר ווילן אָבער אָנווייזן אויף די פֿרוידיאַנישע אידעען אין אַ באַגדענעצטן אויסוואַל פֿון פּרצעס שאַפֿונגען, וואָס זיי זײַנען ווייט ניט די אײַנציקע מוסטערן. דער משוגענער בטלן איז ניט סתם אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ גײַסטיקקראַנקן קלויזניק.

פּרץ אַנאַליזירט די פּילפּאַכיק־צעשפּאָלטענע נשמה וואָס פֿרעגט סימבאָליש „ווער בין איך״? בערל חנצעס איז בלויז אַ נאָמען, אָבער די שילד אין דרויסן איז ניט די קלייט אינעווייניק. אָט איז ער די דירה פֿון צוויי עיקרדיקע שכנים, דער יצר־טוב און יצר־הרע, נאָר ס׳וווינען אין איר פֿיל מער יחידים, וואָס יעדער טראַכט אַנדערש און ווינטשט פֿאַר זיך עפּעס אַנדערש. אָט־אָ די עגאָס מיט זייערע ווילנס זײַנען מבטל בערל חנצעס. אויך וואָלף דער סוחר האָט עטלעכע עגאָס: ער איז אַ גנב און אַ פֿרומער און דערצו אַ רשע צו זײַן ווײַב. דער משוגענער בטלן זעט זיך אין חלום אַ פֿאַרליבטן אין וואָלפֿס ווײַב און טראַכט פֿון מאָרד און זעלבסט־מאָרד. (לויט פֿרוידן — דער טויט־ווּנטש).

דער פֿריער דערמאָנטער מאָטאָ אין „אינטערפּרעטאַציע פֿון חלום״ קען זיך צופּאַסן צו די צוויי סימבאָלישע דראַמעס: „די גאָלדענע קייט״, וווּ שלמהלע וויל אויסלייזן די וועלט דורך כּולו זכּאי, צו באַאײַנפֿלוסן „די הימלישע באַוווינער״. און „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״, וווּ דער בדחן־לץ וויל ברענגען די גאולה דורך כּולו חייב, מיט די פֿינצטערע כּוחות פֿון שטן, דורכן באַפֿרייטן עראָס־ליבידאָ. פֿאַרשטייט זיך, דאָס איז אַ חלום־דראַמע וווּ עס שפּילן זיך אָפּ די ווונטש־דערפֿילטע געפֿילן אין אונטערבאַוווּסטזײַן פֿון וואַנדערער.

אין פּרצעס מקובלים אַנטפּלעקט זיך בולט דער קאָנטראַסט צווישן פֿרוידס השקפֿה און אונדזער יידיש־עטישע קאָנצעפּציע. דער ערשטער ניגון איז אַ גשמיותדיקער, געמישט מיט ווערטער; דער צווייטער ניגון זינגט זיך אָן ווערטער, אַ העכערע מדרגה; און דער דריטער ניגון זינגט אין מקובלס געמיט אָן וואָרט, אָן קלאַנג, הוילע רוחניות. אין פֿרוידיאַנישן זין איז דאָס דער פּרימיטיווער ניגון וואָס נורטעוועט אין פּרימיטיוון אונטערבאַוווּסטזײַן.

פּסיכאָאַנאַליטישע פֿעיִקייטן איז אַ פֿאָרבאַדינג פֿאַרן דערציילער, אָן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט ניט נאָר צו קענען זען, באַנעמען, מאָלן דעם אַרום, ער מוז אויך קענען אַרײַנבליקן אין די פֿאַרשטשעמעטע טראַכטענישן פֿון זײַנע העלדן, אַרײַנדרינגען אין די פֿאַרהוילענע שטומקייטן וואָס דרעמלען אין חושך פֿון דער נאַקעטער נשמה.

די שטעטל־ציוויליזאַציע האָט אַנטוויקלט אַ באַזונדערע אייגנאַרט, אַ מענטאַליטעט פֿון קליינע מענטשעלעך מיט גרויסע השגות, נערוועישע דאָן קיכאָטן און פֿאַנטאַזיאָרן — אַ פֿאָלקס־מענטאַליטעט אין דורותדיקן געראַנגל פֿאַר עקזיסטענץ.

מיר ווייסן ניט צי פֿרויד איז באַקאַנט

געווען מיט שלום־עליכמס ווערק. ער וואָלט דורך אים באַרייכערט זיין וויסנשאַפט, דערקענט די עלעמענטן פון אונדזער פאָלקס־נשמה. פרויד האָט דאָך געשריבן אַ גרעס־רן עסיי וואָס דערקלערט און טייטשט אויס די פסיכיק פון הומאָר און וויץ. הגם זיין מאַטעריאַל און מוסטערן זיינען מערסטנס גענומען געוואָרן פון יידישן פאָלקלאָר, האָט ער ניט באַנומען, אַז אונדזער הומאָר איז אַ כלי־זיין אין די גלותדיקע אומגעמאָלע באַדינגונגען פון לעבן. אהרן צייטלין איז געוויס גערעכט אין זיין קריטישער אָפּשאַצונג פון פרוידס אינטערפּרעטאַציע פון הומאָר און וויצן.

דער קוואַל פון שלום־עליכמס הומאָר ריזלט פון אונדזער ביטערן געראַנגל מיט דורותדיקער שנאה פון שכנים, מיט אויס־געוואָרצלטקייט און לופט־פּרנסות, וואָס איז אויף אונדז געוואָרן אַרויפגעצוווּנגען. פּאַראַלעל מיט דער אין־ברירהדיקייט האָבן יידן געכאַוועט אין זיך גרויסע ירושהדיקע ווערטן, אַ וויטאַלער כוח אין אַנבליק פון פחד און אומזיכערקייט. אַזאַ פּאַראַדאָקסאַל לעבן האָט אין שטעטלדיקן ייד איינגעפלאַנצט טראַגי־קאָמישע קאָמ־פּלעקסן, וואָס שלום־עליכם האָט זיי גאוו־נותדיק אַרויסגעבראַכט. זעלטן ווער האָט אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין יידישן גע־מיט, אין דער פסיכיק פון קינד. אָבער אין שלום־עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס ווערט אויך סימבאָליש אָפּגעשפּיגלט די וועלט פון דערוואַקסענע, וואָס זען זיך נישט אין זייער קליינלעכקייט און קאָמיש־קייט. מנחם־מענדל איז אַן אוניווערסאַ־לער טיפּ. מענטשן וואָס פליען אָן פליגל, האָבן חלומות, ווילן איינרייסן וועלטן און ווען זיי זענען ניט מצליח, ציען זיי זיך צוריק און בורען זיך איין אין ווינקל פון אילוזיע. מנחם מענדל איז אָבער קודם אַ יידישער דאָן קיכאָט פון קאַסרילעווקע, וואָס וויל זיך באַפרייען פון ענגן שטעטל.

טוביה דער מילכיקער, וואָס האָט איינ־גענומען די וועלט דורכן „פידלער אויפן דאַך", איז אַן ערדישע פּערזענלעכקייט, געהאַרטעוועט און שטאַנדהאַפטיק קעגן אַלע צרות, און אַ בעל בטחון, ווי מנחם מענדל, ר' יוזפל, פּעפּערל, פּיניע, און אַנדערע שלום־עליכם טיפּן, אין זייער טראַגישן געראַנגל, אומבאַהאָלפנקייט און גורלדיקן ווילן צו עקזיסטירן, שטייגן און פאַלן, פאַלן און שטייגן, פליען מיט פליגל פו גלויבן און נאָך אַלע אַנטוישונגען זיך צוריקשטעלן אויף די פיס.

אין פרוידס קאָמפּליצירטער טעאָריע איז דער „עגאָ" ניט דער גאַנצער בעל־הבית איבער דער פּערזענלעכקייט; ער שפּילט אפשר די הויפּט־ראָליע, ער האָט אָבער וואָגיקע מיט־שותּפים, ווי ירושה־כוחות, אויסערלעכע איינפלוסן, דער „איד" (פאַר־טייטש אין אונטערבאַוווסטזיין) וואָס איז דער קוואַל פון אינסטינקטיווער ענערגיע; דער „סופּערעגאָ" וואָס איז דער קוואַל פון אויסערלעכע איינפלוסן און רעאַגירט אַמאָל באַוווסטזיניק און אַמאָל ניט־באַ־וווסטזיניק. דער שלום־עליכם־טיפּ פון שטעטל איז אין זיך כולל אַלערליי פרוי־דיאַנישע קאָמפּאָנענטן וואָס שאַפן די מענטאַליטעט פון די שטעטלדיקע קליינע מענטשעלעך, וועלכע קעמפן פאַר עקזיס־טענץ.

4.

פון שלום אַשס 50 בענד וועלן מיר דורכגיין בלויז צוויי: „די מוטער" און „דער מאַן פון נצרת".

... אינעם בוך „אינטערפּרעטאַציע פון חלומות" דערמאָנט פרויד האַניבאַלס פאָ־טער ווי אַ מוטיקן שטאַלצן, הגם אַנמאַכ־טיקן קעמפער, להיפוך צו זיין אייגענעם פאָטער וואָס האָט זיך געלאָזט באַליידיקן פון אַ שייגעץ. פרויד האָט זיך אינסטינק־טיוו טועה געווען אָנגעבנדיק דעם נאָמען פון האַניבאַלס ברודער, מחמת פרוידס שטיפברודער איז געווען זיין פאַרערטער סופּער־עגאָ. צום פאָטער האָט פרויד גע־האַט אַן אַמביוואַלענט געפיל פון ליבע־האַס.

דבורהס סופּער־עגאָ אין „די מוטער" איז געווען איר מאַמע, שרה רבקה, וואָס האָט זיך איינגעבאַקן אין געמיט פון דער טאָכטער. דער מוטער־קאָמפּלעקס האָט דאָמינירט דבורהס לעבן. איר ליבע צום רעוואָלוציאָנער איז געווען אַ מוטערלעכע. זי איז גרייט געווען מקריב זיין איר ליבע ווי אַ פרוי פאַר זיינע ענטוזיאַסטישע באַ־גערן צו שטודירן אין אויסלאַנד, וויסנדיק אַז זי וועט מער אים ניט זען.

אין אַמעריקע ווערט זי די אינספּיראַציע פון סקולפּטאָר, יחזקאל בוכהאָלץ. אַזוי איז זי ווידער מוטערלעך איבערגעגעבן צו זיין ענטוזיאַזם ווי אַ קינסטלער. ווען דאָס ווערק ווערט געענדיקט, פאַרלאָזט זי אים צו העלפן איר אַלטן קראַנקן טאַטן. „די מוטער" פון שלום אַש איז אין פאַר־מלחמהדיקן פּראָג, טשעכאָסלאָוואַקיע אַדאַפּטירט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַל ווערק פון לאַנד (ווי ס גיט איבער ראָזענבערג).

„דער מאַן פון נצרת" האָט אַרויסגערופן פאַרדרוס ביי פיל שרייבער און לייענער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט „משה און מאָנאָטעיזם" פון זיגמונד פרויד. פאַקטיש האָבן ביידע גאונים אויף אַ נאַיוון אופן געצילט מיט זייערע ווערק צו העלפן זייערע ברידער. זיי האָבן געגלייבט אַז מיט זייערע פיקטיווע און היסטאָרישע אמתן וועלן זיי ייִדלעך באַזיגן דעם אייביקן האַס צו אונדזער פאָלק.

די צוויי הויפּט־העלדן אין „מאַן פון נצרת" זיינען: דער פאַן פּראָפעסאָר קאָרנעליוס וויאַדזאָסקי פון וואַרשע, וואָס איז געווען דער גילגול פון רוימישן הגמון פון אַנטאָניאָ־טורעם, דער וואָס האָט אָנגעפירט מיט קרייציקן יעזוסן און דער איצטיקער אַנטיסעמיט. דער צווייטער העלד איז דער העברעישער לערער פון פאַן קאָרנעליוס, אַ גילגול פון יוחנן, וואָס איז אין יענער צייט גאָר געווען אַן אָנהענגער פון יעזוסן. אין דער שינאה פון פרומיקן פּראָפעסאָר צו יידן דריקט זיך אויס זיין שולד־געפיל פאַרן פאַרברעך, וואָס ער אַליין איז באַגאַנגען. און יוחנן קען זיך ניט מוחל זיין וואָס ער האָט מיט קנאַפּע ניינצן הונדערט יאָר צוריק, געגלויבט אין יעזוסעס לערע. פרויד ברענגט אַרויס די קאָנצעפּציע, אַז דער יידן־האַס איז ניט מער ווי זעלבסט־האַס, דער האַס פון קריסטן צו קריסטלעכקייט, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען ווען זיי זיינען געווען פאַגאַנער, ניט באַגרענעצט פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע מיט אירע רעליגיעזע דאָגמעס. אין אינטערבאַוווּסטזיין זיינען די קריסטן געבליבן פאַגאַנער, אָבער שולדיק זיינען די יידן, פון זיי שטאַמט די קריסטלעכקייט, וואָס האָט באַרויבט זייערע פּרימיטיווע פרייהייטן.

לויט פרוידס היפּאָטעזע האָבן אויך די בני ישראל רעוואָלטירט קעגן משהן „דעם עגיפּטער", וואָס האָט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען דעם מאָנאָטעיזם פון פרעה — איכנאַטאָן. די יידן האָבן לויט פרוידס טעאָריע געטויט משה רבינו און קיינמאָל ניט געוואָלט מודה זיין. די טעאָריע איז אַן איבערחזרונג פון קדמון־מאָרד, ווען די זין האָבן רעוואָלטירט קעגן טיראַניע פון זייער פאָטער, אים געהרגעט און זיך צעטיילט מיטן קערפּער און בלוט. אַ זון האָט געדאַרפט שטאַרבן פאַר יענער זינד (יעזוס) אויסצולייזן די מענטשהייט. פרויד וויל מיט זיין בוך אויסהיילן דעם קריסטלעכן שולד־געפיל און יידן־האַס. ס'איז ניט די יידנס שולד וואָס מען האָט אויף די פאַגאַנער אַרויפגעצוווּנגען אַן עגיפּטישע מאָנאָטעיסטישע רעליגיע. די יידן האָבן זי אויך ניט געוואָלט אָננעמען. פרויד און שלום אַש האָבן געגלייבט, אַז מיט זייערע ווערק וועט זיך ענדיקן די שינאה צו יידן. ווייזט אויס, אַז געניאַליטעט און נאַיווקייט זיינען זיך ניט סותר.

דער עראָס ליבידאָ פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אין פרוידס טעאָריע. דאָס זיינען די סעקסועלע אינסטינקטן און תאוות וואָס שטאַמען פון „איד", די אימפּולסן פון ליבע און בענקשאַפט און אויך פּערווערסיע. חלומות שטעלן מיט זיך פאָר סעקס־סימבאָלן. סעקסועלער דראַנג הייבט זיך אָן פון קינד אין וויגל מיט עלעמענטן פון אייפערזוכט: (דער עדיפּוס קאָמפּלעקס) און שולד־געפיל פאַר האַסן דעם טאַטן. פּערווערסיע איז די מענטשלעכע נאַטור דערשטיקט פון ציוויליזאַציע.

די מאָדערנע ליטעראַטור וויל אַנטפּלעקן דעם אמתן פּרצוף פון מענטש, אַראָפּציען דעם שלייער פון צביעות, באַפרייען די בעסטיע פון דער פאַרהוילענער שטייג.

מיט דער טעמע פאַרנעמט זיך אויך אונדזער באַשעוויס זינגער. אין „שטן פון גאָריי" ווערט אַ פרום שטעטל באַהערשט פון אַ פּסיכאָז פון אויסגעלאַסנקייט אין

דער אילוזיע צו ברענגען די גאולה דורך זינד. פּערווערסיע און אָרגיעס שפּיגלען זיך אָפּ אין זײַנע פּילצאָליקע דערציילונגען און ראָמאַנען. דער שוחט מיט דער קצבטע, גימפּל תּם און זיין ווייב, די ראָליע פון שדים וואָס דערפילן די סעקסווונטשן פון פרומע צניעותדיקע ווייבלעך אין זייער חלום; די קריגער און לעשניקעס אין דער צייט פון די פּאַגאַנישע סלאַוון, די פּילווייבעריי צווישן פריינד וכדומה. באַשעוויס זינגער ברענגט אָפּט אַרויס דעם יידישן באַנעם, און אין געראַנגל צווישן גוט און שלעכטס זיגט דער בעל־תשובה.

בדרך כלל איז באַשעוויס זינגערס צוגאַנג צו דער ציוויליזאַציע די זעלבע ווי פּרוידס — אַ פּעסימיסטישע. ער גלייבט ניט אין דער ליטעראַטור־שליחות אין אירע הומאַנע צילן, ווי טאָלסטאָי, גאָרקי, ראָמען ראָלאַן, פּרץ צי שלום אַש. גענוי ווי פּרויד גלויבט ניט זינגער אין דערציערישער ליטעראַטור, אין פּאָליטישע, סאָציאַלע אידעאַלן, און טראָגט זיין חוזק פון פראַנץ קאַפקאַ אין באַשעוויס אַן עקזיסטענציאַליסט ווי קאַפקאַ, סאַרטר, אָדער פּזשיבישעווסקי.

פּראָפעסאָר דוד בייקאַן איז זיין בוך: זיגמונד פּרויד און די יידיש־מיסטישע טראַדיציע, ווייזט אָן אַז פּרויד איז באַקאַנט געווען מיט דער צפתער מיסטיק פון בלאָקס דייטשער איבערזעצונג; אַז פּרויד אַליין איז געווען אַ מין סעקולערער מיסטיקער. דער פּראָפעסאָר ברענגט אַרויס אַן עפּיזאָד פון „דיבוק”, דעם דיאַלאָג צווישן חנן און חנוך. חנוך פרעגט, פאַרוואָס ער ריכט זיך פּ תעניתים און וואָס זוכט ער אין זוהר און אין ספר רזיאל המלאך? חנן ענטפערט: איך וויל באַזיצן אַ דימענט וואָס זאָל צעשמאָלצן ווערן אין טרערן, איך זאָל זיי קענען איינעטעמען. און „כ׳וויל אויך צוויי פעסער גאָלד פאַר דעם וואָס קען נאָר גאָלד ציילן... און אויב כ׳וועל דורך הייליקע מיטלען דאָס ניט דערגרייכן וועל איך אַרויסרופן דעם טייוול פון גיהנום”, און חנן ביזט זיך:

„אָ טייוול קום, נעם דיר מיין תורה, נעם דיר מיין חכמה, נעם דיר מיין נשמה, נאָר גיב מיר זי, לאהלען.”

„דער דיבוק”, „טאָג און נאַכט” פון אַנסקי, ווי אויך לייוויקס „גולם”, זיינען פּרוידיאַנישע מוסטערן. דער גולם איז דער אור־מענטש וואָס איז אין אים פאַרקנאָטן כוח, רציחה, פּרימיטיווער גלוסט, דער רויער מאַסן־מענטש, סימבאָליש געשאַפן פאַר רעוואָלט. דער מהר״ל איז לייוויק אַליין, דער צווייפלער אין אייגענעם באַשאַף. פּרויד האָט ניט געגלויבט אַז רעוואָלוציעס קענען בעצם ענדערן דעם מענטש. די שריפט „אמת” פאַרקריצט אויפן שטערן איז אילוזיע, און ווי רעליגיע איז דער בייער גלויבן אַ קוואַל פון טעראָר און אומטאָלעראַנץ. דער גולם קען ניט ווערן קאָנטראָלירט. לייוויק האָט די גולם־אידעע צוריק פאַרוואַנדלט אין שטויב.

אין די ענגע ראַמען פון דער עסיי האָבן מיר ניט בדעה אַרומצונעמען אַלע פּרוידיאַנישע אַספּעקטן אין אונדזער ריי־כער ליטעראַטור. מיר האָבן געגעבן אַ צאָל מוסטערן און מעגלעך ניט פון די אויסגעקליבנסטע.

דער פּרוידיאַנישער איינפלוס אין דער עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעזיע אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן; די אינזיכיסטישע און היינטיקע מאָדערניסטישע פּאָעזיע איז אַ באַזונדערע גרויסע טעמע.

לסוף דאַרף באַמערקט ווערן אַז דער פּרוידיאַנישער פּעסימיזם האָט, מיט קליינע אויסנאַמען, ניט געהאַט קיין האַפט אין אונדזער ליטעראַטור. אויך פּרויד, וואָס האָט אין זיך געהאָוועט דאָס פּינטעלע ייד, האָט ניט געקענט זיין כולו פּעסימיסט. ווי שפּינאָזאַ האָט פּרויד געגלויבט אַז גאָט־נאַטור קען זיך ניט ענדערן אָבער די מתנה פון מענטשלעכן שכל און טאַלאַנט פון ליבע קען העלפן דעם מענטש צו לעבן אין גליק. פּרויד האָט געגלויבט אַז דער מענטש דאַרף באַפרייען זיינע פּרימיטיווע אינסטינקטן וואָס זיינען געפּענטעט אין אונטערבאַוווסטזיין, ער דאַרף זיך אויסהיילן פון אינפאַנטיליטעט און אַלערליי קאָמפּלעקסן, בכדי צוריק צו קריגן זיין צלם־אנוש פון פרייהייט און ליבע. אין עצם איז דאָס אויך די אוניווערסאַל־יידישע קאָנצעפּציע וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדזער ליטעראַטור.

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# לידער

## דיין גיטאַרע

לזכרון: מלכה חפץ טוזמאַן

די שטיקלעך גלעזלעך וואָס הענגען אַראָפּ
פון דיינע אויערן שפּיגלען זיך מיט זון
און רעגן
אין מיינע אויגן.

זומערבלעטלעך אויף דיינע האָר
דערמאָנען שירעמלעך פון גרינע געוועבן
מיט פאַרעלטערטע קאָלירן, לאָזן דיך ניט וויאַנען
ווי דער ווינט אין דיין גיטאַרע.

איין קוש פון דער זון, דו ווערסט רויטלעך ניי
פון דעם כּוס ביז דעם שלאָף.
שפּעטער, אַ סך שפּעטער, ווען דער הימל האַלבּיראָפּן
מיט כמורנע אַלטע כוואַליעס ווי טויטע
וועט אָנזויגן אַ וועלט מיט דיין טרויער
וועל איך אָנרירן די שטיקלעך גלעזלעך פון דיינע אויערן
און הערן דורך מיין הויט די גרינע און בלויע געוועבן
פון דיין לעבן, וועל איך בייזן פון הימלישן שטויב
פאַר דיר, פאַר מיר, און פאַר אונדזער טויב.

די לאַנגע נאַכט שטרעקט זיך צו אונדז
דורך דעם גאַנצן מילך־וועג.
דער דיכטער אין מיר וועט צעפּעכערן דיין לויב
און זיין פּאַנאָראַמע...

אָרלאַנדאָ, פלאָרידאַ — 1987

## ווי אין אָנמאַכט

עפּעס איז מיר גאָרנישט פריילעך מיט מיין אומעט.
דיזר זשאַווער אויפן דאַך, דער רעגן, פאַמעלעכע טריט.

בלינד איז דער ווינט ווי מיין אומעט.
די מאַמע איז אַוועק קאַרשן רייסן, דער טאַטע, דו ווייסט,
אין פייערדיקע טייכן.

און העכער, העכער, בלויע תפילות
מיט שטראָפּבייטשן, שאַרפע געהיימע.
צווישן די מוראדיקע ווענט
די איינזאַמע נאַכט ליגט אַן אַ ברעג
ווי אין אָנמאַכט.

איך שרעקלעבע שטימע ווי די שרעק פון אַן אַנדער מאָס
נידעריקער אין דער ערד —
איך שטערן מיט שאָטנס דערבײַ ווי גראָשנס.

און זייגערס פאַרשטומטע ווי פון אַ מוזיי צאַפּלען זיך ניט מער
מעכאַניש און גאוודיק מיט דעם הבל, הבל...
און מיר איז גאָרניט פריילעך מיט מיין אומעט.

אָרלאַנדאָ, פלאָרידאַ — 1987

## צעשאָטענע פונקען

אַלע שטערן פאַרגאָלדיקט,
די שוואַרצע פּאָקן פון דער נאַכט אָפּגעמעקט.
בלומען, אָנשטאָט עלנט, צעוווּנדערט,
און חלומות פאַרטראַכט.

די נאַכט פאַרפלעכט אונדז צוזאַמען
ווי דער טאַטע די געליבטע —
איז דער רויטלעכער ווייטיק פאַרבליבן.
פאַרגיב, דו קענסט מיך ניט פאַרוויגן.

העכער פון אַלץ איז דער געזאַנג פון אַ לייב
מיט גאָלד אין זיין קאָפּ האָר די לעצטע שיינקייט
פון זיין פאַרנאַכט.
פון מאַמעס האַלדז ווי צעשאָטענע פונקען
— — — [illegible]
[illegible]

אָרלאַנדאָ, פלאָרידאַ — 1987

## אַן אומעטיקער טייך

ביינאַכט מיט זיך אַליין,
ניט ווי אַ גאָט אויף אַ הויכן באַרג.
די נאַכט בלאָנדזשעט עלעגיש.
דאָס גאָלד אַריינגעפאַלן אין די וואַסערן

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# צירעלע, מיין קרוין

(דערציילונג)

א.

— צירעלע מיין קרוין, ווי אַזוי האָט ער דיך פאַרכישופט?

מלך איז גייִשאַנען אַן אײַנגעבויגענער פאַר זיין ווייבס בעט. זיין שוואַרצע גלאַנציקע באָרד איז געווען צעפאַליעט. אויף זיין אײדעלן שטערן זיינען געווען איינגעשניטן טיפע קאַרבן. צירעלעס מראה האָט צעריסן זיין האַרץ. זיינע ברוינע, ווייכע אויגן, שטענדיק אָנגעלאָדן מיט רחמנות, זיינען אַצינד געווען רויט ווי פייער. אין דעם טאָג ווען צירעלע איז אַוועקגעפאַלן אַ שלאַפע, איז זיין וועלט חרוב געוואָרן. ווי האַרב מוז זיין די שטראָף פון באַשעפער, אַז דאָס ריינע, צנועהדיקע ווייב איז פאַרכישופט געוואָרן פון אַ ווילדן מאַכמעדאַנער אין דער היי־ליקער שטאָט צפת. פאַר וועמעס זינד איז אויף אים געפאַלן אַזאַ עונש?

— פאָטער אין הימל, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף? — האָט ער געפרעגט אַ צערודערטער פון זיינע רעיונות.

מלך איז געווען אַ שומר מצוות. ער האָט אַלע יאָרן באַדינט די יראי שמים. און זי, צירעלע, איז געווען פול מיט מעשים טובים ווי אַ מילגרוים. כאָטש זי איז געבליבן אַן עקרה, האָבן מלאכים געהיטן אירע טריט. איר פרומקייט און צדקה איז געוואָרן אַ שם דבר אין שטאָט, ווייבער, רכילותניצעס האָבן אויסגעמיטן צו ריידן לשון הרע פאַר איר. גאָטספאָרכטיקע נשים האָבן פאַרגליכן אירע פירעכצער צו די שיינע מידות פון די הייליקע אימאות.

---

און פינצטערניש, בלויע חלפים ריידן צו מיין גאָט.
מיט יעדער נאַכט דאָס קינד אין מיר פאַרשווינדט.
כ'ליג אַן אויסגעוואַקסענער מיט שטיינדלעך ווי מיט פערל.

אַן אומעטיקער טייך, די נאַכט, פאַרוויקלט מיך.
שעפטשעט ווידער צו מיר דעם זעלבן שיר ווי דענצמאָל:
אַז גאָט איז דער צעפלאַמטער פונק.

ווי אַ פאַרמשפטער יעדן אינדערפרי
געפין איך אַ נייעם אומעט דורך די שויבן
זיין ליכט! די ליכט וואָס שפרינגט אַריין
ווי פיסלעך מיידלשע און לייכטע.

די נאַכט ליגט שווער. ליגט אין מיר דערטרונקען.
ביינאַכט מיט זיך אַליין און מיט טויטע צוויי
אָן אַן אָנהייב, פרזמדע גאָר—
זייער שטילקייט טוט מיר ווי
און די זאַפט פון בלוטיקן פאַרגיין,
די ברידער מיינע.

אָרלאַנדאָ, פלאָרידאַ — 1987

מלך האָט געקוקט אויף איר אויסגע־
לאָשן פּנים. דער געלבער שיין פון נאַפט־
לעמפּל אויף דער וואַנט האָט געגליווערט
אויף די״ם הויכן קישן ביי איר צוקאָפּנס.
צירעלעס הויט איז געווען בלייך ווי ביי
אַ מת, זי איז געלעגן אין אַ שלומער. די
צאַנקענדיקע אויגן האָבן זיך האַלב גע־
עפנט און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ
ווייטן, אָפּגעפרעמדטן בליק, אַז ער איז
פאַרציטערט געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן
שטום תפילה גיטאָן צו גאָט ער זאָל מציל
זיין דאָס ריינע נפש.

ס'איז געווען באָך האַלבער נאַכט. אין
דרויסן האָט דער ווינט געריסן טיר און
פענצטער מיט אַ וואָיעניש פון הונגעריקע
וועלף. צפת האָט געפלאַטערט אין די
טונקעלע בערג. איבער די דזיכער האָט
געבלאָזן אַ שאַרפע טבת־קעלט וואָס קען
עוקר הרים זיין, כאָטש ס'איז ערשט גע־
ווען אין מיטן חודש אדר. דער דערשראָ־
קענער מלך האָט זיך אַריינגעזעצט אין
אַ טיפן שטול קיגנאיבער דעם בעט. דאָס
לעמפּל האָט געראוויכערט, זיינע אויגן־
דעקלעך האָבן זיך געקלעפּט, אָבער די
מחשבות זיינען געבליבן וואַך. ער האָט
זיך געראַנגלט מיטן שלאָף, וואָס איז אים
באַפאַלן. יאָר האָט מיט געוואַלד אויפ־
געריסן די אויגן. אין מוח האָבן אויפ־
געטויכט די אויסטערלישע רייד, וואָס די
שכנטעס האָבן דערציילט, רייד וואָס האָבן
אים סיי פאַרבליפט, סיי אַריינגעטריבן
אין יאוש.

פופצן יאָר האָט מלך געהאַנדלט מיט
תשמישי קדושה. זומער האָט ער געפירט
טליתים קיין טבריה און קיין מרון, ווו
יידן פון אַלע עקן וועלט זיינען עולה־רגל
געווען אָפּצופּריכטן די הילולא ביים קבר
פון רבי שמעון בר יוחאי. ביי דער הדלקה
האָט ער זיי פאַרקויפט קמיעות און זעקלעך
ארץ־ישראל־ערד. ווינטער האָט ער גע־
האַט פולע הענט מיט אַרבעט אין צפת. ווו
נאָר אַ ניי־אויסגעבויטער האָטעל, אַן
אַכסניא, האָט ער אָנגעקלאַפּט אויף די
ביישטידלעך מזוזות. אין דער פרייער צייט
האָט ער זיך געמאַכט נוצלעך אין דעם
ריזשינער שטיבל. זיין טאַטע, כאָטש אַ
יליד צפת, איז געווען אַ ריזשינער חסיד.
זיין זיידע אלימלך איז געווען אַן איינגייער
אין רבינס הויף נאָך מזיבר לים. ווי נאָר

ער איז עולה געווען קיין צפת, האָט ער
דאָרט געהאָלפן אויפבויען אַ מקום קדוש
לכבוד דעם רבין. דער טאַטע איז כל ימיו
געווען אַן איש תמים, אַ יושב אוהל. פאַר
זיין פּטירה האָט ער אָנגעזאָגט דעם זון
ער זאָל נישט לאָזן פאַלן די לעצטע פעס־
טונג פון ריזשינער הויף.

מלך האָט אָפּגעהיטן דעם טאַטנס צוואה
און גאָט האָט אים באַגליקט אין אַלע זיינע
טואונגען, אָבער קיין קדיש האָט ער אים
נישט געגעבן. צירעלע איז געווין זיין
געראָטענער זיווג און ער האָט געהאַט ביי
איר אַ גוט לעבן. דער באַשעפער האָט
פאַרמאַכט איר טראַכט און זי האָט ווי די
מאַמע רחל געוויינט דערויף וואָס זי איז
אַ געשטראָפטע עקרה. מלך האָט אויס־
געווישט אירע טרערן, געקויפט איר צוויי
מאָל אַ יאָר מתנות און זי געטרייסט, אַז
ס'וועט זיי נאָך באַשערט זיין אַ בן זקונים.
ער האָט זי געצערטלט ווי אַ פאָטער
צערטלט אַ בת יחידה. אין שול, אין עזרת
נשים, ווען זי איז געזעסן אויף דער ערש־
טער באַנק מיט די אויגן געווענדט צום
ארון קודש, האָט איר שיינקייט אַרויס־
געלויכטן ווי אַ שמעקעדיקע רויז. די איי־
פערזיכטיקע ווייבער האָבן זי מקנא געווען,
אָבער צירעלע האָט אויף זיי נישט גע־
טראָגן קיין פאַרדרוס.

אין די ענגע חדרים פון הויז איז איר
אָטעם געווין ווי אַ פרישׁ, דופטיק ווינטל.
ווען מלך איז געזעסן איבער אַ ספר, איז
ער טייל מאָל שיער נישט געשטרויכלט
געוואָרן מיט הרהורים. ס'איז געגוג גע־
ווען צירעלע זאָל אים פאַרבייגיין, אַז ער
זאָל אָפּווענדן די אויגן פון לערניען און
קוקן אויף איר מיט אויפגעוואַכטער פרייד.
צירעלע האָט נישט געמאָנט קיין באַלוי־
נונג פאַר איר געטריישאַפט. זי איז געווען
שטיל ווי אַ טויב, גאָטספאָרכטיק ווי אַ שרה
בת טובים. אָבער אין איינעם אַ טאָג,
ס'איז געווען צוויי וואָכן פאַר פורים, איז
זי געקומען צום מאַן מיט אַן אומגעריכ־
טער בקשה: זי וויל לאָזן אויפנייען אַ ניי,
שיין קלייד אויף יום־טוב ביים בעסטן
שניידער אין שטאָט. ווי האָט ער, מלך,
געקענט אָפּזאָגן דעם ווונטש פון צירעלע
די צנועה, די לויטערע אשה צווישן די
צפתער ווייבער?

## ב.

צירעלין איז אַוועק צו שמעון דעם שניידער באַשטעלן דאָס קלייד. זיין ווערקשטעל איז געווען אין אָפענעם מאַרק הינטער דער שול־גאַס. שמעון האָט גענייט בייערע קליידער פאַר די נגידתטעס פון צפת און פאַר די קעפּסוויבי׳ר פון די דורכפאָרנדיקע אַראַבישע עפענדיס. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גאָלדענע הענט און די רייכע ווייבער האָבן אים געצאָלט אין טאָג אַריין. ווי צירעלע האָט זיך באַוויזן אויף זיין שוועל איז ער געוואָרן שטאַרק פאַרחידושט און ג׳ימיינט, אַז מלך דער קמיעות־הענדלער האָט אַריינגעקראָגן דאָס גרויסע געווינס. אָבער צירעלעס איידעלע שיינקייט האָט אים פאַרבלענדט און כהרף־עין איז ער גרייט געווען זיך צו לאָזן דינגען, אפילו אַרונטערצולאָזן ביזן האַלבן פּרייז.

דיזר שניידער איז געווען אַ געזונטער זכר מיט מאַנסבילשע לוסטן, אָבער ער האָט געהאַט אָפּשיי פאַר איר איידלקייט און צניעות. זיינע הענט זיינען געווען שווערע און קנאָכיקע, אָבער ביים נעמען איר מאָס האָבן זיינע פינגער ג׳יפלאַטערט איבער איר לייב מיט אַזאַ לייכטקייט ווי די פליגלען פון אַ שמעטערלינג. צירעלע האָט איינגעקויפט אַ טייערן זיידענעם שטאָף און געקומען צו אים אָנמעסטן איין מאָל און אַ צווייט מאָל. אַ וואָך שפּעטער, דריי טעג פאַר אסתר תּ׳ענית האָט דער שניידער אַריינגעהאָנגען דעם מלבוש אין דער שויבן־שראַנק. ס׳איז געווען דאָס שענסטע קלייד, וואָס ער האָט אויפגענייט ביז צו יענעם טאָג.

צומאָרגנס האָט אין דעם שניידערס ווערקשטעל זיך באַוויזן אַ פריילעכי׳ר אַראַבער, אויסגעצירט ווי אַ קאַליף. זיין אַבאַיע האָט געלויכטן ווי אַ קעניגלעכער מאַנטל, דער קאָפּטוך פאַרפּוצט ווי אַ בלישטשענדיקע קרוין. ער איז אַריינגעשפּרונגען מיט דעם געליאַרם פון אַ ציך יאַכמערטן הענדלער אויף אַ באַזאַר אין באַגדאַד. ער האָט געהאַט אַ פלאַקערדיק פּנים מיט אַ פּאָר דיבע וואָנצעס ווי איבערגעדרייטע קנויטן. ער האָט דערציילט, אַז ער איז אָנגעקומי׳ן מיט זיין צירק פון ביי׳רוט צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן די איינוווינער פון שטאָט. ווער עס וועט זען די שפּילערייען פון זיינע קונצנמאַכערס, פייער־שלינגערס, שווערדן־פרעסערס און קאַרליקעס, ביי יזנעם וועלן זיך שטעלן די האָר קאַפּויער. דער אַראַבער האָט געוואָלט באַשטעלן ביי שמעון שניידער אַ רויט קלייד מיט דורכזיכטיקע שלייערן פאַר איינער פון זיינע דראָטן־גייערינס, אַ פאַרזעעניש מיט אַ דאָפּלטן בוזים. ווי דער פריילעכער אַראַבי׳ר האָט דערזען צירעלעס קלייד אין דער שויבן־שראַנק, האָבן זיינע פייערדיקע אויגן זיך צעגליט. ער האָט אויסגערופן:

אַזאַ קלייד איז אָנגעמאָסטן פאַר דעם שפּילווייב פון אַ וועזיר! אָבער ס׳וועט אויך גוט פּאַסן פאַר מיין מיאוסער דראָטן־גייערין... האָסט אַ פּרייז?

דער שניידער האָט דערזען אַן אומהיימלעכע לוסט אין דעם אַראַבערס אויגן און זיך אָנגערופן:

— דאָס קלייד איז פאַרקויפט, עפענדי.

— אויב כ׳וועל דיר צאָלן מיט גאָלדענע דינאַרן, וויפיל פאַרלאַנגסטו?

— דו האָסט נישט גענוג גאָלד דאָס מלבוש אָפּצוקויפן, עפענדי. דאָס ווייב פון אַ גאָטספאָרכטיקן מאַן האָט עס באַשטעלט.

דער אַראַבער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די גרויסע האַנטפלאַכן. ער האָט געזאָגט:

— אויב כ׳קען נישט קריגן דאָס קלייד, ווייז מיר די פרוי וואָס וועט דאָס שיינע געוואַנד טראָגן.

שמעון דער שניידער האָט אים צוגעוואָרפן אַ צ׳יטומלטן בליק און געשוויגן. ביים פריילעכן אַראַבער האָבן די אויגן זיך פאַרגלאָצט. פון גרויס גלוסטעניש צו זען די פרוי וואָס איר לייב וועט טראָגן דאָס טייערע קלייד, האָט אין זיין מוח אויפגעוואַכט אַ הינטערליסטיקע מחשבה: ער וועט אַריינטאָן כישוף אין דעם קלייד און די פרוי, וואָס ער וויל מיט איר זינדיקן, וועט צו אים קומען.

ער האָט איינגעקליימט אין זיינע פינגער די שפּיצן פון די קנויט־וואָנצעס און זיך צעלאַכט.

— ביסט גערעכט, שניידער. הירזש פאַר עופות, פּאַשע פאַר בהמות און אַ דינסט איז נישט ווערט צו גיין אָנגעטאָן

ווי אַ האַרינטע. ווײַז מיר אַנדערע גע־
וואַנדן פון לייוונט און פון ציגנהאָר פאַר
מיין דראָטן־גייערין.

ווײַזן דער שניידער איז אַריין אין דער
קליינער קאַמער ברענגען די כּראַסטע
שטאָפן, האָט דער אַראַבער אַרויסגעכאַפּט
פון זיין אַבאַיע אַ שטיקל פּאַרמעט, באַ־
שריבן מיט צויבער־שפּרוכן. ער האָט גיך
אַן עפן געטאָן די שויבן־שראַנק און מיט
אַ קליינער נאָדל אַריינגעשטאָכן דאָס
פּאַרמעטײַנע קוויטל אין אַ בוזעם־פאַלד
פון דעם טייערן קלייד. דער שניידער איז
צוריקגעקומען מיט פולע אַרעמס. דער
אַראַבער האָט איבערגעוואָרפן דעם שטויס
געוואַנדן, אָבער זיין פּנים האָט זיך פאַר־
קרימט. פון אַלע שטאָפן האָט ער ניט
געהאַט וואָס אויסצוקלייבן. ער האָט אי־
בערגעלאָזט שמעון דעם שניידער אַ שיינע
מטבע פאַר דער טירחה און איז אַוועק.

צירעלע האָט איר קלייד אָפּגענומען
באַצייטנס און אָנגעטאָן האָט זי עס צום
ערשטן מאָל פאַר דער פּורים־סעודה. זי
האָט זיך געגרייט צו גיין הערן לייענען
די מגילה. אָבער ווי נאָר דאָס געוואַנד
איז געווײַזן אויף איר לייב, איז די שיינע,
פרומע צירעלע נישט געווען צו דערקע־
נען. דאָס בלוט האָט אין איר אויפגע־
פלאַמט ווי אַ קנויל פייער. אויסטערלישע
באַגערן האָבן אויפגעוואַכט און ס'האָט איר
געצויגן צום אַראַבער. אַזוינס האָט נאָך
קיינער פריִער נישט געהערט אין דער
הייליקער צפת, אַז אַ פרומע, אָפּגעהיטענע
אשה זאָל עס ציען צו אַ זינדיקן מאַנסביל,
וואָס פון זיין געדעכעניש האָט זי צומאָל
נישט געוווּסט. אירע לויטערע אויגן האָבן
אויפגעלויכטן מיט אומהיימלעכע פייער־
לעך. דאָס האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון
בענקשאַפט. מלך האָט זי גערופן מיטצו־
גיין אין שול אַריין און הערן לייענען די
מגילה, אָבער איר לייב איז שוין געווען
אָנגעשטעקט מיט לוסט און פאַרשייטקייט
און זי האָט געזאָגט צום מאַן ער זאָל גיין
אַליין פריִער און זי וועט נאָכקומען.

ווי נאָר מלך האָט פאַרמאַכט די טיר,
איז צירעלע באַפאַלן געוואָרן פון אַ ווילד־
דער שטיפעריישקייט. זי האָט פאַרגעסן
אַן אַלע שטרענגע דינים און פון גרויס
פרייד געכאַפּט אַ טענצל פאַרן וואַנט־
שפּיגל. די שטענדיקע צניעות און אָפּגע־
היטנקייט איז אַוועק און געקומען איז אַן
אומגעריכטע צעלאָזנקייט. זי האָט דער־
שפּירט אַ ווילן צו באַגיין זינדיקע טו־
אונגען.

ג.

מאַן און ווייב האָבן זיך געלאָזט אויף
צוויי באַזונדערע וועגן. מלך איז געגאַנגען
אין שול אַריין און צירעלע האָט זיך פאַר־
נומען אויפן וועג צו טרייפן דעם פאַרבאַר־
גענעם אַראַבער, וואָס האָט איר אָנגעטאָן
אַ כישוף. זי האָט ניט געוווּסט ווו ס'איז
זיין וווינאָרט, אָבער זי איז אָן צעגערניש
געגאַנגען פאַרויס, גלייך אַן אומגעזעענע
האַנט וואָלט זי געפירט. צפת, די העכס־
טע פון אַלע שטעט אויף גאָטס ערד, האָט
זיך אויסגעשפּרייט איבער ליכטיקע בערג.
ס'איז געווען פאַר זון־יִעצונג און דאָס
פייער פון שקיעה האָט געברענט אויף די
רויטע דעכער פון די נידעריקע הייזער,
וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט ווי ווילדע
שוואָמען. צירעלעס טריט זיינען געוואָרן
גיכער, פעסטער. זי איז שוין געווען ביים
עק פון דער הינטערשטער שטאָט, ווו עס
קלעטערן אַרויף בלינדע שטיבלעך, גע־
שפּאָלטענע מויערן, אָפּגעבראָכענע זיילן.
זי האָט געהאַט אויסגעמיטן דאָס מאַרק־
געסל און זיך פאַרנומען צום בערגל פון
דער מצודה, די פאַרצייטיקע פעסטונג,
דאָרט ווו ווינציק מאמינים האָבן אַמאָל
באַזיגט פילצאָליקע גיבורים.

צירעלע האָט אין איילעניש זיך אַראָפּ־
געלאָזט מיט די טרעפּ פון דער מצודה
און איז אַריין אין אַ רעשיקער גאַס פון
קרעמען, ישיבות און שטיבלעך. פון אָפענע
פענצטער האָבן זיך געטראָגן ניגונים פון
לערנער־בחורים, און כאָטש ס'איז נאָך
געווען צו פרי צו הערן לייענען די מגילה,
זיינען שוין אָנגעלאָפן ייִנגלעך שטיפערס
און געקלאַפּט מיט די גראַגערס. איבער
די קראָמען האָט געגלימערט דאָס שוואַכע
ליכט פון פאַררויכערטע לעמפּלעך. ס'זיי־
נען פאַרבייגעגאַנגען יידן אין גלאַנציקע
זשופּיצעס, מיט אויסגעצוואָגענע בערד
און פּיאות. זיי האָבן זיך געיאָגט צו די
שטיבלעך און בתי מדרשים. ווייבער אין
הייבלעך, אין שטערנטיכלעך, מיידלעך
אין פאַטשיילעס זיינען געהאַרכזאַמע נאָכ־

גײַגאַנגען. אַ הײפֿל באַוואַקסענע אַראַבער זײַנען אַלע בנעימותדיק דורכגעריטן אויף פֿוילע אײזלען.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און צירעלע איז געווען אויסער דער שטאָט. אַן אויפֿגעהויבענע, געטראָגן פֿון ווינט, האָט זי ווי אַ מלאך גײַפֿלאַטערט איבער די פֿאַרטונקלטע בערגלעך. זי האָט געמאַכט שפּרײַזן אַזוי ווי אַ צדיק בײַ קפיצת הדרך. אַ שפּרײַז — אַ דאַך, אַ שפּרײַז — אַ בלינדע וואַנט, באַוואַקסן מיט מאָך. צופֿוסנס פֿון אַ הילצערנעם פּלויט איז גײַשטאַנען אַ באָרוועסער בעדואינער און געפּאָמפּעט אַן אַלטע פּלומפּ, אַז דאָס וואַסער זאָל ציִען דורך די רערן אַרויף צו די שכונותדיקע הײַזלעך.

דער טאָג איז אויסגעגאַנגען. דאָס ליכט פֿון דער צעפּלאַמטער זון האָט געצאַנקט אָבער צירעלע איז געווען פֿרײַ פֿון שרעק. זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק הינטער זיך. ווײַט־ווײַט, אויף די מויערן פֿון דער אויבערשטער שטאָט האָבן געמיניעט ליכט־סיגנאַלן. פֿײַערווערק האָבן אויפֿגעריסן און זיך צעשפּריצט מיט אַלע רעגנבויגן־קאָלירן. ס'האָט זיך געהערט אַ פּולווער־שיסערײַ פֿון דעם קלײנוואַרג אַזוי ווי דאָס קנאַלערײַ פֿון ביקסן. די שמחה האָט אָפּגעהילכט אין די בערג אַרום און צירעלע האָט באַנומען, אַז איבער צפֿת איז אויפֿגעגאַנגען דאָס פֿרײלעכע גערויש פֿון שושן הבירה. אויף אײן רגע איז איר באַפֿאַלן אַ טרויער און איר פּנים איז פֿאַרוואַשן געוואָרן מיט טרערן. געדאַרפֿט האָט זי אַצינד זיצן אין דער עזרת נשים און הערן לײענען די מגילה, אָבער זי שוועבט גאָר אין די הויכקייטן, גלײַך זי וואָלט געריטן אויף שטורעם־וואָלקנס.

צירעלעס טרערן האָבן אויסגעטריקנט און זי האָט פּלוצים דערזען ווי פּוני׳ס טאָל אַרויס איז אָנגעריטן אויף אײזלען און פֿערד אַ האָרדע בײַיִקע אַראַבער מיט דעם געיעג פֿון פּערסישע שווערדן־פֿעכטערס. זײער געפֿילדער האָט אויך דערמאָנט אַ צונױפֿגעלויף פֿון אויפֿקויפֿערס, וואָס טראָגן זיך צום בשמים־יאַריד. זײ האָבן אַרויסגעלאָזט אומגעהאָרישע געשרײען און זיך פֿאַרקירעוועט צו אַ זאַמדיקן ריוו. קוקנדיק אויף די רײַטערס פֿון טאָל האָבן בײַ צירעלען די אויגן אויפֿגעשטראַלט. איר האַרץ האָט זיך צעשטורעמט. יעדעס גליד האָט אין איר געציטערט מיט דער פֿרײד פֿון דערוואַרטונג. זי האָט געוווּסט אַז דער, וואָס פֿון זײַנעטוועגן האָט זי אָפּגענאַרט איר מאַן און אויסגעמאָסטן האַלב צפֿת, וועט באַלד אַרויסשפּרינגען פֿון דער האָרדע רײַטערס.

אַ פֿאַרבליפֿטע האָט זי געוואָרפֿן בליקן פֿאַרויס ווי פּלוצים האָט אַ צעוואַקסיִנער רײַטער האַסטיק זיך געטראָגן איר אַנטקעגן. זי האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף אים ווי ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זאָטל און זיך געשטעלט פֿאַר איר. ער איז געווען טונקלהויטיק, ברײטאַקסלדיק און געהאַט דאָס זעלבע פֿלאַקערדיקע פּנים און די בײזע קנויטן־וואָנצעס ווי אין יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך באַוויזן בײַ שמעון דעם שנײַדער. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער הײסט צאַלאַח ראָכמאַן און שווײַגנדיק זי אָנגעקוקט מיט אַזעלכע שפּיזלדיקע אויגן גלײַך ער וואָלט דורכגײַלעכערט אירע געהירן.

פֿון צערודערטקײט איז צירעלע געבליבן פֿאַרגליווערט און געגאַפֿט אויף אים. לויט זײַן הינטערליסטיקן אויסזען האָט זי דערקענט, אַז ער איז אַקעגן־געריטן אויף די זעלבע וועגן, וווּ זי האָט אים אַרומגעזוכט. ס'האָט געמוזט זײַן פֿון שרעק און פֿרײד אינאײנעם ווען זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשרײ. אַלע אירע חושים זײַנען פֿאַרטויבט געוואָרן. ס'האָט איר געשווינדלט פֿאַר די אויגן. די ערד האָט גענומען אײַנזינקען. זי האָט געהאַלטן בײַם פֿאַלן אין חלשות.

דער רײַטער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע האָריקע הענט זי אונטערצושפּאַרן. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אויף זײַנע אָרעמס, דערנאָך האָט ער זי אַרויפֿגעזעצט אויפֿן פֿערד און זי אַוועקגעפֿירט אין זײַן הויז הינטער דער שטאָט.

ד.

ווי צאַלאַח ראַכמאַן האָט צירעלען אַרײַנגעבראַכט אין זײַן אָפּגעזונדערט הויז, האָט ער פֿאַסשלאָסן דאָס טויער פֿון הויף. ס'איז שוין געווען אָוונט און איבער

דער אייזערנער טיר פון אַריינגאַנג האָט געברענט אַ פּאַקעל. ער האָט זי אַריינגעפירט אין זיין שלאָפקאַמער, אָבי׳ך אָנגעריירט האָט ער זי נישט. דער רויטער פלאַם פון אַ לאַמטערן האָט באַלויכטן די ווענט. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ ברענדיקע תאווה. איר שיינקייט איז געווען ווי אַ זייל ליכט אין דער האַלבטונקעלער שלאָפקאַמער. איר׳ן גרויסע, לויטערע אויגן זיינען געווען ברייט צעעפנט. די ליפן צעשיידט אין אַ שמייכל, האָבן צוגעזאָגט אונטערטעניקייט, דאָס זיידענע איינגעשניטעניי קלייד איז געלעגן אָפּגעצויגן אויף איר אויסגעקנאָטענעם לייב. דער אָפּגעדעקטער ווייסער האַלדז האָט זיך ווי געבעטן: קוש מיין אידעלע הויט.

דער צייפלאַמטער אַראַבער האָט געלעכצט נאָך איר גוף. פון זיינע נאָזלעכער האָט געבלאָזן אַ הייסער ווינט. ער האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט די טונקעלע פאַלדן פון זיין אַבאַיע און ער איז אויסגעוואקסן פאַר איר ווי אַ ריזיקע פלעדערמויז. זי האָט איר איינגערוימט:

— קום, דו שיינע צווישן פרויען. מיין קעניגרייך אין מדבר איז דיין. מיין הערשאַפט שפּרייט זיך אויס איבער דעם ווייטן אָפענעם לאַנד, אָן היילן פאַר חיות, אָן נעסטן פאַר רויבפייגל.

אויך צירעלע איז געווען אָנגעלאָדן מיט באַגײַרן צום שטאַרקן זכר. אָבער דער כוח, וואָס באַשיצט אַ צנועה פון שטרויכלונגען און אַ כשרע אישה פון זינד, האָט איר געגעבן קראַפט פון ווידערשטאַנד, זי האָט אָפּגעשפּעט פון זיינע באַרימערייען.

— רעדסט פאַלשע רייד, פאַרפירער. דיין קעניגרייך קען זיין נאָר דאָס גיהנום.

באַרוישט פון איר שטיפערישן ענטפער, האָט ער אַ וואַקלדיקער ווי אַ שיכור זיך דערנענטערט צו איר און געזאָגט:

— ווי קען די זון לויכטן אין גיהנום? צי האָט מען דיר נישט דערציילט, אַז דער דאַך פון מיין פאַלאַץ איז אַ חופּה מיט שטערן?

זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— דיין קעניגרייך איז אַ טונקעלע הייל, אומגליקלעכער — האָט זיך געריצט — דו ביסט דער האַר איבער פינצטערניש. אפילו שדים זיינען נישט געהאָרכזאַם צו דיר.

ער האָט אָנגערירט די שפּיצן פון אירע פינגער.

— נאַרעלע, מלאכים בוקן זיך צו מיר און לייבן לעקן מיינע פיס.

— ביסט נאָך אַ גרעסערער ליגנער ווי אַ רשע — האָט צירעלע געזאָגט — אַ הערשער אין מידבר איז נישט מער ווי אַ הונגעריקער רויבער. שאַקאַלן אין די זאַמדן און פוקסן אין די גריבער האָבן נישט קיין פחד פאַר אים...

ער האָט זיך צעלאַכט און דאָס געלעכטער איז געווען אַזוי הילכיק ווי די דונערן וואָס ברעכן דורך פינצטערע וואָלקנס. ער האָט געשריען:

— נישט נאָר די חיות אויף דער ערד קניען פאַר מיר, אויך די פייגל פון הימל נידערן אַראָפּ צו מיר. ווען איך הייב אויף די שווערד, שטעלט זיך אָפּ דער שוואַרץ־אָדלער אין מיטן פליען. דער פאַלקפויגל ווערט פאַרציטערט, די קראָ ווערט איינגעשרומפּן, ביים שפּאַרבער פאַלן אַראָפּ די פליגלען. צי האָסטו נישט גענוג געהערט וועגן מיין מאַכט? מיט איין שפּרוך קען איך אַראָפּברענגען אַ מבול אין דער וויסטעניש. כ׳דאַרף בלויז אויסשפּרייטן מיין אַקסלבאַנד און דער ים ווערט אויסגעטריקנט...

— צוועק פאַרשאָלטענער! האָסטו דען נישט קיין מורא פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט?

ער האָט אויפגעהויבן איבער איר קאָפּ זיינע ברייטע אַרבל און זיין צונג איז געוואָרן אַזוי שלוי ווי די צונג ביי דער פאַרצייטיקער שלאַנג הינטערן עפּלבוים:

— קום אַרויס אין הויף, שיינע שפּילווייב, מיין קעמל וואַרט אויף אונדז. דער זאָטל אויף זיין האָרב וועט זיין פאַר דיר אַ ווייכער הימלבעט. מיט דיר וועל איך אַוועקרייטן פון דעם טרוקענעם לאַנד און איבערשווימען דעם גרויסן ים. קאַליפן וועלן לייגן זייערע שווערדן צו דיינע פיס. ווילסט פאַרזוכן דאָס גליק פון הערשאַפט? פון דיינעטוועגן וועל איך ווערן דער קעניג פון טערקיי, כ׳וועל אַרויסטרייבן דעם סולטאַן פון סטאַמבול.

ווי דער מכשף האָט אַזוי גערעדט צו איר זײַנע פֿאַרפּירערישע רייד, האָט זי מיט אַ מאָל דערשפּירט ווי אַלע אירע גלי־דער ווי׳רן אָפּגעשוואַכט. אַ קאַלטער שווייס האָט זי באַגאָסן, אין מוח האָט גערוישט, די שלייפֿן האָבן געזעצט. אין יענער רגע האָט ער זי אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע אָרעמס און זי איז געוואָרן אַזוי לייכט ווי אַ שפּענדל אין ווינט.

זי האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— כ׳ווייס נישט ווי אַזוי כ׳בין געקומען צו דיר.

— דיר נביא מוכאַמעד אַליין האָט אונדז צונויפֿגעפֿירט — האָט ער ריידנדיק זי געדריקט צו זיך — אונדזער באַגע־געניש איז געווען באַשערט ביים סוף פֿון טאָג. דער שענסטער צוזאַמענטרעף פֿון צוויי פֿאַרבענקטע נשמות איז אונטער די אויסגייענדיקע זון־שטראַלן.

דאָס צאַנקענדיקע ליכט אין דער לאַמ־טערן האָט געטענצלט און אויסגעשפּרייט שאָטנס איבער די ווענט פֿון דעם שלאָפֿ־קאַמער. פּלוצים האָט די סטעליע זיך אונטערגעהויבן. די ווענט זײַנען צינומען געוואָרן און וואָלקנס האָבן זיי אײַנגעהילט. דער מכשף מיט צירעלען האָבן באַרוישטע געטאַנצט און נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. ווי זי האָט אַזוי זיך געקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס, האָבן פֿאַרבאָטעני באַ־גערן אין איר אויפֿגעזאָטן און איר לייב האָט אָנגעהויבן גליען מיט דער ציטער־דיקער פֿרייד פֿון אַ כלה אין איר חופּה־נאַכט.

דער באַגייסטערטער אַראַבער האָט אָפּ־געזאָגט אַ צויבער־שפּרוך און זי האָט פּלוצים דערזען אין דיים שלאָפֿקאַמער אַ טיש מיט טייערע שפּייזן און געטראַנקען. נאָכן עסן און טרינקען זײַנען זיי ווידער באַפֿאַלן געוואָרן מיט אַ לוסט צו טאַנצן. זיי האָבן זיך געוויגט אין אַ ראָד ווי צוויי פֿלאַטערדיקע פֿייגל. דער אַראַבער האָט געשפּירט ווי דאָס צאַרטע לייב גיסט זיך אַרײַן אין זײַן בלוט. ציריעלע אין גע־שווומען אין זײַנע אָרעמס אַזוי לייכט ווי אַ פֿעדער. זײַנע קנאָכיקע הענט האָבן געהאַלטן איר דינעם רוקנביין מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז ס׳איז געווען אַזוי אין שטאַר־קער קלעם. אַז איר איידעלער גוף זאָל זיך

צעבריקן. זי איז געווען באַוועלטיקט צו־ערשט פֿון פֿרייד, דערנאָך פֿון טרויער. אַ פֿאַראומערטע האָט זי געפֿרעגט:

— ווער ביסטו, פֿאַרפּירער? פֿון וואַנען שטאַמסטו?

דער מכשף האָט אָנגעקוואָלן פֿון גליק. זײַן שלויִע צונג איז געוואָרן היציקער פֿון זײַן צעפֿלאַקערט פּנים.

— איך בין צאַלאַח ראַכמאַן, דיר רייכ־סטער צויבערמאַן אין מדבר — האָט ער געזאָגט — מײַן פֿאָטער איז געווען אַ באַרג־קלעטערער און ער האָט געקענט דורכגראָבן די טיפֿסטע היילן. זײַן פֿויסט איז געווען ווי אַ שפּיציקער האַמער, זײַנע פּיס פֿלינק ווי ביי אַ אינד אין פֿעלד. זײַן לאַנד איז געווען פֿעט און גרויס ווי דער ליכטיקער אויסשפּרייט פֿון מעקאַ ביז דזשעדאַ. ער האָט פֿאַרמאָגט שאָף און רינדער און לאַסט־חיות. ס׳האָט ביי אים נישט געפֿעלט אַ פֿוקס און אַ דאַמהירש, אַ שטיינבאָק און אַ גאַזעל, אַ ווילדציג און אַ באַרגשעפּס. ער האָט אויך געהאַט אַ סך פֿעטע בהמות און קאָלירטע פֿייגל לויט זייערע מינים. אָבער ער איז געווען אַ כופֿר און געלעסטערט דעם נביא. איין מאָל האָט צו אים זיך באַוויזן אַ בייזער מכשף, ער האָט אַ בלאָז געטאָן אין אַ ביינערנעם האָרן און אַרײַנגעכאַפּט אין זײַן קליינעם קאַפּטוך מײַן פֿאָטערס גאַנץ רייכטום, זײַן האָב און גאָב. דער מכשף האָט מיך פֿאַר־שלעפּט אין זײַן הויף און דאָרט בין איך געוואָרן אַ באַדינער ביי זײַנע האַרעם־ווייבער. פֿון אים האָב איך געלערנט אַלע צויבערשטיק. כ׳האָב זיך דערוווּסט די געהיימע שפּרוכן און קללות, וואָס קענען פֿאַראומגליקן מענטשן. ווען כ׳בין אונ־טער געוואַקסן, האָב איך אויס נקמה דעם מכשף דערהרגעט און געשענדעט זײַנע ווייבער. דערנאָך האָב איך זיי געמאַכט כּאַר לוסטמוידן אין מײַן צירק. כ׳האָב אָנגעהויבן וואַנדערן איבער ווייטע לענ־דער און אָנגעזאַמלט אַן עשירות. היינט וואַשן מײַנע פֿיס הונדערט פֿריילעכע פֿרויען, אָבער כ׳וועל זיך נישט צורירן צו זיי, ווײַל זיי זײַנען קויטיק. בלייב מיט מיר, דו לויטערע טאָכטער.

ציריעלע איז באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אַן אויסטערלישער צערודערניש. אירע חושים

זיינען געוואָרן פאַרטויבט. זיין היציקער אָטעם האָט געבלאָזן אויף איר ווי אַ פייערדיקער ווינט, אָבער זיינע פאַרפירערישע רייד האָבן געגלעט איר אויערן אַזוי ווי שמעקעדיקער באַלזאַם גלעט די הויט פון אַ הייס פרויען־לייב. אין מיטן ריידן האָט ער אַרויסגעצויגן פון אַ קופּערנעם קעסטעלע בליציקע צירונג־שטיקער און אָנגעטאָן אויף איר אַ פּערלשנור, אַ האַלדזבאַנד, אַ פּאָר בראַנזלייטן און קני־גלעקלעך.

ווען זיי האָבן ווידער זיך געוויגט אין דעם פאַרחלומטן געדריי, האָבן זיינע נאָזלעכער אַריינגעצויגן דעם אָנגענעמען ריח פון אירע סאַמעטענע האָר. זיינע גראָבע ליפּן האָבן אויפגעזוכט איר פאַרחלשט מויל. די מאַנסבילשע תאווה, וואָס איז בכוח צו באַצווינגען ווייבלעכע צניעות, האָט שיער נישט געקראָגן שליטה איבער צירעלען. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט אויפגעבליצטע פייערלעך און אירע אונטערטעניקע בליקן זיינען דערטרונקען געוואָרן אין זיינע. דאָס בלוט האָט אין אים געזאָטן ווען ער האָט זי געהאַלדזט און ווילד געקושט.

ער האָט זיך איינגעביסן אין איר מויל, אין איר האַלדז און באַקן, גלייך ער וואָלט נישט געקענט דערשטיקן די הייסע תאווה זיך צו באַהעפטן מיט איר. די אָנמעכטיקע צירעלע האָט ביטער געוויינט. דער פחד, אַז זי וועט זיך נישט קענען ווערן קעגן דעם נואף האָט אָפּגענומען ביי איר די לעצטע כוחות.

ה.

ווען מלך האָט איינגעדרימלט ביים בעט פון דער שלאָפער צירעלע און דורכגעחלומט אירע איבערלעבענישן, האָט די טיר זיך אויפגעריסן און ס'איז אַריינגעקומען די לאָמע זיסל. דאָס פאַררויכערטע נאַפטנעמפל האָט שוין לאַנג אויסגעצאַנקט, דורכן שמאָלן פענצטער האָט זיך דורכגעזיפּט דאָס גרויע ליכט פון פאַרטאָג. זיסל האָט אַ קוק געטאָן אויף צירעלעס וואַקסענעם פּנים. זי האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין און אויסגעשריען:

— הלוואי זכות אבות זאָל איר ביישטיין!

זיסל איז געווען מלכס לייבלעכע מומע, אַ דאַרע זקנה, געבויגן אין דרייען. ביים אַריינקומען איז איר איינגעצערטער גוף געוואָרן נאָך מער איינגעשרומפּן הינטער דעם לויזן שוואַרצן קלייד. איר בלאָנדער האָר־שייטל פון זאַמד־קאָליר איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דרייעקיק קאָפּטיכל, דאָס צייקנייטשטע מויל איינגעפאַלן, אָבער פון אירע וואַכע, שטרענגע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פייער, וואָס לאָזט די וועלט נישט איינשלאָפן. די מומע זיסל האָט געשטאַמט פון פיר דורות לומדים אין צפת. זי איז געווען אַ הייבאַם און אָפּגענומען אַלע קינדער פון די שטאָטישע מיוחסים. אָן די געזונטע עופהלעך האָט זי גלייך פאַרגעסן און די שוואַכע האָט זי געהאָלפן אויסהאָדעווען. פון צו פיל פאַרטוענקייט אין פרעמדע הייזער האָט זי נישט געהאַט קיין צייט צו גיין צוגאַסט צו קרובים. צו מלכן און צירעלען האָט זי זיך באַוויזן צוויי מאָל אַ יאָר, פּסח און אין די ימים נוראים. אָבער ווי נאָר ס'איז געשען אַ מאלעיר אין דער משפּחה, איז זי געווען פלינק אויף די פיס. פאַר אַ חולה מסוכן האָט זי געהייסן אַוועקזעצן תהילים־זאָגערס אין דער ערשטער שול פון אר"י הקדוש. ווען אַ קימפּעטאָרין האָט געהאַט אַ שווער האָבן, האָט זי באַפוילן איינצודרייסן קברים.

די זעלבע נאַכט ווען מ'האָט איר אָנגעזאָגט, אַז צירעלין האָט מען אָנגעטאָן אַ כישוף און זי ליגט אַ פאַרשלאָפטע, האָט זיסל זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען אַ פּאָר שעה. אויפן שפּראָץ פון טאָג איז זי אַוועקגעלאָפן זען די קראַנקע. אין מיטן וועג האָט זי אָנגעקלאַפּט אין דעם לאָדן פון אַ גוטן ייד און געלאָזט וויסן וועגן דעם אומגליק.

זיסל האָט אַצינד געשטילט הינקענדיקע טריט איבערן חדר. זי האָט מיט געניטשאַפט אָנגעקוקט דעם דערשראָקענעם מלך איין מאָל און אַ צווייט מאָל און פאַרבראָכן די הענט.

— ווי איז מיר, מלך! ביסט אַליין אויך חרוב! — האָט זי אויסגערופן — קוק אַריין אין שפּיגל, וועסטו זען דיין מראה.

זי האָט אים צוגעשטופּט צום קיילעכדיקן שפּיגל איבער דער קאָמאָדע און אַ זאָג געטאָן:

— עפּעס שענערס פון דיר ליגט מען אין קבר אַריין...

מלך האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. פון דער מומעס רייד איז אים געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים. די קניען האָבן זיך איינגעבויגן ווי זיי וואָלטן נישט אויסגעהאַלטן די משא פון גוף. די זקנה האָט צוגעאיילט צו דער שוואַכער צירעלע און באַנומיזן, אַז אַלע אָנשיקענישן באַפאַלן בלויז אַן עקרה. זי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר בלייכן שטערן און זיך אָנגערופן:

— צירעלע דאַרף רחמים.

זי איז אַריינגעלאָפן אין קיך און צוריקגעקומען מיט אַ שיסל וואַסער און אַ רעפטל אַלטגעבאַקן ברויט. זי האָט אַריינגעבראָקט שטיקלעך ברויט אין דער שיסל, איינגעטונקט אַ טיכל און מיט אַ שעפטשעניש אויף די ליפן באַנעצט צירעלעס שלייפן. זי האָט זיך אַ קער געטאָן צום אומבאַהאָלפענעם מלך מיט אַ געשריי:

— שטיי נישט ווי אַ געליימטער! זעץ אַוועק אַ מנין תהילים־זאָגערס אין שטיבל.

ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— ווער וועט בלייבן מיט צירעלען?— האָט ער שטיל געפרעגט.

זי האָט אים געשטופט צו דער טיר:

— זי בלייבט נישט אַליין. כ'האָב געהאָלפן ברענגען דורות אויף דער וועלט, וועל איך דיך לאָזן צירעלען אויסגיין?

זיסלס געשריי האָט אַרויסגעטריבן מלכן פון הויז און ער האָט זיך געלאָזט לויפן צו ר' צדוקן, דעם לעצטן חסיד פון ריזשינער שטיבל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַלע פאַראומגליקטע לויפן צו ר' צדוקן. ער קען טרייסטן אבלים און לינדערן הערצער פון געליטענע. ער ווישט אויס די טרערן פון באַרויבטע אַלמנות און פאַרלאָזענע יתומים. מלך האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ אימפעט גלייך נישט זיינע פיס, נאָר פליגלען וואָלטן אים אויפגעהויבן. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, דורך שמאָלע געסלעך און ענגע הויפן מיט אָפּגעבראָכענע פלויטן. ער איז געשפרונגען איבער בערגלעך. די אונטערשטע שטאָט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אין אַ שאול תחתיה. שטיינערנע פּאַרקאַנעס און אייזערנע מויערן האָבן אָפּגעצוימט די פלאַכע הייזער. אין דעם פאַרטאָג איז צפת געווען לויטער ווי תכלת. די ווינטן, וואָס גרויען צוזאַמען מיטן באַגינען און זאָגן אָן דעם איבערגאַנג פון נאַכט אויף טאָג, האָבן גשמיסן פון די הויכע געקייטלטע בערג. די זון ווי אַ ריזיקע קנויט האָט אויפגעפלאַמט אין מזרח און געצונדן שרפות איבערן הימל.

מלך האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שטייט שוין צופוסנס דער אויבערשטער שטאָט. אויס צערודערטקייט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און איז פאַרקראָכן אין אַ טאָל מיט יונגע ביימער. ער איז אַריין אין אַ פעלד און געטראָטן אויף הויפנס גרינס, מאָן־בלימעלעך, ביזגעלעך. זיינע ליפן האָבן געוואָלט לויבן דעם באַשעפער פאַר זיין ליכטיקער וועלט, אָבער אין דער מחשבה האָט ער געבעטן רחמים פאַר צירעלען. ער האָט געקוקט הינטער זיך. צו מזרח, אויפן ליימיקן וועג האָט זיך אַרויסגעהויבן דער כסא אליהו, אַן אויסגעהאַקטער ווייסער שטיין, געפורעמט ווי גאָטס אַ נישט פאַרענדיקט ווערק. אין זיין פאַרדווירטקייט האָט מלך אויפגעהויבן די אויגן צו די הייכן. אין יענע לויטערע בערג האָט אַמאָל שפּאַצירט ר' יוסף קארו און ס'האָט דאָרט אויסגעזונגען זיינע געזאַנגען צו שבת מלכתא ר' שלמה אלקוביץ, און אונטן, אויפן וויסטן וועג שטייט דער שטיינערנער שטול און וואַרט אַז אליהו זאָל זיך דאָרט אַוועקזעצן און בלאָזן שופר אויף גאולה. דורות גייען, דורות קומען און משיח זיצט אין טויער אַ געבונדענער און פאַרגייט אין צער אויף שעבוד מלכות.

דורך די שמאָלע באַרג־סטעזשקעס האָט מלך געקלעטערט אַלץ העכער. אַ פאַרסאָפּעטער האָט ער געווישט דעם שווייס פון שטערן. ער האָט זיך דערנענטערט צו די געדרייטע געסלעך פול מיט יידישע און אַראַבישע קראָמען. פון זייטיקע לייקעס זיינען אַרויס אַראַבערקעס געשלייערט אין שוואַרצע געוואַנדן ווי פלעדערמייז, מיט גרויסע קרוגן אויף די אַקסלען זיינען זיי געגאַנגען שעפּן וואַסער פון ברונעם. הענדלערס אויף אייזלען זיינען געריטן צום מאַרק. איבערן הימל איז אָנגעשוועמען אַ וואָלקן, טונקל ווי אַ רעגנכמאַרע. שטיקלעך זון ווי שמייכלען האָבן צעריסן דעם וואָלקן און דאָס ליכט פון פרימאָרגן האָט געפלייצט איבער די ווייסע דעכער און קופּאָלן.

מלך איז אָנגעקומען אויפן נידעריקן מאַרק, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ ברייטער קיילעכדיקער הויף. די געקאַלכטע הייזער זיינען געווען איינגעוואַקסן איינס אין ס'אַנדערע. טירן און קראָמיקן האָבן זיך געעפנט. הענדלערס זיינען אָנגעקומען מיט זייערע שטופּוועגענער. ס'איז נאָך געווען פרי, אָבער די ריחות פון געפּרעגלטן בוימאייל און געבראָטענע פליישן האָבן זיך שוין געטראָגן פון אַן אָפענער אַכסניה. ס'איז פאַרביי־גילאָפן אַ קנאַכיקער תימנער מיט געקרייזלטע פּיאות ביז צו די אַקסלען. לויפנדיק האָט ער געצויגן הינטער זיך אויף אַ שטריק צוויי מאָגערע ציגן. ביי יעדן הויף־מויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גערופן די באַלעבאָסטעס צו קויפן וואַרעמע ציגן־מילך.

אַן עלטערער פּרוכטן־הענדלער האָט געשטופּט זיין בויד אויף רעדלעך, אָנגעלאָדן פירות און גרינצייג. אַ האַלב־בלינדער שערער האָט אַרויסגעשטעלט פאַר זיין שוועל אַ דריי־שטול, אַ וואַנט־שפּיגל מיט אַ פּאָר שערן און גאָל־מעסערס. אַ הייפל געוויקסיקע יידן אין רבנישע קאַפּאָטעס פון קאָנטערע האָבן געשטעלט מיט אויסגעוואַשענע בערד זיינען דורכגעגאַנגען דעם מאַרק מיט אַזאַ אימפּעט ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו אַ דבר מצווה. פון אַן אַראַבישער טרונק־שטוב האָט באַצייטנס אַרויסגעקריכט אַ הייזעריקער גראַמאָפאָן. ס'זיינען שוין דאָרט געזעסן אויף געפלאַכטענע פוס־בענקלעך שטאָטישע אַראַבער און פּלאַכן אין געשטרייפטע אַבאַיעס, וועד ס'האָט געזופּט אַ טערקישע קאַווע, וועד ס'האָט געדרייכערט אַ נאַרגילע.

פונים מאַרק האָט דער אויפגעוואַכטער געליאַרם זיך אַריבערגעטראָגן צו די זייטיקע גאַסן. מלך האָט אַריינגעדרייט אויף דעם וועג, וואָס שניידט זיך צום בית־עלמין. ער האָט געקלעטערט איבער פלאַכע שטיינערנע טרעפּ צו דער אויבערשטער גאַס. ער איז פאַרביי־געגאַנגען אַ הויכן, געמויערטן זייל, וואָס איז געווען פאַררינסן ווי אַ פאַרצייטיקער עשתורת־טויער אין בבל. הינטערן זייל איז געשטאַנען אַ געבוי מיט אַ ברייטן ווייסן קופּאָל, ענלעך צו דעם צודעק אויף דער מערת המכפלה. אַ שפּריז אַהין, אַ שפּריז אַהער, געסל אײַן, געסל אויס, און מלך האָט פון דער ווייטנס דערזען די ריזישע נער קלויז. פלוצים האָט זיך פאַרטראַגן דער רעש פון גראַגערס, וואָס פאַרא גראַגריי איז דאָס אַ טאָג נאָך פורים?—האָט ער זיך גיזוונדערט—דער יום־טוב איז ביי אים געוואָרן אַ תשעה־באב, די פורים־סעודה איז געווען פאַרשטערט. נישט מרדכי האָט געזיגט, המן האָט מנצח געווען, און די אָרעמע צירעלע ליגט אין הויז אַ שלאַפע. ער האָט דערזען ווי פון אַ הויף לויפן אַרויס אַ חברה חדר־יינגלייך מיט גראַגערס און לאָזן הערן אַ פאַרשפּעטיקט גראַגריי.

מלך איז צוגעקומען צום קלויז. אויפן גזימס פון דעם שמאָלן בנין איז געהאָנגען אַן אויסגעקרימטער מגן־דוד, איבערן פענצטער מיט קאָלירטע שייבלעך זיינען געווען אייזערנע שטאַכעטן. פאַר דעם נידעריקן הילצערנעם מויערל האָט ניסן דער שמש, אַ געבויגענער זקן מיט אַ לויזער לאָק־באָרד ווי אַן אונטערגעשוירענער צאָפּ, אויסגעקערט די שוועל־טרעפּלעך.

דער שמש האָט ברייט צעעפנט די אויגן.

—אַזוי פרי, מלך?

—כ'זוך ר' צדוקן.

—ער וועט קומען צו שחרית.

—ס'איז פּיקוח נפש. כ'מוז אים זען.

דער זקן האָט באַטראַכט דעם צעדרודערטן מלך און פון גרויס חידוש האָט ער אויף אים אויסגעגלאָצט זיינע מידע אויגן. זיין אָנצייניק מויל איז געווען ברייט אָפן און ס'האָט ביי אים געקלאַפּט אַ יאַסלע אָן אַ יאַסלע.

—כ'גיי אים שוין רופן—האָט ער גיזאָגט.

דער שמש האָט אוועקגעשטעלט דעם בעזים ביי דער וואַנט, גרייט זיך צו לאָזן לויפן העלפן דעם באַזאָרגן מלך, ווי פון יענער זייט געסל האָט ווי אויף אָן אַרויסרוף זיך באַוויזן ר' צדוק.

(סוף אין קומענדיקן נומער)

א. לוריא / ניו־יאָרק

# סך־הכּלען

## „נאָך מיר!"

אַזוי פיל יאָרן —
און מיר די שלאַכט אין פּנים גליט,
און מיר פון שלאַכט דער ברום זיך הערט,
און אין געקאָך
ווי שניט פון שווערד
דער שאַרפער רוף פון קאָמאַנדיר:
„נאָך מיר!"

איך זע אים אַלץ אין פעלד
אָט דעם
וואָס פירט אונדז און באַפעלט.
ווי יונג,
ווי יונג —
בלויז בלוט און מילך—
ער טוט פון פוקסלאָך גרינג אַ שפּרונג
און הייבט די מחנה אויף נאָך זיך
און ציט
זי
ציט
אין רעכטן גיהנומדיקן פלאַם —
אין סאַמע מיט.

אַ וואַסער פיין,
ווער ווייס,
אָט דעמאָלט דאַרף ער שפּירן,
ווען ער די לעבנס, בלויז אים פאַרטרויט,
נאָך זיך
צום טויט
צום הונדערט־אויגיקן
טויט פירן.

ווי אומגעהייער דאַרף זיין די זאַך,
ווי גוואַלדיק גרויס
און אָן אַ שיעור,
ווען ס'רייסט זיך פון זיין האַרץ אַרויס
דער רוף —
„נאָך מיר!"

## אַ בוים אויף רואינען

טאָג נאָך טאָג
צו
און פון
דער אַרבעט אין מיין וועג
אויף ברוכשטיק פון רואינען,
אויף בערגער שטיין
איך זע אַ בוים,
אַ בוים —
אַליין.

אין בליי,
אין זוועלק,
אין זונשיין
און געוויטער
בלויז ער איין־איינציקער,
איבער וויסטיקייט
דער היטער.

אַרום אין קופּעס —
זשאַווער,
ליים,
וואָס איז אַ מאָל
געווען אַ היים.
עס קלאָגט אין מיר
זיין שטומער,
זיין ביימערשער געוויין.

אַ בוים דאַרף קינדער
אין שאָטן פון די צווייגן,
אַ בוים דאַרף סודות
פון יונגוואַרג צו פאַרשווייגן.

— אַ בוים אויף רואינען —
קיין אומגליקלעכערן
ניט צו געפינען.

## ביינאַכט

ביינאַכט,
ווען ס'נעמט דער שלאָף דיך ניט אין בעט,
דו מאַכסט דעם חשבון איבעם קאָפּ.
דו ווייסט —
ס'איז שפּעט,
ס'איז זייער שפּעט,
דו רעכנסט אונטער, ציילסט און מעסט,
און ווען דאָס לעצטע פינטל שטעלסט —
בלויז פליזקן,
בלויזן
אַרום דו זעסט.

דו ווייסט נאָר איינס —
דו האָסט געפעלט:

שיע טענענבוים / ניו־יאָרק

# ציגיינערשע טענצערין

(דערציילונג)

עס איז געווען אַ צייט ווען איך בין אויף אַ ממש וואַנזיניקן אופן געוואָרן פאַרקאָכט אין זאַמלען קונסט־בילדער. דער מענטש וואָס ווערט אַ קאָלעקטאָר פון קונסט אָדער פון ערשטע ביכער־אויסגאַבעס פון באַרימטע שרייבערס, אפילו פון מאַרקעס אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אַנטיקן פון אַ באַשטימטן פעריאָד אין דער וועלט־געשיכטע, ווייסט גײַווי מיט וויפל אַרבעט, מיִעניש, פיבער און אפילו היסטעריע דאָס איז פאַרבונדן.

איך בין געגאַנגען צו באַדייטנדיקע קינסטלער; איך בין געקראָכן אויף די הויכע שטאָקן און אין טיפֿע קעלער־שטובן. איך בין געוואָרן אַ שקלאַף פון מיין שוואַכקייט און וואַנזין צו קונסט און מיין ליבשאַפט און וואַנזין צו קונסט און קינסטלער. אַ היים־געקומען פון אַ סטודיאָ שוין שפּעט אין דער נאַכט ערגעץ אין אַ זייטיקער גאַס אין באָהעמישן קוואַרטאַל פון די קינסטלערס. מען האָט מיך שיער נישט דערהרגעט אין אַ ווינקל אָדער גיזשטאָכן אין אַ סאָבווי־וואַגאָן וווהין אַ באַנדע שיכּורע כוליגאַנעס איז איינגעשטיגן. איך בין אָפט אַהיימגעקומען אין מיטן פון דער נאַכט און זיך געלייגט שלאָפן אַ מוראדיק מידער, נישט אויספּאַקנדיק, אפילו די זעלטענע מאָלעריי פאַר וועלכער איך האָב געלאָזן ליגן אויפן מיט פאַרבן פאַרשמירטן טישל מיין ביסל באַנקנאָטן, צעקנייטשטע פון מיין נערוועזער האַנט, צוזאַמען מיטן לעדערנעם טייסטערל אין וועלכן איך האָב מכלומרשט פאַרגעסן קליינגעלט און מטבעות, ווי אויך אינטימע דאָקומענטן, בריוו און פאָטאָגראַפיעס פון פריינד, און צוליב וועלכן איך וועל שוין פאַרבלייבן אַן אייביקער שקלאַף צום קינסטלער אָדער צום קונסט־הענדלער, און צו זיין שיינער פרוי וועמענס בלאָנדע האָר האָבן געלויכטן ווי אַ גילדערנע קרוין אויפן קאָפּ פון אַ רייצנדיקער קעניגין.

זי האָט פּלוצלינג זיך פאַרליבט אין דער מאָלעריי וואָס איך האָב חשק צו קויפן און זי לאָזט איר מאַן בשום אופן נישט אַוועקגעבן דאָס בילד צו מיר, כאָטש זי זעט אַז איך ציטער ממש פון אַנגסטן און משוגעת.

איך האָב מיט דער צייט וויל איינגעזען אַז צוליב מיין וואַנזין אָדער געוווינטשאַפט צו זאַמלען קונסטווערק און אַנטיקן וועט מען מיך אין איינער אַ נאַכט אומברענגען, מיך טרייבן צו זעלבסטמאָרד אָדער צום אומקום דורך אַ קאַלטן גזלן אין פינצטערן וואַלד ווען אין דרויסן שנייט מיט געדיכטע און שווערע שטיקער צעפליקטער וואַטע, און דער גזלן וועט דערנאָך, נאָכן באַרויבן און אומברענגען מיך, זיצן אין אַ קנייפּע מיט שיכּורע כוליגאַנעס גאָרלשניידערס, און טרינקען ווייַן וואָס איז רויט ווי מיין צעהיצט בלוט אין געיעג נאָך פאַנטאַסטישן קונסטווערק...

איין מאָל אין אַן אָוונט פון מיטן חודש אָקטאָבער, ווען די געגנט אין לאָנג איילאַנד ברענט ממש מיט האַרבסטיק־רויטע לאַנדשאַפטן, קומט צו מיר דער פּאָעט דוד אָפּאַלאָוו מיט אַרום צען אָדער צוועלף דיקע קאַיעטן פול באַשריבענע מיט זיין פּאָעזיע. ער מוז דאָס אַלץ פאַר מיר לייע־

---

אי ניט־דערטאָן וואָס האָסט באַדאַרפט,
אי ניט־דערזאָגט, אי ניט־דערטראַכט:
און דאָס פאַרהערט,
און דאָס פאַרזען,
און אַלץ ניט דאָס,
און אַלץ פאַרקערט,
און ביז נאָר עפּעס, וואָס און ווען —
איז שפּעט,
איז שפּעט,
און אויס —
אַן עק.

אַזוי אָט טראַכסט אין קאַלטן שווייס
און זעסט פאַר זיך ניט מער קיין טרייסט.

נען אפילו ווען דאָס לייענען פון זיין מאַנאַטאָנער און קינדישער פּאָעזיע וועט געדויערן ביזן באַגינען ווען די זון שווימט אַרויס אומגעהויער גרויס און רונדיק פון אונטערן ראַנד פון דער ערד אין אייראָפּע, און זי נעמט באַלייכטן די גאַנצע היגע וועלט. איך מוז אויך נאָכן אויסהערן לייענען זיין יעדעס ליד, אויסדריקן מיין געוואַלדיקן ענטוזיאַזם און באַוואונדערונג פאַר זיין פּאָעטישן טאַלאַנט. ער לייענט שוין אויך זיינע רוסישע לידער בשעת איך פאַרשטיי נישט קיין איינציק וואָרט פון פּושקינס שפּראַך.

איך בין שוין היפּשלעך מיד און פשוט צוו"אַ, און מכלומרשט פאַרבייגייענדיק כאָטש ער ווייסט פון מיינע שוואַכקייטן צו זאַמלען קונסט־בילדער, אַז דער אוקראַינישער מאָלער בורליוק האָט אים געשאָנקען לעצטנס אַ בילד פון אַ ציגיינערישער טיינצערין וואָס טאַנצט אין אַ קאַבאַרעט אין סטאַמבול. און ער וואָלט עס גערן פאַרקויפט צו אַן אַמאַטאָר פון קונסט מחמת ער מוז האָבן געלט כדי צו צאָלן די רעדאַקטאָרן פון די זונטיקדיקע ענגלישע זשורנאַלן אַז זיי זאָלן וויליק זיין צו דרוקן זיינע סאָנעטן.

איך ווייס שוין פון לאַנג אַז ער איז משוגע אויף צו שרייבן זיינע ענגלישע לידער. אָבער מערסטנס איז ער לעצטנס פאַרקאָכט אויף צו שרייבן סאָנעטן, כמעט אימיטירנדיק און קאָנקורירנדיק מיט שעקספּירן... ער מוז דרוקן די דאָזיקע סאָנעטן זיינע ווי אַ שיכור מוז טרינקען גיפטיקן ווייַן כדי צו שטאַרבן פריצייטיק און אין איינער אַ רעגנדיקער נאַכט צו בלייבן זיצן טויטערהייט אויף אַ באַנק אין אַ קליינינקן פאַרק ווו עס שלאָפן די שטאָטישע טרעמפּס און וואַגאַבונדן. און אויב איך האָב חשק, וואַרפט ער מיר אַריין אַ מכלומרשטע זייטיקע באַמערקונג, קען איך מיט אים אַהיימפאָרן קיין ברוקלין ביים ים נאָך אין דער היינטיקער נאַכט, כאָטש עס איז שוין כמעט נישט ווייט פונעם באַגינען, מחמת דאָס פאָרלייענען פאַר מיר זיינע צען אָדער צוועלף העפטן מיט פּאָעזיע האָט שיער נישט געדויערט אַלע שעהן פון דער נאַכט און האָט מיך מוראדיק פאַרמוטשעט אויך...

דוד אָפּאַלאָוו, ווי יעדער נאַיווער מענטש, וואָס דאָס גרענעצט זיך אויך מיט נאַרישקייט און טייל מאָל אפילו מיט חכמה און כיטריקייט, ווייסט שוין אַציינד געניי אַז ער האָט אין מיר אָנגעצונדן דאָס פייערל אָדער אויפגעדרייט דאָס געהיימע שליסעלע פון מיין נאָבעלן משוגעת אָדער מאַניע צו קונסט־בילדער...

נו, איך בין שוין איצט גאַנץ פיין אויפגעקאָכט און פאַרכישופט. איך טו זיך אָן אַן אַלטן פאַלטאָן פון אַן אַמאָליקן צאַרישן גענעראַל, וואָס איך האָב געקויפט פאַר אַ שיבוש אויף דער בויערי, ווו איך האָב בלויז אַריינגעשמעקט אויף אַ קורצער רגע אין דעם גריכישן אַנטיקן און הלבושים־געוועלב. דאָרטן איז דער ברייטער פלאַשטש געהאָנגען אַ פאַרבאָרגענער אויף דעם הילצערנעם מאָדעל פון אַ באָקסער, און ער, דער צאַרישער שינעל האָט מיט אומגעהויערן געדולד געזאַמלט שטויב. זעלטן ווער האָט געהאַט די ביזאַרע מחשבה זיך איינצוקויפן אַזאַ מין מציאה. אין דרויסן איז נאָך אַלץ געפאַלן דער מעשה בראשיתדיקער שניי, ווי גאָט וואָלט דווקא היינט ביינאַכט געהאַט באַשלאָסן לכבוד מיין וויניציקייט און מיין גענעראַלסקן מודיר אויסצושיטן אַלע שנייען וואָס ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אין זיין הימלישער שניי־גאַרדעראָבע...

דוד אָפּאַלאָוו זעט פון דעסטוועגן איין אַז איך קען נאָך אָנהייבן צו ענדערן מיין באַשלוס זיך צו לאָזן אַזוי שפּעט ביינאַכט מיטן סאָבוויי קיין ברוקלין, אַזש ביים שטורעמדיקן אַטלאַנטיק וואָס וואַרפט אַ נערוועזער זיינע אייזערנע כוואַליעס ווי גאַנצע טאָנען מיט שמעלץ, מיט אַלט אייזנוואַרג ווי פון די אויפגעבראָכענע חדרים און שפּייכלערס פון אַ שוין זינט לאַנג דערטרונקענער שיף...

איך צוויי׳ל טאַקע צי איך זאָל זיך אונטערנעמען צו מאַכן די יאַזדע אַזוי שפּעט ביינאַכט און ביי אַזאַ „פאַנטאַסטיש" וועטער ווען די ווינטן פון ים טרייבן די לויזע שנייען פון גאָטס הימלען ווי די בייזע שטורעמס אין שעקספּירס דראַמאַטישער טראַגעדיע פון דעם שוין אַלטן און טרויעריקן קייסער ליר...

אין סאָבוויי זיצן אויפֿן וועג קיין ברוקלין מאַסן שיכורים; כינעזער מיט געלע פּנימער ווי פּאָרצעליי; שחורים וואָס זייַנען פֿינצטער ווי טינט און מיר גלוסט זיך, אַזוי קוקנדיק אויף זיי אומשולדיקערהייט און אָן שום כוונה, אָנצוטונקען מיין פּעדער אין זייער טינטישער שוואַרצקייט כּדי אָנצושרייבן אַ דערציילונג טאַקע וועגן דוד אָפּאָלאָוו, מיין גוטן פֿריינד זינט שיינע יאָרן.

עס זיצן דאָ אויך הינדוסן פֿון אינדיע, אַזוי ווי פֿאַרפרוירענע בודאַס וואָס איך ווייס נישט גענוי צי זיי זיינען וואַך אָדער זיי שלאָפֿן, צי זיי חלומען בלויז פֿון נירוואַנאַ, וואָס דאָס מיינט לויט מיין נאַיווער אַנשויאונג: נישט טויט און נישט לעבעדיק... וואָס אַן אמת: שטילערהייט בענטש איך גומל... מסתמא, בשעתן פּחד בין איך זיך טועה מיט אַ וואָרט אין לשון קודש... איך זאָג אויך איינגעפּאַסטע תּפֿילות: גאָטעניו, העלף מיר אַהיימצוקומען היינט ביינאַכט אַ גאַנצער מיט אַלע מיינע ביינער, אָדער, כּדי זיך אויסצודריקן יידישלעכער: מיט מיינע רמ״ח אברים. העלף מיר אַהיימצוקומען, אַלמאַכטיקער אין די הימלען, מיטן אַנטיטשנעם מאָלעריי פֿון דער עקזאָטישער ציגיינערטע. דער אוקראַינישער קאָזאַק מאָלט בילדער פֿון פֿרויען מיט צויבערהאַפֿטע פּענדזלען און מיט פֿאַרכישופֿטע פֿינגער וועלכע עס ווילט זיך ממש קושן פֿאַר די רייצנדיקע פֿאַרבן און פֿאַר די תּאוהשע גלידער פֿון זיינע פֿרויען־פֿיגורן דורך וועמענס שפּינוועבסטיקע שלייערן מען קען נישט מאַכן קיין טעות מכּוח זייערע פֿיזישע קאָנטורן...

ענדלעך, ענדלעך, קומען מיר צו גיין צו דוד אָפּאָלאָווס היים ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער געגנט. די דעכער פֿון די איינגעהויקערטע הייזער זיינען אַלט און פֿאַרשנייט. נאָר די ווענט זשאַווערן. די ביימער אין די קליינע גערטנדלעך פֿוילן. דוד אָפּאָלאָוו קען קוים עפֿענען די טיר פֿון זיין היים. דאָס עלטערע ווייב זיינס איז מוראדיק קראַנק. זי ליגט אין בעט אונטער עטלעכע פּערענעס און מאַנטלען. זי וואַרעמט אירע באָרוועסע פֿיס אין אַן אַלטן פּעלץ. אַ שלאָפֿנדיקע קאַץ מיט אַ געלער פֿעל לעקט אירע צעבראָכענע גלידער. אַ שרעקלעך מידער בלייב איך זיצן אין אַ צעבראָכענער טאַבורעטקע. אַלץ וואָס איך וויל און האָף נאָך צום איבערשטן איז צו זען אין דער היינטיקער נאַכט די שטראַלנדיקע ציגיינערישע טענצערין...

דוד אָפּאָלאָוו, מכּלומרשט אַ נאַיווער מענטש, קען זיך זיינס און ער קען מיך אויך גוט. ער ווייסט ווייל אַז איך חלש פּשוט אַוועק אָנצוקוקן די ציגיינערישע כּלה, די גאָלדיקע טענצערין. ער האַלט די מאָלערייען אין אַ ספּיזשאַרקע כּדי זיין פֿרוי זאָל חלילה נישט אויסגיין פֿון קנאה, קרענקונג און אייפֿערזוכט. ענדלעך גייען מיר אַהין אַריין. אין דער הוילער פֿינצטערניש וואָס איז בלויז באַלויכטן דורך אַ פּיטשינקע פֿייערל פֿון אַ מאָגער קאַגאַניצל דערזע איך ממש אַ וואונדער פֿון קונסט: די ציגיינערישע נודטענצערין שיינט אַרויס ווי אַ געגאָסענע פֿון גאָלד וואָס איינער אַ לעגענדאַרער גאָלדשמידט האָט פֿון אַלע זיינע אַנטיקוואַרע אוצרות זי געלאָזט אויפֿקומען פֿונעם שלאָף ווו זי איז געשלאָפֿן אין מיטן פֿון איר אייגענעם פֿייער און גאָלד...

די אַלטע פֿרוי נעמט צונויף אַלע אירע לעצטע כּוחות און זי פֿאָלגט אונדז נאָך אין דער ספּיזשאַרקע. די קאַץ איז דאָ אויך אַ נייגעריקער גאַסט. איך רעד מכּלומרשט וועגן דוד אָפּאָלאָווס לירישער פּאָעזיע. איך טאָר נישט אַזוי גיך אַנטפּלעקן מיין ענטוזיאַזם פֿאַר בורלוקס צויבערהאַפֿטן ווערק. אויב איך וויל זיך פֿאַרראַטן מיט איין און איינציק וואָרט פֿון ענטוזיאַזם, וועט די אַלטע פֿרוי, ווי אויף אַן אַראַבישן באַזאַר פֿון ציירונג, אַרויסצאַפּן פֿון מיר אַ פֿאַרמעגן. איך מוז איצט ווערן אַ ליגנער, אַ דיפּלאָמאַט. דאָס בילד, שפּיל איך קאָמעדיע, געפֿעלט מיר אַבסאָלוט נישט. איין פֿוס אירער, דער רעכטער, איז ביי איר אויסגעקרומט אין לאָם. דאָס לינקע אויג איז פֿאַרגאָסן מיט טרערן. אַן אַפּאַש האָט טאַנצנדיק מיט איר אַראָפּגעפֿליקט פֿון איר קליינעם אויער אַ גאָלדן אויערינגל מיט אַ פֿינקלענדיק בריליאַנטל. איר האַלבער קאָפּ מיט גע־

קרייזלטע לאָקן איז ווי פּלוצלינג גרוי געוואָרן. אַ האַלבע גאָמבע האָט פאַרלוירן איר נאָרמאַלע פאָרם אין שאַרפן קאָנטראַסט צו אַנדערן טייל פון איר פּנים..

די טענצערין קען פּשוט נישט טאַנצן. זי האָט ממש געליימטע פיס. אַנשטאָט נאָכצופאָלגן די געטלעכע מעלאָדיע פון שיכורן קלעזמער, וואָס שפּילט בלינדערהייט אויף אַ רויטער פידל אָן שום סטרונעס, שלאָפט זי גאָר איין אין אַ טיפן שלאָף. אָבער טיף אין מיינע געדערים, בשעת איך רעד אַזוי אַכזריותדיק און חוצפּהדיק, וויס איך גענוי אַז איך בלאָף. און כדי זיך נישט צו אַנטפּלעקן צו דער יעלטערער פרוי מוז איך צוימען מיין ענטוזיאַזם.

די טענצערין איז באמת משוגע־שיין. איך האָב זי מסתמא געזען בשעת אַ חלום ערגעץ אין אַ קרעטשמע אין סטאַמבול אָדער אין קאַשמיר, צי גאָר אין אָדעס ביים שוואַרצן ים און צווישן ציגיינער אין אַ טשייניע. די טענצערין איז שיין ווי גאָלד. אָ, איך מוז זי ביי אים נאָך היינט ביינאַכט קויפן. אָבער טאָמער מאַכט ער קונצן און ער שטעלט מיר שווערע באַדינגונגען: אַ סך גאָלד צו באַצאָלן און צו זעטיקן זיין הונגער נאָך וואַליוטע, וועל איך אויפן אָרט צערייסן אַלע זיינע לידער. איך וועל אים פּשוט „אומברענגען" אַלס פּאָעט אַזוי ווי ער שטייט און גייט. איך וועל אַרויסשרינגען דורכן פענצטער און אַריינפאַלן אין שניי מיטן בילד און מיט דער טענצערין. טאַנצנדיק אַזאַ געטלעך־נאַקעטע, וועט זי זיך חלילה פאַרקילן און אַוועקגיין יונגערהייט פון דער ברוטאַלער וועלט.

איך בין קוים מושווה געוואָרן מיטן פּאָעט און רייס זיך ענדלעך אַרויס אין דרויסן וווּ גאָטס נאַכט אין קיל, מיסטעריעז און אנגענעם צום געמיט. די לבנה וויינט נאָכן בייטאָגיקן פאַלן פונעם שניי ווי אַ קעניגין וואָס האָט פאַרלוירן די קרוין בשעת אַ הויף־רעוואָלוציע. אפילו גאָט אַליין האָט זי נישט געקיינט ראַטעווען. אָבער די לבנה שטייט אמתדיק אין בורליוקס בילד. מיט אַ גאָלדענער הויט איז איר רייצנדיקער גוף איבערגעצויגן. איר בראַזיר איז פון דורכזיכטיקן זייד. דער אַלטער אוקראַינער האַוויד בורליוק האָט ליב געהאַט צו מאָלן זינדיקע ציגיינערינס. קוים איך שלעפּ אַהיים מיין גורל, מיין טענצערין. מיין מאַמע וויל שוין יידלעך איינשלאָפן. אָבער זי וואַרט אויף מיר דורך דער גאַנצער נאַכט. זי קומט שיער אום פון פּחד טאָמער בין איך ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צווישן שיכורים אויף דער בויערי...

גיך באַהאַלט איך דאָס בילד אונטערן בעט ווען איך קום ענדלעך אַהיים. איך טו זיך אויס און וואַרף זיך אַריין אין דער מאַמעס הייסן בעטגעוואַנד וואָס ברייט מיט איר ליבשאַפט צו מיר. גאַנצע צען יאָר צייט האָט זי אויסגעקוקט אַז איך זאָל שוין ענדלעך קומען פון אַנטוועפּן און ווערן אַ לייט אין ניו־יאָרק און זיין נאָענט נעבן איר...

— שלאָף שוין איין, טייערע מאַמי, מיט אַ געזונטן שלאָף. זאָל זיך דיר דאַכטן אַז דו ביזט נאָך אַ קליינטשיק מיידל און דיין ייִנגסטער זון, דער „וויסקראָבעק", חלומט אין הימל, אין אַ ריזיקן סאָד וווּ די נאַכטיגאַלן זינגען און ציגיינערס שפּילן אויס יידישע און העברעישע מעלאָדיעס. פייגעלע, שמר׳ס העלדינע, וואָס מען האָט אַרויסגעגנבעט אין מיטן נאַכט פון איר שלאָף־חדרל אויפן הויכן בוידעם, איז ערשט אויפגעשטאַנען און זי וועט פאַר אונדז זינגען אַ זיסע מעלאָדיע פון שמר׳ס ראָמאַן. שלאָף איין, טייערע און זיסע מאַמע ! און איך וועל זיך אַריינראַטעווען אין בעטל אַריין מיט מיין אוצר — די ציגיינערטע פון סטאַמבול וואָס בורליוק האָט מיט תאווה געמאָלן און ער האָט באַנוצט שווערע קרוגן מיט פאַרבן כדי צו רעפּראָצודירן אויפן לייוונט אירע באַטעמטע ווייבלעכע גלידער...

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# לאַ אַלמן מאַמע־לשון

דאָס יידישע לשון
קלאַפּט אין מיין פענצטער
און ביט מיר
אַ גוטמאָרגן:
כ׳בין געקומען צו דיר
עדות־שאַפט באָרגן
אַז כ׳בין דאָ,
געווען און וועל זיין;
און אַז צוזאַמען מיט די
אַנדערע שפּראַכן אונדזערע
האָב איך געענטפערט —
אַז איך הער און איך וועל טוען.
און אויף יענעם באַרג
האָב איך אַרויפגעצויגן
מיין יידישע פּאָן.

דערנאָך האָט דער רב בחור, לעוויטאַ,
מיך מיט זיין אַלט־יידיש באַוועדט
און אויך די מטרוניתא
גליקל פון האַמעלין
מיך מוטערלעך געענערט.
און דער בעש״ט מיך געפירט
מיט זיין רעכטער האַנט
פון שטאָט צו שטאָט
פון לאַנד צו לאַנד
און דער בראַסלאַווער באַגלייט
מיט זיינע זיבן בעטלערס,
און מיר אויסגעבאַנט
דעם פאָלקישן וועג.

שפּעטער האָט מענדעלע, דער זיידע,
מיך געצירט און געשווינט
און י. ל. פּרץ מיר אָנגעטאָן
די שפּראַכיקע קרוין —
און די קלאַסיקערס, די נייע,
מיך געטראָגן
ווי אַ ריינקייט.

און דאָס פאָלק
מיך אויפגענומען
מיט האַרץ און פרייד.

נאָר די פּאַרנײַנערס, וואָס האָבן
מיך פאַרשוועכט און פאַרשעמט
(מיך „שפחה״ גערופן)
זיי, זאָלסטו זאָגן
אַז כ׳בין אַ האַרינטע געוואָרן
און אונדזער גאָט געבענטשטער
ליטעראַטור.
איך וויש אָפּ די טרערן
פון דיינע אויגן,
און זע, מיין ליכטיקן שיין —
ווייל כ׳בין דאָ;
און ווייל כ׳וועל זיין;
און ווייל — לאַ אַלמן מאַמע־לשון.

## פּולער מקח

שקיעה פאַרלעשט דעם טאָג
און צינדט די מאורות
אין נאַכטיקן הימל;
זיי זענען די סימפאָניע
וואָס פירט דעם מעת־לעת
האַרמאָניש
צו זיין באַגינען;

גריילעך!
ניִם איך צוזאַמען
אַלע זיינע קלאַנגען
די דינע טאַקטן
וואָס פירן אים אַריין
אין מיין וועלט —
אין בין אים מקבל
מיט ליבשאַפט
פאַר זיין פּולן ווערט.

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פּראַטערנאַלע און סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פּראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פּאַר גענויערער אינפאָרמאַציעש שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. ⊙ Los Angeles, Calif. 90035

(213) 552-2007 :אָדער טעלעפאָנירט

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

# לידער

## וואַכנאַכט

אין טיף־פאַרזונקענעם געוועב
פון בלאַסן זכרון
כ'בין די וואַכנאַכט פון מיין זיידנס
לעצטן אָטעם־גלי. ציטערדיק אַליין —
אַ שומר־קינד
אין שאָטן־סוד פון געבלי און פאַרגיין.

אין זיידנס שקיעהדיקע אויגן האָבן געבלינצלט
מיינע קוים אויפגעשפּראָצטע יאָרן;
אַ גאַנצע נאַכט כ'האָב געלאָשן ס'פייער־געזאַנג
ביז כ'בין אַליין זיין ווידערקול געוואָרן.

אַ נעפּלדיק געשטאַמל האָט געקנוילט זיך
אין טוכליקן צימער,
כ'האָב קוים פאַרשטאַנען זיינע צאַנקנדיקע רייד
נאָר איצטער ווייס איך —
אין מיינע הכנעהדיקע טויבן־לידער
האָבן זיי געפונען באַשייד.

היינט בין איך די וואַכנאַכט
פון אונדזערע אָפּגעשבתטע ניגונים;
שפּעט־האַרבסטיק פלאַטערן אַוועק מיטן זילבער־ווינט
מיין זיידנס רויט־פּיאָליזטע בלעטער,
און איך ראַנגל זיך אַליין
מיט מיינע דעמערדיקע געטער.

## אויף אירע ווייכע הענט

ביימער דרעמלדיק אין ברי־גראָז אויסגעצויגן,
לעצטע זאַפטן — אויסגעזאָגט און אויסגעזויגן.

סלאָוויקעס־געטריל חלומט נאָך צוקאָפּנס,
קראָען נודנע חושכדיקע כראָפּין.

פייער־וואָלקנס ציען איבער בוים־געקרויז,
אויף היי־צעבלימלטן אַ ליפּע קראַנק גייט אויס.

אוי, די ליפּע האַרציקע פון מיינע וואָגל־יאָרן,
ווייסע בליטן זינגען פריש אין מיין זכרון.

אָפּגעבענקטע פרילינגס אין די ראָוון וויאַנען,
פייגלשיי סאָנעטן־שטילע אויסגעגאַנגען.

מיין טריבער חבר אויפן נאַכט־געלעגער,
אַנטרינען פון זיין חלום איז די לעצטע רגע.

צאַנקענדיק ער דעכעט נאָך מיט אָטעם שווערן,
דער ווינט האָט אויסגעבלאָזן אַלע זייַנע שטערן.

מאַמע־נאַכט געזעגנט מיט סומנע אויגן אָפּן,
אויף אירע ווייכע הענט דער בוים איז איינגעשלאָפן.

# צו דיר

ס׳איז ניט אַזוי דאָס געבליעכץ אין אָפּגעזוימערטן פּאַרק,
טוי־פאַרבלענדעניש אויף דייניק באַזילבערטע האָר,
ווי די קוואַליקע ברכות וואָס טריפן נאָך אין זכרון,
די אָפּגעשפּאָרטע ניגונים, דאָס בלעטערן אויף קריק
קאַפּיטלען ליבשאַפט, בלייכע פרייד,
חלום־באַגלייט פון יונג־צעשויבערטע יאָרן.

ס׳איז ניט אַזוי די אילוזיע פון וויגנדיקן טאַנץ
אין ריטעם פון צעבאַלעוועטן דופק און שווערן אָטעם,
ווי דער עכאָ פון פייגל־טשווירק אונטערן פענצטער,
אין פאָטאָ־אַלבאָם די בענקשאַפט פון זון־צעגליטע טעג,
דער טעלעפאָן פון אַ קינד אין צערטלעכן געמיט
וואָס האָט נאָך גערודלד צו אַן אָסיענדיקן ליד.

ס׳איז ניט אַזוי די פלעמלדיקע לוסט אין קנויט־געצאַנק,
אין סוף־זומערדיקער נאַכט ס׳ווינטיקע געזאַנג,
ווי די באַשיידענע אָנהייבן און פאַרשפּעטיקטע נסיעות
וואָס מיר ווילן נאָך אין צייט אויספייזן
צו פאַרלאַטען אונדזערע לעכערדיקע ווייען,
און פון אַלע ירידן צוריק קומען צו יענע ראָגן
וווּ יונג־פיבערדיק מיר האָבן אָנגעהויבן טאָגן.

ס. נוטקעוויטש

# צוויי קורצע געשיכטעס

(דערמאָנונגען פון מיינע קינדער־יאָרן אין לאָדזש)

## I

געווען איז עס אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן, ווען מיין ברודער איזידאָר איז געקומען אַהיים מיט אַ גרויסן פאַק איינגעוויקלט אין ברוינעם פאַפיר. אין שטוב איז געווען אַ גערודער, מיין מאַמע און אונדזער דינסטמיידל מאַריאַנאַ, האָבן זיך גענומען אויפבינדן דעם פאַק און באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ הילצערן פערדל.

מיין פרייד איז געווען גאָר גרויס. דאָס פערדל האָט געהאַט אַ גריווע מיט טונקעלע האָר און די פיס זיינען געווען אַריינגעשטעלט אַזוי, אַז מען האָט זיך געקאָנט וויגן אַרויף און אַראָפ. באַלד איז די שטוב פול געווען מיט שכנים, מענער, פרויען, און דער עיקר, קינדער. אַלע האָבן געגלעט דאָס שיינע פערדל און די קינדער האָבן נאָר געוואָלט אַרויפקריכן און האָבן די דערפאַרונג פון ווערן אַ „רייטער".

מיין לעבן האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט; איך בין אַלט געווען זיבן יאָר און געקענט לייענען קינדערשע מעשיות. מיין מאַמע, אַן עלמנה, האָט זיך ווייניק אָפגעגעבן מיט מיר און איבערגעגעבן מיך אין רשות פון מאַריאַנאַן, אַ פויערשע טאָכטער, וואָס האָט פאַר מיר געלייענט מעשיות און קינדער־געשיכטעס פון דער וואַנגעליע.

מיינע דריי ברידער און צוויי שוועסטער זיינען געווען פאַרנומען מיט זיך, שטודירט אין שולן און אייניקע פון זיי זיינען געווען אויך פאָליטיש אַקטיוו; מיין עלטסטער ברודער פיניע האָט באַלאַנגט צום „בונד" און איזידאָר צו ס.ד.ק.פ.ל. (שפעטערדיקע קאָמוניסטן). איינע פון די שוועסטער, לאָניאַ, האָט באַלאַנגט צו אַ פאַטריאָטישער פוילישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יעדנאָשטש", אייניקייט.

מיין איינציקער פאַמיליע־קאָנטאַקט איז אַזוי אַרום געווען מיט מיין עלטערן ברודער, מאַנייק־משה, וואָס האָט אַזוי ווי איך געלעבט אַן „אומאָפהענגיק" און איינזאַם לעבן. ווען דאָס פערדל איז אַריין אין אונדזער היים, האָב איך אויך פאַרלוירן דעם נאָענטן קאָנטאַקט מיט אים...

דאָס וויגנדיקע פערדל איז געוואָרן מיין בעסטער פריינד צו וועמען איך האָב פאַרטרויט מיינע סודות. איך האָב זייער אָפט „געריטן" מיט אַ געוואַלדיקער גיכקייט איבער בערג און מדבריות און האָב „געקעמפט" קעגן „אינדיאַנער" און סתם שלעכטע מענטשן, „העלדן" פון די מעשה־ביכלעך וואָס מאַריאַנאַ האָט פאַר מיר געלייענט אָדער וואָס איך האָב אויסגעטראַכט אין מיינע פאַנטאַזיעס. ביז היינט געדענקט איך חלומות וואָס איך האָב געחלומט אין יענער צייט.

מיין מאַמע און אפילו מאַריאַנאַ זיינען בייז געווען אויף מיר וואָס אַזאַ „גרויסער יונג" איז פאַרנומען מיט אַ הילצערן פערדל — וואָס וועט פון אים אויסוואַקסן?

דער סוף פון מיין פאַרכישופטן פערדל איז געווען, אַז אין איינעם אַ טאָג האָט מען עס גענומען אויפן בוידעם און איך האָב אָנגעהויבן גיין אין שול.

מיין ליבע און בענקעניש צום פעדל איז ביי מיר געבליבן.

## II

ווייזט אויס, אַז איך בין אין מיינע קינדער־יאָרן געווען פאַרכאַפט מיט חיות און קיינער פון מיינע נאָענטע האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיר. איך בין געווען זייער פאַרבונדן מיט קעץ, הינט און פייגל. אפשר וועט מיר אַמאָל אויסקומען צו שרייבן וועגן מיינע דערפאַרונגען מיט אַ הונט, צוויי קעץ און אויך טויבן.

היינט וויל איך דערציילן גאָר וועגן אַ קאָזע. ווי קומט צו אַ יידיש קינד אין לאָדזש אַ קאָזע? די מעשה איז אַזאַ: מיין שוועסטער לאָניאַ און אויך מיין מאַמע פלעגן מיך גאָר יונג נעמען צו קאָנצערטן

און פֿאַרווײלונגען. איין מאָל אין אַ זומערדיקן שבת צו נאַכטס האָבן זיי מיך גענומען אין דעם איינציקן גרויסן גאָרטן „העגענווו" צו אַ קאָנצערט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פֿון אַ שפּיטאָל הילפֿס־אָרגאַניזאַציע. דאָרטן איז אויך פֿאָרגעקומען בעת דעם איבעררייס אַ פֿלעט (ראַפֿעל) און מיין מאַמע האָט געקויפֿט אַ בילעט. באַלד נאָכן קאָנצערט איז פֿאָרגעקומען די ציאונג און מיין מאַמע האָט געוווּנען אַ... קאָזע.

ווען מיין האָט איבערגעגעבן מיין מאַמען די קאָזע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ יונג, אפֿשר צוויי וואָכן אַלט קאָזעלע, וואָס זאָל שוין האָבן געהאַט אַ נאָמען „מאַגדאַ", און אַ זי, אַ זייער באַחנטע. מענטשן האָבן געלאַכט און זיך געוויצלט ווען מיין שוועסטער האָט מיט אַ שטריק געפֿירט די קאָזע צום אַרויסגאַנג. דאָרטן האָט געוואַרט אויף אונדז אַ קאַריטע פֿון שפּיטאָל, וואָס האָט אונדז און נאָך אַ געווינער אָפּגעפֿירט אַהיים.

ווען מיר זיינען געקומען אַהיים איז דאָס טויער פֿון הויז שוין געווען פֿאַרשלאָסן. דער שטענדיק בייזער וועכטער האָט דערזען דאָס קאָזעלע און מיט פֿאַרווונדערונג געפֿרעגט:

— און ווו וועט איר אַהינטאָן די קאָזע?

— אפֿשר וועט איר דערווייל זי האַלטן און מיר וועלן אייך באַצאָלן?

אומצופֿרידן האָט ער אָן אַן ענטפֿער אַ שלעפּ געטאָן דאָס באַשעפֿעניש און איך בין מיט האַרץ־קלעמעניש און פֿאַרדרוס אַריין אין שטוב. איך געדענק גענוי אַז איך האָב נישט געקענט איינשלאָפֿן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער בייזער „פּאַן וואַצלאַוו" וועט נישט גוט באַהאַנדלען דאָס אומשולדיקע ציגעלע.

פֿאַרטאָגס, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפֿן, בין איך אַוועק צום הויז־וועכטער און אין זיין קעמערל האָב איך באַגעגנט מאַגדאַ. זי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און אַ טעפּל מיט וואַסער לעבן איר.

* * * * *

אונדזער מאַריאַנאַ, וואָס איז געווען אַ דאָרפֿיש מיידל, האָט עפּעס אָפּגעקאָכט און צוזאַמען מיט מיר געגאַנגען באַזוכן דאָס קאָזעלע, וואָס איז זייער טרויעריק געשטאַנען און געוואַרט אויף אונדזער באַזוך. נאָך אַ 4-3 טעג האָט מיין מאַמע מיט אַ שטרענגער שטימע מיר אָנגעזאָגט מער נישט צו באַזוכן דעם וועכטער.

— און וואָס איז מיט מאַגדאַ?

— פֿאַרקויפֿט... און מאַטער מיך נישט.

דער שוסטער, וואָס האָט געהאַט אַ דירהלע בשכנות מיט וואַצלאַוו דעם הויז־וועכטער, האָט מיך באַגעגנט פֿאַרן טויער פֿון הויז און דערציילט, אַז דאָס קאָזע־פֿלייש איז געווען נישט געשמאַק און אַ רחמנות איז געווען צו זען ווי מען הרגעט אַן אומשולדיק באַשעפֿעניש...

אָט אַזאַ איז געווען דער סוף פֿון מיינע קינדערשע באַגעגענישן מיט דעם הילצערנעם פֿערדל און דעם באַחנטן קאָזעלע „מאַגדאַ".


מכּוח אַלע געשעפֿטלעכע און פֿינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פֿינאַנץ סעקרעטאַר:

**G. FRYDMAN**

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 655-1292

פֿאַרוואַלטונג „חשבון"

ישראל גובקין

# ביקור־חולים, אַדער: פון מיאַמי ביז לאָס אַנדזשעלעס

(דערציילונג)

געלי פינף און פערציק — 45יעאפּש,־דו אַז ביקור־חולים איז אַ גרויסע מיצווה איז ניט קיין נייעס, אָבער, אַז די מיצווה קען אַמאָל פאַרשאַפן אַ סך עגמת־נפש איז יאָ אַ נייעס. ס'איז געגליכן צו דעם וואָס ס'האָט טאַקע געטראָפן מיט מיר אַליין. אַנומלט ליג איך אין שפּיטאָל נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע. כ'ליג און טראַכט: האָב איך זיך גיידאַרפט לאָזן אָפּערירן, צי ניט? ווען האָב איך באַדאַרפט פאָלגן? מיין רעגולערן דאָקטאָר, אַ ייד, אַ זעלטנקייט צווישן היינטיקע דאָקטוירים (אַגב, אַ קרוב פון באַרימטן נחום סאָקאָלאָוו), וואָס האָט געהאַלטן, אַז די אָפּעראַ־

---

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

## ל י ד ע ר

### אין פייגל־הויז

שפּאַן איך אין פייגל־הויז פון דער „זו"
אויף אַ בערגל כ'זע די אַדלער פּראַכט,
פעדערן געאיידלט, שיינקייטן אַ פּראַכט,
נאָכן הערלעכן פלי — אויסטערלישע רו.

טויבן קרייזן אַרום אַדלער אין אַ קראַנץ
פון זייערע אויגן פינקלט געגאַרטער שלום
שפּערלעך פלאַטערן שיינקייטן ווי אין חלום
די קוקאַווקע היפּערט איר שפּרינגען־טאַנץ.

די סאָווע שפּרייט פינצטערניש אין מיטן
טאָג,
ירושה ניט באַשערט האָט איר גוט געמיט
כוח פון באַשאַף ניט געשאָנקען גראָדע וואָג,
פלאָנטער זי אין יענעמס חלום־טריט.

שוואַרצע פליגל שפּרייט די פלעדערמויז—
דאָס ליכט שטראָמט פון נוח'ס ה ו י ז.

### שווייגנדיקע לייבן

אויף ווייסע מאַרבל־טרעפּ
צווישן שווייגנדיקע לייבן,
געגאַנגען בין איך יאָרן
זוכנדיק דעם וועג צוריק.
אין יענעם היכל רוען אוצרות
וואָס האָבן אַ סך, אַ סך,
צו געבן—
שטראָמען מענטש אין הונגער
שטראָמען מענטשן אין נייגער
צו שטילן הונגער
צו לעשן ד ו ר ש ט.

### פאַרנאַכט ביים האָדסאָן

דער פאַרנאַכט האָט געסודעט
מיט שטילקייט, מיט שלווה,
כ'בין פאַרביי געפאָרן
דעם זילבער־טייך האָדסאָן
ווו כ'פלעג אין מיין אומעט
טרויען טריביי שעה'ען.

דער רחבותדיקער טייך—
מיטן חלום פון הענרי־און־זון,
ווו זייערע ליכטיקע ביינער רוען
שווימען באַרזשעס און יאַכט־שיפן
פירן בענקשאַפטן פון מענטשן
וויט, ווייט ווו חלומות בליען.

אַנטקעגן ליכטן פּאַלאַצן,
פענצטער שפּיגלען אָפּ
ליצטע שטראַלן פון דער זון.
הענגט וואַשינגטאָן בריק;
אַ ריזיקע פישער־נעץ
דורכזיפּן אומעט פון
פ אַ ר ג י י ן...

ציע איז פאַרבונדן מיט געוויסע סכנות, און זי קען וואַרטן; צי דעם כירורג, וואָס האָט געטענהט, אַז מ׳טאָר ניט אָפּלייגן, און מיט אים האָט מסכים געווען אַ באַוווסטע דאָקטאָרשי, אַן אנערקענטע דיאַגנאָסטערין אין דער היגער מעדיציניש׳ער וועלט, אַ פריינד פון דער משפחה. ווען ניט זי, מיט איר גרויסן פרעסטיזש און מיט מיין פולן צוטרוי צו איר, וואָלט איך בשום אופן זיך ניט געלאָזט אָפּערירן.

ליג איך און עס זיך, און גריזשע זיך, און צום סוף פּרוביר איך זיך באַרואיקן מיט דער באַקאַנטער תלמודישער מימרא: „אין צועקין על העבר״—וואָס געשען איז געשען; בעסער תפילה טאָן אַז ס׳זאָלן זיך ניט אַנטוויקלען קיינע קאָמפּליקאַציעס, פאַר וועלכע דאָקטאָר סאָקאָלאָוו האָט זיך געשראָקן.

ויהי ביום השלישי (און ווו „ויהי״ איז, כידוע, אַ צרה), פונקט דעם דריטן טאָג נאָך די״ד אָפּעראַציע, כאַפּ איך זיך אויף פון אַן אומרואיקן דרימל, און ווער זיצט לעבן מיין בעט? דער ערשטער מבקר־חולה, אַ ייד מיט אַ מויל אויף שרויפן, וואָס מאָלט ווי אַ מיל; אַ מלא־וגדוש מיט ווערטלעך און זאָגעכצן, און בעיקר, מיט וויצן און אַנעקדאָטן, געלונגענע, לעבלעכע, און אַמאָל פשוט אידיאָטישע. ער אָבער האַלט שטאַרק פון אַלע דיינע חכמות און ער דערציילט זיי איבער נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל, און טוט אים עפּעס.

הייסן הייסט ער יאָסל שטאָלץ, און ער האַלט טאַקע פון זיך זייער שטאַרק; פון זיך און פון זיינע מיינונגען. ער נעמט שטענדיק אַ וואָרט אויף פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן. וואָס אַ רעדנער זאָל ניט זאָגן, וועט ער תמיד אַרויסקומען מיט זיין איפכא־מסתברא, פונקט קאַפּויר; ער מיינט אַז ס׳איז ניט אַזוי, והא ראיה אא״וו. ווען ער איז שוין אַמאָל מסכים מיטן לעקטאָר, דעמאָנסטרירט ער זיין וואויל־קענעוודיקייט מיט אַ פסוק פון תנ״ך, אַ ציטאַט פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט, וואָס „דער חשובער רעדנער האָט פאַרפעלט צו דערמאָנען.״

ניט קוקנדיק אויף זיינע „מעלות״, וואָס זיינען מיר גוט באַקאַנט, בין איך צופרידן אים צו זען, דעם ערשטן מבקר־חולה ניט פון משפחה, ביז ער טוט זיך אַ נעם צו מיר, איך זאָל אים תיכף דערציילן ווי און וואָס און ווען. וואָס און ווו האָט מען געשניטן, און ווער איז דער „קצב״, דער כירורג הייסט עס. און וויסן וויל ער אַלץ פאַדראָבנע; איז דאָס ניט אַמאָל יענע מחלה — רחמנא ליצלן — וואָס אָפּערירן העלפט ניט שטענדיק, סיידן ווען מען פאַרכאַפּט עס ביים סאַמע אָנהייב, און ווער ווייסט ווען ס׳איז דער אָנהייב? אַלע פּרטים וויל ער וויסן.

קוק איך אים אָן ווי אַ ניט־גוטן, אַן אָנשיקעניש; צו מיינע ווייטיקן און צרות אַ צולאָג. שווייג איך, אָבער ער שווייגט ניט.

—איך זע—זאָגט ער, אַז ס׳איז אייך נעבעך שווער צו רעדן, וועל איך אייך בעסער דערציילן פון מיינער אַן אָפּעראַציע, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין מיאַמי, פלאָרידע, ווו מען האָט מיר אָפּערירט אויף גאַל־שטיינער, ניט פאַר קיינעם געדאַכט. און ווער איז דער אָפּעריר׳ער? אַ פּראָפעסאָר, אַ גדול, וואָס גייט קיינמאָל ניט אַליין; תמיד איז ער אַרומגערינגלט מיט דאָקטוירים און אינטערנאַטן, אַ מין מעדיצינישע סענאַט־קאָמיסיע, וואָס שטעלט זיך אָפּ ביי די שווערע חולאים. ער רעדט און אַלע שלינגען ממש יעדעס וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל. אָט דער חד־בדרא איז מיין כירורג. וואָס ער רעכנט מיר פאַר זיין אַרבעט? אַ פאַרמעגן; נאָר געלט־שמעלט, אַז ס׳גייט אין ראַטעווען זיך, און דאָס הארץ דערצו איז אויך ניט מיט אַלעמען, קען מען זיך ניט איבערגעבן אין די הענט פון אַבי וועמען.

— ברוך השם, אָפּגעאָפּערירט און איך (מיין מבקר־חולה) ליג איך שפּיטאָל, און דאַרף זי דערהאָלן. די אויגן גייען מיר אויס צו גיין אַהיים, נאָר עפּעס איז ניט גלאַט: ס׳היילט זיך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין). ווער ווייסט? אפשר האָט מיין „קצב״ בשעת־מעשה פאַרגעסן אַן אינסטרומענט אין מיין אינגעווייד? דער גוטער יאָר ווייסט זיי די פאַרמוחטע פּראָפעסאָרן. מיין כירורג זעט מיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. מען נעמט בילדער. מען קוועטשט

דאָס חיות אַרויס פון מיר מיט די פאַר־
שיידענע פּראָבעס ביז —

דער פּראָפעסאָר בכבודו־ובעצמו יאָוועט
זיך, דאָס מאָל אָן דער סוויטע פון דאָק־
טוירים. זעצט זיך אַוועק נעבן מיר צו־
קאָפּנס, פאַרציט דעם פאַרהאַנג, אַז מיין
שכן, דער חולה, זאָל ניט הערן, און ער
רעדט בקול־לחש: — אַזוי און אַזוי, איך
וועל אָננעמען דיים אָקס ביי די הערנער,
(כ'בין שוין ביי אים ניט נאָר אַ פּאַציענט,
נאָר אויך אַן אָקס), צו וואָס ברייען? די
רענטגען בילדער ווייזן, אַז אין אייער גאַל־
בלאָז זיינען געבליבן 2 שטיינדלעך; טאַקע
קליינטשקע, אָבער זיי זיינען שולדיק אין
אייערע צרות, און מען מוז אָפּערירן נאָכ־
אַמאָל.

וואָס ענטפערט מען אויף אַזאַ מענה־
לשון? רוף איך זיך אָן:

— האַר פּראָפעסאָר, אַ ברירה האָב איך?
מיין לעבן איז ביי אייך אין די הענט.
שניידט, אָבער האָט רחמנות, און דאָס מאָל
פאַרגעסט ניט אַרויסצונעמען אַלע שטיינד־
לייך, טאָמער זיינען דאָרט פאַראַן מער ווי
צוויי. אויך בעט איך אייך ניט צו פאַר־
געסן אייערס אַן אינסטרומענט — אין מיין
אינגעווייד; מ'איז דאָך נאָר אַ מענטש,
און מען פאַרגעסט אַמאָל....

* * * * *

מיין מבקר־חולה וואָלט גערעדט און
גערעדט, האָב איך אָבער צוגעמאַכט די
אויגן, און האָב גענומען מורמלען עפּיס
אָפּגעהאַקטע ווערטער, אומפאַרשטענדלע־
כע אפילו פאַר מיר; געפילט האָב איך, אַז
כ'בין פאַרביי, און אָט־אָט חלש איך אַוועק.

יאָסל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איר מוזט נעביך זיין מיד; עפּעס
זעט איר מיר אויס צו בלאַס. מערצישעם
ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך אייך
פאַרענדיקן, מיט אַלע פּרטים, די געשיכ־
טע פון מיין צווייטער אָפּעראַציע; מיין
דערהאַלטן זיך, מיינע לאַדענישן מיטן פּראָ־
פעסאָר, דעם רויבער, פאַר זיין האָנאָראַר.

געוואַלט האָט ער קריגן באַצאָלט אויך
פאַר דער צווייטער אָפּעראַציע, כאָטש
ס'איז געווען זיין טעות. צוליב אים טאַקע
— זאָל עס בלייבן צווישן אונדז — האָב
איך געמוזט עוקר־זיין פון מיאַמי און קו־
מען קיין קאַליפאָרניע. באַשערט אויף דער
עלטער מגולגל צו ווערן אין דער טריפה־
נער לאָס אַנדזשעלעס.

מער האָב איך ניט געקענט פאַרטראָגן.
איך האָב אַ הויכן זיפץ געטאָן און אַ גע־
שריי געטאָן אויף מאַמע־לשון: אוי גע־
וואַלד! ראַטעוועט!

ס'איז געוואָרן אַ טומל. קראַנקען־
שוועסטער האָבן אָנגעהויבן לויפן, און
יאָסל איז פאַרשוווּנדן ווי אין אַ רויך...

* * * * *

ווען כ'האָב זיך נאָך דער ווערטזיר־
אַמאַקע גענומען בעסערן, האָט מיר מיין
טאָכטער געפרעגט צי איך וויל האָבן זיי־
טיקע באַזוכערס אַחוץ משפּחה.

מיין ענטפער: טאָכטער האַרציקע, וויזיר
ס'וויל נאָר, אָבער ניט דעם באַרעדעוודיקן
פאַרשוין מיט די זיבן גאַלשטיינער, וועמען
מ'האָט אויסגעשניטן בלויז פינף...

# תיקון טעות

אין „חשבון" נומער 109, אין ישראל
גובקינס דערציילונג „אייב און לוסי", אין
צווייטן פּאַראַגראַף, ערשטן שפּאַלט, זייט
55, שטייט על־פּי טעות: „אייב, אַ זיידע
פון אַ פעדצן־יאָריק אייניקל", סע דאַרף
זיין: אייב, אַ זיידע פון אַ זעכצן־יאָריק
אייניקל." אין דער זעלבער דערציילונג,
זייט 55, פאַרן לעצטן פּאַראַגראַף, ערשטן
שפּאַלט, שטייט על־פּי טעות: „אפילו זיך
ניט אומגעקוקט אויף דער שרייענדיקער
יונגער פרוי", דאַרף זיין „שרייענדיקער
יונגער מאַמע."

עקיבא פישבין / פּאַריז

# איז ריכאַרד וואַגנער געווען אַ ייד?

1.

דער דייטשישער קאָמפּאָזיטאָר, ריכאַרד וואַגנער — אַ פאַרביסענער שונא ישראל — איז געווען לא עלינו אַ קנאַפּער בר־מזל. אייביק איז דער ליבער גאָט מיט אים געווען צעקריגט און צעריסן. אָט האָט געוואָלט זיין פינצטער מזל, אַז אויף אים, אויף דעם חוצפּהדיקן דייטשישן ראַ־סיסט, וואָס האָט די דייטשישע אומה גע־האַלטן פאַר אַן „אתה בחרתנו" פאָלק, איז אויף אים דווקא זאָלן מענטשן טייטלען מיט די פינגער און זאָגן, אַז ער איז גאָר־נישט קיין וואָרער גערמאַנער... פאַרקערט: אין זיינע אָדערן פליסט יידיש בלוט גאָר... אַזאַ אומגליק!

פאַר דיזן ביטערן חוזק פון גורל האָט וואַגנער (1813-1883) באַצאָלט מיט בראַנדיקע אַנגסטן און קאָשמאַרנע נעכט. מילא, ביים לעבן האָט ער דערפון געהאַט אָפּגעהאַקטע יאָרן; איז אָבער אויך נאָכן לעבן נשטאָ פאַר אים קיין מנוחה. מען הערט נישט אויף צו רעדן — ביזן היינטיקן טאָג — וועגן וואַגנערס פינצטערן פלייק אין דער משפחה. ווארשיינלעך, וועט מען דאָס שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

די מעשה דערפון איז אַזוי. אַלס אָפּע־נער, פאַסקודנער אַנטיסעמיט, האָט זיך וואַגנער אַנטפּלעקט ווען ער האָט אונטערן פּסעוודאָנים „פרייגעדאַנק" פּובליצירט זיין טרויעריק־באַרימטן מאמר: — „דאָס יודנטום אין דער מוזיק", געדרוקט אין עטלעכע המשכים אין דער „נויער צייט־שריפט פיר מוזיק" אין די סעפּטעמבער־נומערן פון יאָר 1850, אין לייפּציק.

דער גאַליקער טאָן פון דער שריפט, די פאַרסמטע און אין תוך פאַלשע שטאַנד־פּונקטן, אין בולטער סתירה צום ראַעלן בילד פון בשעתו, האָבן אין דער וועלט אַרויסגערופן שטוינונג און בייז בלוט. וואַגנער האָט צעדרייצט יעדן אויפריכטיקן, קילטירעלן מענטש מחמת דאָרט איז אים געגאַנגען בנפשו צו באַווייזן, אַז דער ייד, גענוי ווי דער אָפּשטאַמיקער פון יידן.

אַזעלכער איז ביי אים אויך פאַררעכנט פאַר אַ ייד — איז נישט בכוח זיך צו דער־הייבן צו אַ ווערטיקער קינסטלערישער יצירה. לויט אים, זענען יידן אַ פּערמענט בלויז אויף צו קאַרומפּירן פעלקער, און ווייטער — גאַרנישט שבגאַרנישט. דעם משונהדיקן און בייזוויליקן פּסק־דין אויף יידישער קינסטלערישער גאונות איז נישט געווען לייכט אַראָפּצושלינגען. אויב האָט דער „פרייגעדאַנק"־וואַגנער און זיין „שע־דעווער" געמאַכט אַ רעש אין דער וועלט, איז חלילה נישט דערפאַר ווייל אומעטום איז געוואָרן פול מיט צדיקים און אַ שונא ישראל איז געווען נישט צו געפינען פאַר אַ רפואה. די סיבה איז, פאַרשטענדלעך, גאָר אַ צווייטע.

צו יענער צייט האָבן, וואָס אַן אמת, יידן געהאַט אַ דיעה צו זאָגן אין דער וועלט פון נגינה. זיי שטייען מיט ביידע פיס אויף דער מזרח־וואַנט אין היכל פון מוזיק און דער־לאַנגען דאָרט דעם טאָן. און דאָס — נישט נאָר ווי סאָליסטן־אויספירער, אלא ווי שעפער, פון דער אינסטרומענטאַלער און אָפּערע־מוזיק. דער אָנזען פון יידישן מוזיקער, דער דרך־ארץ פאַר אים איז בשעתו אין לשער.

אָט אַ קליינער ביישפּיל. אין יאָר 1847, ד.ה. קורץ פאַרן דערשיינען פון „פריי־געדאַנקס" מאמר, איז געשטאָרבן אין לייפּציק, אין לעטער פון קוים 38 יאָר, דער מוזיק־גאון פעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, דאָס אייניקל פונעם בעל־השכלה — ר' משה מענדעלסאָן. נו, האָט זיך עפּעס געטאָן. כראָניקער און מעמואַ־ריסטן דערציילן, אַז די לויה פון פעליקס מענדעלסאָן איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון אַן אַלגעמיינעם פאָלקס־טרויער. טוי־זנטער מענטשן האָבן דעם מוזיקערס אָרון אַרויסבאַגלייט פון דער שטאָט לייפּציק צו זיין געבוירן־אָרט — בערלין, און טויזנטער האָבן אים אין בערלין געפירט ווייטער, צו דער אייביקער רו. ענלעך גרויס איז געווען דער רושם אויף אַנ־

דערשווו. די גאַנצע וועלט האָט באַוויינט
דעם פריצייטיקן טויט פון קאָמפּאָזיטאָר,
מחמת די שאַפונג זיינע איז געווען ביים
עולם באַליבט און פּאָפּולער.

מענדעלסאָן, דאַרף מען זאָגן, געהערט
צו די וואָריקע און סאַמע ווערטיקסטע
מוזיק־שעפער. ער האָט געלייגט אַ חותם
אויף זיין צייט. אויך האָט מען געהאט פיל
ליבע און אנערקענונג בשעתו פאַר מענ־
דעלסאָנס מעשים לטובת דער מוזיק.
מיט יראַת הכבוד האָט ער אַריינגע־
בראַכט, נאָך לאַנגע יאָרן פון פאַרגעסן,
די מוזיקאַלישע התרוממות פון גרויסן
באַך, אין די גרויסע קאָנצערט־זאַלן פון
אייראָפּע. מענדעלסאָן האָט פאַרוואַנדלט
די שטאָט לייפּציק אין אַ וויכטיקן מוזי־
קאַלישן צענטער. ער האָט דאָרט אויפ־
געשטעלט אַ מוסטער־קאָנסערוואַטאָריע,
וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דער
וועלט. ער האָט איינגעשטעלט דאָרט אַ
גרויסן סימפאָנישן אָרקעסטער, די באַ־
רימטע געוואַנטהאַוז ציט זיך איר נאָמען
ביז היינט צו טאָג. מיט די דאָזיקע צוויי
אינסטיטוציעס האָט מענדעלסאָן אָנגעפירט
ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן. בליץ־
שנעל האָט דער קאָמפּאָזיטאָר געוווּנען די
ליבע פון אָרטיקן פּובליקום; אין דער
שטאָט האָט גענומען זיך איינשטעלן אַ מין
קולט פאַר אים.

מענדעלסאָן איז אמת אויף דעם יצירה־
שטח פון אינסטרומענטאַלער מוזיק נישט
דער איינציקער פון אחינו בני ישראל.
פונדאַן נאָך אַנדערע שעפער. ער איז
בלויז דער סאַמע באַדייטנדסטער.

וואָס שייך דער השפעה פון יידישע שע־
פער אויפן געביט פון דער אָפּערע־מוזיק,
דעם שטאַרק פּאָפּולערן נגינה־צווייג ביי
די מעלאָמאַנס פון בשעתו, ווי סתם ביים
פאָלק — דאָ זענען צוויי יידישע גרויסע
קאָמפּאָזיטאָרן די הויפּט־זיילן. די אָפּע־
רעס פון דעם פראַנצויזישן ייד פראָמענ־
טאַל־האַלעווי (1799-1862), אַ זון פון
אַ שרייבער פון שירים בלשון קודש, זענען
באַרימט און אויפגעפירט, ווו נאָר אַ ווינקל
אויף דער וועלט. זיין באַקאַנטע אָפּערע
„די יידישקע" (לאַ זשוויוו") וועט זיך
אויפהאַלטן אויפן אַפיש פון אַלע וועלט־
טעאַטערס ביז גאָרנישט לאַנג צו אונדזע־
רע טעג. נו, און דער בערלינער ייד מייער־

בער (1791-1864)? ווען דער וואַגנער־
רישער „פרייגעדאַנק" איז געקומען מיט
זיין אַנטיסעמיטישן מאמר, איז שוין מייער־
בערס פּאָזיציע אין דער אָפּערע־וועלט
אַ דאָמינאַנטע. זיין הצלחה איז אַ זעל־
טענע. מייערבער איז דאַן געווען בפּי־
רוש דער אָפּגאָט פון מאַסן. דער פראַנ־
צויזישער מוזיק־גאון, העקטאָר בערליאָז,
מייערבערס אַ בן־דור, האָט זיך אויס־
געדריקט אַמאָל אַזוי: — „מייערבייער האָט
נישט נאָר גליק צו האָבן טאַלאַנט, ער האָט
טאַלאַנט אויך טועם צו זיין פון גליק."

באמת, די מערכה פון אַ יידישן מוזיק־
שעפער, איז צו יענער צייט, דווקא גאָר־
נישט צו פאַרזינדיקן. מילא, וואָס שייך
דעם אָנזען פון יידישע קלאַוויר־און פידל־
ווירטואָזן, דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

קומט אָבער דער „פרייגעדאַנק" און
מאַכט דאָס אַלץ צו קליינגעלט. ביי אים
האָט דאָס די ווערט פון אַ שמעק טאַבאַק.
ער האָט געפּסקנט: — יידן האָבן נישט
קיין געלענק צו קונסט. מיט אַזעלכע רייד
און סתם שטויבנדיקע געדאַנקען האָט
ער אויפריכטיקער מענטש מיט קולטור
נישט געקענט מסכים זיין. דאָס איז באַ־
טראַכט געוואָרן ווי אַ ביזוי־בזיון, ווי אַן
אָפענער פּחיתת הכבוד כלפּי קינסטלער
אנערקענטע פון אַלע. איז טאַקע די וועלט
נייגעריק געווען צו וויסן — ווער איז דאָס
דער „פרייגעדאַנק", צו אַלדע רוחות! אַז
אונטער „פרייגעדאַנק" באַהאַלט זיך אויס
אַ באַקאַנטער מענטש, אַן אויסגעקאָכטער
אין דער וועלט פון מוזיק, האָט מען גלייך
פאַרשטאַנען. נאָך אַ קליינער חקירה האָט
מען געשמאַק געשמועסט, אַז דער „פריי־
געדאַנק" איז ריכאַרד וואַגנער. אגב, האָט
זיך וואַגנער גאַנץ שנעל מודה געווען
אַליין. ער האָט מיט אַ טענה געשריבן
צו זיין גוטן פריינד און פּראָטעקטאָר,
פראַנץ ליסט, וועלכער איז נבהל ונשתומם
געוואָרן פון דער מהומה, וואָס „דאָס יודנ־
טום אין דער מוזיק" האָט אַרויסגערופן
אין דער וועלט: — „דו ווייסט דאָך זיכער
גאַנץ גוט, אַז דער מאמר איז מיינער; איז
פאַרוואָס־זשע זאָלסטו פרעגן" (קאָרעס־
פּאָנדענץ וואַגנער־ליסט, פּאַריז 1843, ז.
114 — דער בריוו איז דאַטירט פון
18/4 1851).

וואַגנערס נאָמען איז צו יענער צייט שוין גוט באַקאַנט אין אייראָפּע. אַ שם געמאַכט האָט אים דער גרויסער דערפאָלג פון זיין אָפּערע „ריענצי“. ער איז באַקאַנט אויך פון זיינע צוויי וויכטיקע טעאָרעטישע שריפטן: — „די קונסט און די רעוואָלוציע“ (1849), און „דאָס קונסטווערק פון דער צוקונפט“ (1850). די לעצטע אַרבעט האָט ער געווידמעט דעם פילאָסאָף לודוויק פויערבאַך, אונטער וועמענס איינפלוס ער האָט זיך דאַן געפונען. די צוויי שריפטן זענען תוכיקע אַרבעטן פול מיט אינטערעסאַנטע געדאַנקען מכוח אַ נייעם וועג אין דער מוזיק. אויך האָט מען וועגן וואַגנערן געהערט בשייכות צו די שטעק־בריוו, וואָס די פּאָליציי פון מלכות זאַקסן האָט פונאַנדערגעשיקט צוליב זיין באַטייליקונג אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון דרעסדען פון יאָר 1848־49.

מען דאַרף באַמערקן, אַז וואַגנער נעמט ווערן באַקאַנט נישט בלויז אַ דאַנק זיינע דערפאָלגן, אלא אויך צוליב זיינע דורכפאַלן. זיין אָפּערע „ריענצי“, אמת, האָט געהאַט גרויס הצלחה, ווייל ער האָט זי אַריינגעפּאַסט אין די אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע פאָרמען און איר דערלאַנגט אפילו אַ מין מייערבעערישן גלאַנץ, וואָס איז אַזוי באַליבט געווען ביים דאַמאָלטדיקן עולם. האָט אָבער די מער נאָוואַטאָרישע אָפּערע זיינע — „דער פליענדער האָלענדער“ אויסגענומען קנאַפּער; און „טאַנהויזער“ האָט שוין באַלד ביי דער ערשטער אויפפירונג אין דרעסדען געליטן אַ מפּלה, און דאָס נישט געקוקט, וואָס וואַגנער האָט אין דער זאַקסישער קרוין־שטאָט — ביז צו דער רעוואָלוציע — „געקיניגט“ אַלס דער הויפּט־דירעקטאָר פונעם קעניגלעכן טעאַטער.

די סיבה פונעם ערשטן „טאַנהויזער“־דורכפאַל איז אַ פּשוטע און, אויב מען וויל, אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע. וואַגנער האָט געוואַגט אַריינצופירן אַ מין ספּיריטואַליזם פון סימבאָלן אין אַן אָפּערע־פאָרם, ד.ה. אין אַ מוזיקאַליש־טעאַטראַל ווערק, וואָס טראָגט בשעתו אַ גאַנץ לייכטן, אפילו פריוואַטן כאַראַקטער. אַ קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פילאָסאָף — דערצו פון אַ פּעסימיסטישער טענדענץ, האָט אַרויסגערופן שטוינונג, און ווייט נישט קיין סימפּאַטיע ביים רוב פובליקום. אָפּערע, האָט די וועלט געהאַלטן אין יענער צייט, איז געמאַכט געוואָרן צו פאַרווילן דעם צושויער און נישט אויף שטויסן מענטשן צו טראַכטן. דאָס זעלבע איז געשען מיט וואַגנערס טעאָרעטישע שריפטן. זיינע קאָנטעסטאַטאָרישע רעיונות האָבן געבראַכט צו בייזבלוט, ווייל דאָס שטעלט זיך דער מחבר אַקעגן דעם איינגעשטעלטן געשמאַק מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון זיין אָנגרייפערישער פען.

דער טראָפּן, וואָס האָט געמאַכט איבערפילן די מאָס, איז געווען דער אַנטיסעמיטישער אָנפאַל פון „יודנטום אין דער מוזיק.“

הקיצור, מען האָט וואַגנערן גענומען אויפן אויג, דער עיקר, ווען מ׳איז געוואויר געוואָרן ווער ס׳באַהאַלט זיך אויס אונטערן צביעותדיקן נאָמען „פרייגעדאַנק“. איצט האָט מען שוין סתם אויס נייגעריקייט גענומען זיך מיט וואַגנערן אינטערעסירן אַביסל מער פון דער נאָענט.

מען האָט גענומען אַריינקוקן אין זיין פאַרגאַנגענהייט, נישטערן אין זיינע קינדער־יאָרן; דווקא האָט מען געוואָלט עפּעס דערגיין וועגן זיין אָפּשטאַם: — אַ שטייגער, ווער זענען די טאַטע־מאַמע זיינע געווען?

ווי זאָגט מען אין דער וועלט? — אַז מען זוכט, געפינט מען! האָט מען ביי וואַגנערן טאַקע געפונען אַ מעשה, איז אים דעם „פרייגעדאַנק“, פינצטער געוואָרן אין די אויגן! דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער דערפון געהאַט צו זינגען און צו זאָגן... מען האָט אויסגעפונען, נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז ער איז גאָרנישט קיין פאָלנער דייטש! ער זאָל גאָר שטאַמען, צו זיין גרויסער חרפה... מאחינו בני ישראל, אַ באַשירעמט זאָל מען ווערן, וואָס ריכאַרד וואַגנערן איז דאָ צו האַנט געקומען . . .

כדי צו באַרואיקן די יידן, וואָס וואָלטן גערן מוחל געווען דאָס „גרויסע געווינס“, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז לויט דער הלכה קען וואַגנער נישט ווערן אַנערקענט פאַר

אַ ייד, מחמת די מאַמע זײַנע איז געווען אַ גויע כדת וכדין. איז דאָך אָבער די צרה, וואָס די וועלט וויל נישט וויסן פון אונדזער הלכה און פּסקנט דווקא לויט אייגענע דינים. הקיצור הדבר, לויט פאַר־עקשנטע קלאַנגען, זאָל וואַגנער זײַן די פּרוכט פון אַ ראָמאַנטישער פאַרבינדונג פון זײַן מוטער מיט אַן אַקטיאָר פון ייִדי־שער אָפּשטאַמונג — בשמו לודוויק גייער.

2.

מען דאַרף באַטאָנען — די מעשה פון וואַגנערס אָפּשטאַם איז גאָרנישט אַזאַ פּשוטע; פון איר פּלאָנטער איז נישט לײַכט אַרויסצוקריכן. כדי אָבער דאָך צו דער־גיין צו אַ שטיקל טאָלק אין דער גראָטעס־קער געשיכטע, מוז מען אָנקומען צו פאַקטן פון פאַר מעשה בראשית פון רי־כאַרד וואַגנערס ביאָגראַפיע. און דאָ — שטויסן מיר זיך אָן אויף דעם א.ג. פאַמי־ליען דרייעק, וואָס באַשטייט פון וואַגנערס מוטער, איר מאַן — פרידריך וואַגנער און דער הויז־פרײַנד... לודוויק גייער.

ווי באַקאַנט, האָט וואַגנער פון זײַן טאַ־טע־מאַמע געירשנט אַ שפּאָר ביסל מידות. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס מזל צו אַ פאַר־נעפּלטן אָפּשטאַם איז ביי אים אויך עפּעס אַ ירושה־זאַך. אויך דער אָפּשטאַם פון וואַגנערס מוטער איז אַ שטיק רעטעניש! אָפיציעל, הייסט עס, איז זי געבוירן גע־וואָרן אין דער משפּחה פון אַ בעקער אי־נעם קליינעם שטעטל ווייזנפעלס. האָט זי אַליין אָבער געטענהט, אַז דער בעקער איז גאָר נישט איר אמתער פאָטער.. דער אמת־ער פאָטער אירער, בפועל ממש, זאָל גאָר האָבן געווען אַ געוויסער פּרינץ, וואָס האָט יונגערהייט געפּירדט אַ פלירטל מיט איר מאַמען. וויפל אמת איז פאַראַן אין די דאָ־זיקע ווערטער איז שווער צו וויסן. לויט ווי מען זאָגט, האָט וואַגנערס מאַמע פאַר־מאָגט אַ רײַכע פאַנטאַזיע און גאָרנישט פיינט געהאַט צו חלומען. און דאָך — אַסך אירע רייד אינגאַנצן איז נישט מעגלעך. זאָגט למשל ווייסט מען: וואַגנערס מוטער האָט קינדווייז באַקומען אַ סאָלידע דער־ציִונג. גאָר נישט לויטן שטייגער פון אַ קליין אָרטיקן בעקער. זי האָט באַזוכט די בעסטע און עלעגאַנטסטע פּענסיע־שולן אין דער גרויסער שטאָט — לייפּציק. און דאָס האָט דאָך אָפּגעקאָפּט אַ מטמון מיט געלט. נו, איז דאָס געווען פאַר די כוחות פון אַ באַשיידענעם בעקער? לויט די רייד פון וואַגנערס מוטער, פלעגט דעקן די הוצאות פון איר דערציִונג אַ פּרינץ פון דער ווײַמאַרער דינאַסטיע. (זשאַק בורזשוא, „רישאַר וואַגנער", פּאַריז, 1959, ז. 9).

ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, וואַגנערס מוטער איז געווען אַ קולטורעלע פרוי מיט אַ לייטישן אינטעלעקטועלן באַגאַזש. זי האָט געהאַט אַ נייגונג צו ליטעראַטור און קונסט. וואַגנער דערציילט אין זײַן אויטאָביאָגראַפישן בוך „מײַן לעבן", אַז זײַן מאַמע האָט ליב געהאַט צו ריידן וועגן שיינקייט און וועגן דער התרוממות פון קונסט. און טאָמער אַמאָל האָט זי זיך צערעדט, פלעגט זי אַנשלאָגן אין אַ צע־היצטן פּאַטעטישן טאָן און אַרײַנפאַלן אין התפעלות. די פרוי האָט שטאַרק ליב גע־האַט פּאָעזיע, מוזיק און מאָלערײַ. פאַר טעאַטער גראַד האָט זי בלויז געהאַט אַ גײַפּיל. די טעאַטער־קונסט פלעגט זי אויפ־ריכטיק אָנערקענען, איז קנאַפּער תּופס. איר ראָמאַנטישע נאַטור האָט איר מקרב געווען צו רעליגיע. זי האָט פאַר אירע זיבן קינדער געפּלעגט האַלטן דער־הויבענע דרשות וועגן גאָט און וועגן גײַסטי־לעכן פונק, וואָס שטעקט אינעם מענטש.

וואַגנערס מוטער איז געווען בפירוש אַ פרוי מיט מעלות. האָט זי אָבער, ביי איר גאַנצער גראַטנקייט, צו אַ ביסל גליק אין לעבן קיין מזל נישט געהאַט. ווײַ ס'איז אינטער־געקומען אַ מאָמענט צו טאָן מיט איר אַ שידוך, האָט זי דער בעקער פאַרקנסט צו אַ מאַן, אַן עלטערן פאַר איר מיט גאַנצע צוועלף יאָר. דער גרויסער אונטערשייד אין די יאָרן ביי חתן־כלה האָט דעם פאָלקסטימלעכן בייקער נישט באַאימפּרעסירט. פאַר אים איז דאָס נישט געווען קיין חסרון. ער האָט געהאַלטן, אַז געמען פרידריך וואַגנער, אַ פּאָליצײַ־באַאַמטן, פאַר אַן איידעם, איז דווקא אַ גלייבע זאַך. מיטן שידוך האָט דער קליין־שטעטלדיקער בעקער געהאַלטן, איז ער גאָר אַרײַן אין יחוס. זייט דעם 17טן י.ה.

זענען אַלע אין דער משפחה וואַגנער לערערס און מלוכה־באַאַמטע, ד.ה. מענטשן מיט דערציִונג און בילדונג. דאָס קריינדל פון דער משפחה איז, אָן שום ספק, געווען דעם חתנס ברודער — אַדאָלף וואַגנער, אַ מענטש מיט אַ סך וויסן. ער איז געווען אַ פילאָלאָג, אַ שרייבער, אַן עסייאיסט, אַ קריטיקער; ער האָט מחבר געווען אַזש פיר קאָמעדיעס, פובליצירט איבערזעצונגען פון אַלט־גריכישן פאָעט עוריפידעס. ער האָט געשריבן אַן עסיי א.ד.ט. „טעאַטער און פובליקום". בעת זיינע סטודענטישע יאָרן אין דער אוניווערסיטעט־יענאַ, האָט ער באַקענט דעם גרויסן דייטשישן פאָעט — שילער; ער האָט אים געוויזן זיינע פערזן און באַקומען פון אים אַ קניפּ אין בעקל.

דער חתן, פרידריך וואַגנער אַליין, איז אויך נישט געווען אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. ראשית, האָט ער באַזיצט די פראַנצויזישע שפראַך אין וואָרט און שריפט. די־אָ מעלה איז אים גאַנץ שיין צונוץ געקומען, בעת נאַפאָלעאָנס חיילות האָבן פאַרנומען לייפציק. צוליב זיין פראַנצויזיש, איז פרידריך וואַגנער, דענסטמאָל שוין סעקרעטאַר פון דער שטאָט־פאָליציי, געוואָרן דער פאַרבינדלער מיט דער אָקופאַציע־מאַכט. נאָך האָט פרידריך וואַגנער געהאַט אַ מהלה — ער האָט שטאַרק ליב געהאַט טעאַטער. פאַרן טעאַטער איז ער גרייט געווען צו די גרעסטע קרבנות. אַ באַזונדערע ליידנשאַפט האָט פרידריך געפילט צו קינסטלער. פאַרברענגען אין זייער געזעלשאַפט איז געווען זיין גרעסט פאַרגעניגן אין לעבן.

אין איינ׳ם פון די קינסטלערישע קרייזן האָט פרידריך וואַגנער באַגעגנט דעם יונגן פאָרטרעטן־מאָלער — לודוויק גייער, און שנעל מיט אים פאַרבונדן אַ פריינדשאַפט. גייער איז געווען אַ מערקווירדיקער בחור. אַ טבע האָט ער געהאַט, גייער, ער האָט ליב געהאַט צו פאַרווילן זיינע פריינד מיט אימיטאַציעס. אַזוי ווי פרידריך איז געווען אַ מבין אויף שוישפילערישער קונסט, האָט ער גלייך דערשנאַפט, אַז אין גייערן שטעקט אַן אַקטיאָר. ער מוז ווערן אַ פראָפעסיאָנעלער בינע־אַרטיסט. גייער האָט געפאָלגט און טאַקע גאָר שיין מצליח געווען. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ טרופע, וואָס האָט געשפילט טעאַטער אין די זאַקסישע שטעט — לייפציק און דרעסדען. און ווען די טרופע האָט איבערגענומען די קעניגלעכע בינע אין דרעסדן, איז לודוויק גייער אויסגעוואַקסן דאָרט צו אַן איבעראַל־אַנערקענטן סטאַר.

גייער פלעגט שפילן די שווערסטע ראָלן פון דעם שעקספיר, לעסינג און שילער רעפערטואַר. און בעת ער האָט געפינקלט מיט זיין אַקטיאָרישן טאַלאַנט האָט גייער זיינע מאָלערישע מכשירים נישט פאַרוואָרפן. ווען ער איז פריי געווען פון טעאַטער האָט ער געמאָלן פאָרטרעטן און אויך דאָ באַקומען אַ שם אין די הויכע פענצטער. ער האָט אפילו די קעניגלעכע פאָר פון זאַקסן געמאָלן. בשעת זיינע מערערע גאַסטראָלן, איז מען צו אים גע־געקומען פון די רייכע בירגערלעכע הייזער ער זאָל מיט זיין מאָלערישן טאַלאַנט פאַראייביקן עמיצן פון זייער משפחה. מען דערציילט אפילו, אַז בעת זיינע גאַסטראָלן אין דעם קעניגלעכן טעאַטער אין מינכן איז ער, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון זאַקסישן הויף, פאַרוואָרפן געוואָרן מיט באַשטעלונגען מצד די הויך־אַדעליקע משפחות אין בייערן. לודוויק גייער איז אויך געווען אַ שריפטשטעלער מיט באַגאַבונג. זיינע מערערע טעאַטער־פיעסן זענען געשטעלט געוואָרן אויף דער בינע מיט דערפאָלג. וואַגנער דערציילט אין „מיין לעבן", אַז אַ טעאַטער־פיעסע גייערס האָט אפילו זוכה געווען צו אַ לויב פון געטע.

הקיצור אַ דבר, גייער איז געווען אַ ביז גאָר טאַלאַנטירטער בחור. פאַראַן אָבער אַ מיינונג, אַז דאָס צעשטויבן זיינע פעאיקייטן אין פאַרשידענע ריכטונגען האָט געהאַט אַ חיסרון: דאָס האָט דערפירט צו דילעטאַנטיזם אויף יעדן געביט. אַזאַ איז די דעה פון גוט־באַהאַוונטן וואַגנער־ביאָגראַף — יוליוס קאַפּ. („ריכאַרד וואַגנער", בערלין, 1910).

פרידריך וואַגנער איז צו דעם־אָ טאַלאַנטירטן בחור צוגעפאַלן, ווי אַ קאַץ צו דער סמיטענע. עלטער פאַר גייערן

מיט אַ 12־13 יאָר, האָט זיך פרידריך גענומען פירן מיט אים, ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכער עלטערער ברודער. ער האָט גייערן שטאַרק מקרב געווען. אין דער אמתן, איז לודוויק גייער געווען אין לייפציק אַן איינזאַמער מענטש, אָן אַ קרוב און אָן אַ גואל. פרידריך האָט דערפאַר פאַר אים ברייט געעפנט זיין היים און אים אַרומגעהילט מיט משפחהדיקער וואַרעמקייט. קורץ פון דער זאַך — דער בחור איז געוואָרן אַן אָפטער איינגייער ביי די וואַגנערס.

דער זשעסט פון פרידריך וואַגנער איז בלי ספק אַן עדות פון זיינע איידעלע מידות. איז דאָס אָבער פאַרן שלום־בית זיינעם געווען אַן אומגליק. דהיינו? דער יונגער לודוויק, דאַרף מען געדענקען, איז געווען אַ מענטש צו געפעלן. מחוץ זיין טאַלאַנט און זיינע פייקייטן, איז ער געווען אַ בחור מיט אַ לייטישער קולטור, אַ ספּיריטועלער חברהמאַן — אַ חיות איז געווען מיט אים צו כאַפּן אַ שמועס. דערצו, אַ פריילעכער, אַ לוסטיקער, און צו דעם אַלעם — אַ בילדישער מאַן מיט אַ פיקאַנטן ראָמאַנטישן חן. אויף זיין אויטאָפּאָרטרעט זעט ער אויס עפעס ווי אַ קאָפּיע פון בייראָן.

אַזאַ איינער האָט געקענט געפעלן יעדערן; ווער שמועסט אַ קולטורעלן מענטש ווי ס'איז געווען יאָהאַנאַ, די פרוי פון פרידריך וואַגנער... דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז די צוויי יונגע מענטשן זענען געווען אין זעלבן בליענדן עלטער. הכלל, יעדע פרייע מינוט פלעגט גייער פאַרברענגען ביי די וואַגנערס. גאַנצענע טעג פלעגט ער דאָרט אָפּזיצן. ער פלעגט זיך שפּילן מיט די קינדער, פלעגט מאָלן די שיינע יאָהאַנאַ, וואָס ניט געקוקט אויף אירע אָפטע געבורטן, איז אַלץ נאָך געווען פריש און רייצנדיק. אין די אָוונטן, ווען ער פלעגט בלייבן אַליין מיט דער פרוי וואַגנער, האָט ער געפירט מיט איר שמועסן וועגן ליטעראַטור און קונסט, און פאַרשטענדלעך אויך וועגן טעאַטער.

יאָ, מען דאַרף באַמערקן, אַז די רייצנדע יאָהאַנאַ וואַגנער איז אָפט — שוין צופיל אָפט — געבליבן זיצן אין שטוב אַליין; דער עיקר פלעגט דאָס פאָרקומען אין די אָוונטן. דאָס רוב אָוונטן אין דער וואָך פלעגט איר מאַן פרידריך פאַרברענגען אין טעאַטער. ער פלעגט אין טעאַטער פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע נעכט און פאַרגעסן צוריק צו קומען אַ היים. בייזע צינגער טענהן, אַז דער אָרעמער פרידריך האָט זיך געלאָזט פאַנגען נעבעך אין די זינדיקע נעצן פון אַ באַקאַנטער נישט מיאוסער אַקטריסע. און אפשר איז דאָס סתם געטריבן רכילות? ווי די זאַך זאָל נישט זיין — ביי די וואַגנערס האָט קיין אידיליע צווישן מאַן און ווייב נישט געפּאַנעוועט. אגב, אַן עכאָ פונעם ריס אין זייער צוזאַמענלעבן לאָזט ריכאַרד וואַגנער הערן אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך — „מיין לעבן”. בלית ברירה, האָט גענומען יאָהאַנאַס ביטערע איינזאַמקייט פאַרזיסן דער הויז־פריינד, לודוויק גייער. פּאַוואָליע, האָט זיך צווישן ביידן איינגעשטעלט אַ קלימאַט פון אַ ראָמאַנטישער נאָענטקייט. ביז אַ טאָג, אין יאָר 1813, אין וווּנדערשיינעם חודש מאַי, האָט יאָהאַנאַ אין אַ מזלדיקער שעה געברענגט אויף דער וועלט אַ בן־זכר; און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן... ריכאַרד.

ווי די שמחה פון ריכאַרדס געבורט איז אויפגענומען געוואָרן אין דער משפחה וואַגנער איז נישט באַקאַנט. די געשיכטע האַלט דאָ אַ פינגער אויפן מויל און מאַכט אַ שווייג. דאָס וועט שוין מסתמא בלייבן אַ סוד לעולם ועד. דערפאַר האָבן זיך אָבי״ר די הימלען גלייך צעצאָרנט און צעבייזערט. און ויהי... אינעם זעלבן יאָר 1813 איז אין לייפּציק אויסגעבראָכן אַ מגפה. פון די ערשטע איז אַוועק פרידריך וואַגנער אויפן עולם האמת. אומגעריכטערהייט זענען יאָהאַנאַ און לודוויק גייער געוואָרן אויפגעריכטע מענטשן מיט אויפגעבונדענע הענט. האָבן זיי אָפּגעוואַרט די געזעצלעכע זעקס חדשים פון אָפיציעלן טרויער נאָכן טויט פון אָרעמען פרידריך וואַגנער און... לעגאַליזירט זייער פאַרבינדונג; געוואָרן מאַן און ווייב כדת וכדין.

דאָ הייבט זיך אָן דער חורבן; איצט קומט די וועלט און שטעלט די האַרבע

קשיא: — ווער איז דער טאַטע פון קליי־נעם ריכאַרד? טאַקע אַזוי — ווער? די גע־שיכטע, זי גייט זיך מיט איר אַפּיציעל־ביוראָקראַטישן גענגל — זי איז יוצא מיט די־רלאַנגען די פּאַרמעלע תשובה: — ריכאַרד איז פאַרשריבן אין די ביכער אויפן נאָמען פון וואַגנער, דאַרף זיין נאָ־מען זיין וואַגנער, און אַראָפּ פון מאַרק... דער דעת הקהל איז אָבער דערויף נישט מסכים; מענטשן האָבן דאָ אַן אַנדער מיינונג. בכדי קלאָר צו מאַכן די מיסטעריע פון ריכאַרדס פאָטערשאַפט, האָבן מענטשן גענומען מאַכן אַ חשבון; מען האָט גערעכנט און באַרעכנט און בסוף עפּעס אויסגערעכנט: — היות, ווי פרידריך וואַגנער איז במשך דעם גאַנצן יאָר 1812 אַ פאַרנומענער מענטש — ביי־טאָג פאַרהאַריזוועט אין דער פּאָליציי־די־רעקציע און אין די אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַרקאָפּעט אין טעאַטער ביז איבערן האַלדז; היות לודוויק גייער, דער געטרייער הויז־פריינד, איז איינעם זעלבן גאַנצן יאָר 1812 ביי דער זייט פון יאָהאַ־נאַ וואַגנער, און (לאָמיר ווערטלעך ציטירן ריכאַרד וואַגנערס רייד) — „ווען דער פּאָליציי־סעקרעטאַר פלעגט פאַרברענגען זיינע אָוונטן אין טעאַטער, האָט דער אויסערגעוויינלעכער מאַן (לודוויק גייער, ע. פ.) אים פאַרטרעטן אין דער משפחה און, ווי ס׳ווייזט אויס, געמוזט באַרואיקן אָפט די פרוי, וואָס האָט זיך באַקלאָגט, מיט רעכט אָדער אומרעכט, אויף איר מאַנס לייכטזיניקייט.״ (ריכאַרד וואַגנער, „מיין לעבן״, פראַנצויזישע אויסגאַבע — פּאַריז, 1911, ערשטער טייל, ז. 4); היות ווי ריכאַרד וואַגנער איז געפאַלן אויף דער וועלט אין חודש מאַי — 1813 — אין רעזול־טאַט פון אַלע שהיותן — איז די וועלט גיקומען צו אַ מסקנה, אַז יאָהאַנאַ וואַגנער האָט איר בן־זכר ריכאַרד געהאַט פון גייערן, נאָך איידער ער האָט זי מקדש געווען פאַר זיין פרוי. (זע — יורן און רוט, „לאַ ווערִיטע סיר וואַגנער״ — דער אמת וועגן וואַגנערן — פּאַריז, 1930).

ווי וויל דער חשבון לייגט זיך אויפן שכל, ווילט זיך אָבער דאָך אַ צווייפל טאָן אין דעדין. האָבן טאַקע מענטשן גוט גי־חשבונט? און אפשר האָט מען אויף דעם אַרעמען פרידריך סתם עפּעס אויסגע־רעדט אַזעלכעס, וואָס מען טאָר אויף די ליפּן נישט ברענגען? ווייל, ווי שייך זאָל שוין פרידריך וואַגנער נישט האָבן קיין שום געפיל גיהאַט צו זיין יונגע און שיינע יאָהאַנאַ? זי האָט דאָך אים פינף קינדער געשענקט.

נאָכן טויט פון פרידריך וואַגנער דער־שיינען אָבער סימנים וואָס באַווייזן דעם היפוך פון דער טעזע, אַז ער זאָל זיין דער פאָטער פון ריכאַרד.

## 3.

נאָך דער חתונה מיט גייערן האָט יאָהאַ־נאַ אויפגעלעבט. אויך די היים אירע האָט אויפגעלעבט. די אַטמאָספער ביים בני־בית האָט זיך אַנטשפּאַנט און אויסגעליי־טערט, ווי דער הימל נאָך אַ שטורעם. ס׳איז געוואָרן פריילעך אין שטוב. קודם — דאָס געגייערײ פון די געסט, דער גע־מיטלעכער טומל פון לודוויקס פריינד און חברים, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו קומען און גיין. דאַן — די אומאויפהער־לעכע משפחה ימים־טובים, די כסדרדיקע געבורטסטעג. חוץ מזה, איז די היים סתם געוואָרן אַ מין קונסט־בינע מיט אָפטע אַמאַטאָרן־פאָרשטעלונגען פון אייגענעם בני־בית, ווי אויך אויפפירונגען פון מאַריאָנעטן־טעאַטער. אין דער שטוב פון יאָהאַנאַ איז אָוועק אַ לעבן. די נשמה פון דעם אַלעם איז איצט דאָ געווען דער בייער בעה־בית — לודוויק גייער. ער האָט אין שטוב געפאַנעוועט ביד חזקה מיט זיין וויציק און לוסטיק וואָרט; אַלץ האָט זיך געקאָלערט פאַר גילעכטער. אומעטום איז ער געווען. ער האָט געשניצט די ליאַלקעס פון מאַריאָנעטן־טעאַטער; ער האָט גענייט פאַר זיי מלבושים, ער האָט מחבר געווען טעאַטער־פּייסן וועגן רי־טער, אָדער פאַנטאַסטישע שטיק גאַר, אַז אַ שווידער האָט דורכגענומען. אַן גייערן האָט געקאָנט דען אַ רייד זיין וועגן עפּעס?

אין פריוואַטן לייבן איז לודוויק גייער געווען אַ צאַרטער, ליבנדער מאַן פאַר זיין פרוי יאָהאַנאַ און דערצו אַן איבערגעגע־בענער פריינד. פאַר אירע יתומים איז ער געווען ווי אַן אייגענער טאַטע; ער האָט

גייזאָרגט פאַר זייער הײנט און פאַר זייער מאָרגן. ער פלעגט זיי פאַרשיטן מיט מתנות. ווי אַ מענטש פון טעאַטער, האָט ער דערשנאַפּט ביי יאָהאַנאַס קינדער דעם שוישפּילערישן פונק און ער האָט גענומען זיי שטויסן צו דער בינע. אַלע זעקס זיי זענען געוואָרן באַקאַנטע מענטשן פון טעאַטער.

בעצם איז די וואַרעמקייט מיט וואָס גייער האָט אַרומגענומען יאָהאַנאַס קינדער געווען ביי אים אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ער האָט די קינדער ליב געקראָגן, גלייך נאָר ווי ער האָט איבערגעשטעלט די שוועל פון זייער היים; נאָך ביים לעבן פון זייער פאָטער. און דאָך האָט געריסן די אויגן גייערס באַזונדערע נאָענטקייט צום קליינעם ריכאַרד, וועלכער האָט לודוויקן גערופן—טאַטע. ווען ס׳איז געקומען די צייט צו שיקן דעם קליינעם ריכאַרד לערנען אין אַ שול, האָט דער „טאַטע" גייער (אַזוי דערציילט וואַגנער אינעם בוך „מיין לעבן") אים אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף. דאָרט איז אייַנגעשטאַנען אַ מוסטער־שול פאַר קינדער פון די בעסערע משפחות; מען האָט דאָרט דערלאַנגט די קינדער „אַ געזונטע און ניכטערע דערציונג." דער „טאַטע" האָט דעם קליינעם פאַרשריבן אויפן נאָמען... ריכאַרד גייער.

שטעלט זיך די פראַגע:—אויב לודוויק גייער איז געווען נישט מער בלויז ווי אַ שטיפטאַטע, טאָ וועלכע נויט איז אים געווען צו פאַרשרייבן דאָס קינד אויף זיין נאָמען? פאַרוואָס נישט אויפן נאָמען וואַגנער, ווי ס׳האָבן זיך גערופן ריכאַרדס שוועסטער און ברודער? אין דער אָ שול האָט ריכאַרד, אַלס גייער, געלערנט אַ פעליק יאָר, און זיין „טאַטע" לודוויק איז געשטאָרבן.

דער טויט פון לודוויק גייער האָט אַ סוף געמאַכט צו יאָהאַנאַס קורצן פעריאָד פון גליק. זי איז איצט פאַרבליבן אַן אַלמנה מיט זיבן קינדער, כמעט אָן מיטלען צו לעבן. אין דער־אָ שווערער סיטואַציע איז איר צו הילף געקומען אַ שוואָגער, לודוויקס, גייערס אַ ברודער, אַ פאַרמעגלעכער בחור וואָס האָט געוווינט מיט זיין מוטער אינעם קליינעם שטעטל אייזלעבען. זיין הילף איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט צו זיך גענומען, אונטער זיין פולער השגחה, איינס פון יאָהאַנאַס קינדער. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דאָס קינד וואָס ער האָט צו זיך גענומען איז על פי נס... דווקא דער קליינער ריכאַרד.

שלעכט איז דעם קליינעם ביי זיינע בייע אַפּוטרופּסים נישט געווען. פאַרקערט, וואַגנער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז די אַלטע פרוי האָט אים ליב געהאַט — ס׳לעבן. זי האָט אים געפּיאַסטעוועט און געקעכלט; זי האָט זיך אין אים געשפּיגלט! זי פלעגט אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן וועגן איר זון—לודוויק, און זיך האָט דערציילט. שלעכטע מענטשן ווילן איינרעדן דער וועלט, אַז די שטאַרקע ליבשאַפט צום קליינעם ריכאַרד מצד דער אַלטער פרוי איז עפּעס אויך נישט פאַרפשוטע זאַך... וואָס מענטשן קענען אַלץ אויסגעפינען... יאָ, מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס קינד איז אין אייזלעבן געגאַנגען אין אַ שול, און דאָרט האָט מען אים פאַרשטענדלעך גערופן גייער.

בינו לבינו, האָט די עקאָנאָמישע סיטואַציע ביי יאָהאַנאַ גייער זיךביידייטנדיק פאַרבעסערט. אַזוי ווי לודוויק גייער איז דאָך געווען אַ פאַרדינסטפולער אַקטיאָר אינעם קעניגלעכן טעאַטער אין דרעסדן, האָט מען דער אַלמנה גענומען אויסצאָלן אַ חודשלעכע פּענסיע, כדי די פאַראָבלטע משפחה זאָל האָבן צו פירן אַן אנשטענדיק לעבן. דער קליינער ריכאַרד אָבער איז כסדר פאַרבליבן אין אייזלעבן ביי די גייערס. די מעשה הייבט אָן צו ווערן נישט פאַרשטענדלעך, ווייל וואָס פאַר אַ מחותן איז גייערס ברודער צו זיין דער אַפּוטרופּס פון אַ קינד, וואָס זיין שוועגערין זאָל האָבן געהאַט פון איר ערשטן מאַן? דער קליינער ריכאַרד איז פאַרבליבן ביים „אָנקל" אַפילו נאָך דעם שוין, ווי דער „פעטער" האָט געפונען זיין זיווג און חתונה געהאַט.

אין אַ געוויסן טאָג אָבער, אַ יאָר נאָך דער חתונה, איז „אַדורכגעפלויגן אַ קאַץ" צווישן יאָהאַנאַ מיט די גייערס. מען האָט ריכאַרדן משלח געווען צו דער מאַמען קיין לייפּציק. און דאָ, אין לייפּציק, שוין אונטער דער השגחה פון דער אייגענער מאַמען, האָט ריכאַרד כסדר דעם נאָמען גייער. די מאַמע אַליין פאַרשרייבט אים

אין דער שול אויפן נאָמען גייער. וואָס קומט דאָ פאָר? מילא, מסתמא האָט יאָהאַנאַ געוווסט וואָס זי טוט... הקיצור, דעם פאַמיליע־נאָמען — גייער — טראָגט ריכאַרד ביז צום עלטער פון 14 יאָר. און ווער ווייסט צי זיך וואָלט ביי דעם נאָמען נישט געבליבן, ווען ער נעמט נישט אַליין און טוישט אויס דעם נאָמען גייער אויף וואַגנער. (ר. וואַגנער: מיין לעבן", פּאַריז 1911, ב.1, ז. 6־5).

דאָס פאַרדרייעניש מיט די נעמען פאַרענטפערט וואַגנער אויף אַ גאַנץ פשוטן אופן (זע „מיין לעבן"): — היות ווי גייער האָט אים קינדווייז געטראַכט צו אַדאָפּטירן, האָט ער אים דערווייל, אין עלטער פון זיבן יאָר, פאַרשריבן אין דער שול אויף זיין אייגענעם נאָמען — גייער, און אַזוי, אויס געוווינשאַפט, איז ער שוין געבליבן אַ גייער. מהיכא־תיתי. בלייבט נאָר די פראַגע — אין ווילכער מאָס איז דאָס אמת?

ווי באַקאַנט, קאָן מען צו וואַגנערס „מיין לעבן" נישט האָבן דעם גרויסן צוטרוי. אין דער אמתן, האָט מען עפּעס גאָרנישט געהערט, אַז גייער זאָל ווען עס איז האָבן אַמאָל אַ געדאַנק ריכאַרדן צו אַדאָפּטירן. און אויב האָט גייער אַזאַ געדאַנק יאָ געהאַט, איז פאַרוואָס האָט ער אים נישט רעאַליזירט אין לויף פון די אַכט יאָר צייט ביז ער איז געשטאָרבן? וואָס האָט ער אַזוי לאַנג געוואַרט? דאַרף מען דערפון מסתמא לערנען, אַז די גאַנצע מעשה מיטן אַדאָפּטירן איז אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע פון וואַגנערן אַליין, ד.ה., אַ ליגן! אגב, אויף ליגנס און אומפינקטלעכקייטן האָט וואַגנער אַ פּאַטענט!

הכלל, וואָס איז מיטן 14־יעריקן ריכאַרדן פאָרגעקומען, וואָס ער האָט גענומען אַליין — און אפשר קעגן דער מאַמעס ווילן — און געטוישט זיין נאָמען — גייער אויף וואַגנער? פאַראַן אויף דעם יעטלעכע השערות. וואַגנער, וואָס האָט אָפּט ליב צו פאַרבייטן די יוצרות — אַ קרענק ביי אים אַזאַ — האָט דערציילט אַמאָל דער צווייטער פרוי זיינער, קאָזימאַ, אַז יונגערהייט איז ער דווקא געווען אַ שיין יינגל, נאָר צו דרייסיק יאָר האָט אויף זיין פּנים זיך אַרויפגעלייגט דער ייִדישער אויסזען. (קאָזימאַ וואַגנער, „זשורנאַל", פּאַריז, 1977, ב.2, ז. 64). קומט אָבער אַ דייטשישער מחבר און דערציילט, אַז קינדווייז גאָר האָט וואַגנער געהאַט אַ „ייִדישן אויסזען... אין דער שול פלעגט ער אויסשטיין דערפון צרות; די קינדער האָבן גערחוזקט פון זיין ייִדישן אויסזען און זיין ייִדישן נאָמען." „נאָלף רייזענבערג: פערזוך איבער איינעם יאַנוס גייסט", פון אַ קאָלעקטיווע אַרבעט א.נ. „ריכאַרד וואַגנער, ווי אַנטיסעמיטיש דאַרף איין קינסטלער זיין?" מינכן, 1978, ז. 43).

גאַנץ מעגלעך, אַז אויף אויסצומיידן דעם שפיכת דמים האָט ער געטוישט דעם נאָמען, ווייל דעם „ייִדישן אויסזען" טוישן איז דאָס בחורל נישט געווען בכוח. פאַראַן נאָך אַ סברה, אַ צווייטע. צוריק ביי זיין מאַמען אין לייפציק, איז פאַר ריכאַרדן געווען אַ מאַטערניש צו טראָגן דעם נאָמען גייער. ביים פּראָווינציאָנעלן עולם, וואָס האָט אַ טבע יעדן איינעם צו האַלטן אויף די ציין, האָט זיין נאָמען „גייער" אויפגעריסן די אויגן און גיבערענגט צו רעדערייען. מי יודע וויפל חרפּות און בושות האָט דער קליינער ריכאַרד געהאַט אויסצושטיין אין דער פּראָטעסטאַנטיש־פּוריטאַנער סביבה פון דער שטאָט. איז ווען ער איז געקומען אַביסל צום אייגענעם שכל, מיד פון די צרות, קען זיין, האָט ער אַראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם „גייער" און געוואָרן אַ „וואַגנער".

פאַראַן אַזעלכע וואָס לערנען נאָך אַן אַנדערן פשט. מען זאָגט, אַז דער טויש פון נאָמען זאָל זיין די ערשטע היץ־מאַניפעסטאַציע בנוגע אומעטום־וואַקסנדיקן בחורל פון דער באַקאַנטער קרענק זיינער פון קינאה און נישט פאַרגינערישקייט. דער יונגער ריכאַרד, וואָס ווערט באַצייטנס שוין צעפּרעסן פון קרענקלעכע אַמביציעס איז פשוט מקנא זיינע שוועסטערס און זיין ברודער, וועלכע האָבן שוין באַוויזן מיט דערפאָלג איינצופּידעמען אַ קינסטלערישע קאַריערע, בעת ער אַליין איז נאָך אַלץ נישט דעצידירט אין זיינע פאַרינטערעסירונגען; ער ווייסט נאָך אַלץ נישט אויף וועלכן וועג אַ פוס צו שטעלן.

איז דערפון דער פשט, אַז איידער וואָס ווען, וויל דער אַמביציעזער ריכאַרד זיך דערווייל אָנוואַרעמען ביים נאָמען „וואַג־נער", וואָס דערשיינט שוין גאַנץ געשמאַק אין די גאַזעטן.

אין דער דאָזיקער תשובה לויגט אַריינ־צוקוקן אַביסל טיפער. וואַגנער איז אָן שום צווייפל אַ גאון שבגאונים. האָט זיך אָבער קינדווייז קיין ווונדער נישט באַוויזן. אַט למשל, האָט אים לודוויק גייער גע־לאָזט לערנען שפּילן קלאַוויר און איינגע־זען בסוף, אַז ער האָט אַרויסגעוואָרפן געלט. — בחינם די טירחה, ריכאַרד וועט אַ קלאַוויר־שפּילער נישט זיין — האָט גייער אויף זיין טויטן־בעט געפּסקנט בעת אין צווייטן צימער האָט זיין ליבלינג פּאָר־געשפּילט פאַר אים אויף דער פּיאַנע. גייער האָט נישט געהאַט קיין טעות. וואַג־נער האָט אין זיין לעבן נישט געהאַט קיין געלענק צום קלאַוויר. וואַגנערס פּעאי־קייטן האָבן געוירן לאַנגזאַם, געוואַקסן בהדרגהדיק און צעפלאָסן זיך אין עטלעכע ריכטונגען, ביז מיט אַמאָל, אין עלטער פון אַרום 15 יאָר, האָט אַ ריס געטאָן אין אים מיט אימפּעט דער אינטערעס צו מוזיק.

זיין ערשטע באַגייסטערונג אויפן געביט פון מוזיק איז געווען דער מוזיק־שעפער קאַרל מאַריאַ פאָן וועבער. ער האָט אים אַמאָל געזען דיריגירן, און די ערשטע מוזיקאַלישע אַמביציע איז ביים בחורל געבוירן געוואָרן: — ווערן אַ דיריגענט. וואַגנער האָט געפונען זיין וועג. ראַפּטעם האָט ער גענומען שלינגען די מוזיק־יסו־דות ביי אַ לערער אין לייפּציק. ער אַרבעט טיכטיק אויפן קלאַוויר, כדי צו קענען אויסשפּילן די אוווערטורע פון וועבערס „פרייִשיץ". באַלד איז ער ממשיך די מוזיקאַלישע אויסבילדונג זיינע אַליין. פאַרן טאַשן־געלט, וואָס די מאַמע האָט אים געגעבן, האָט ער אויסגעבאָרגט די פּאַרטיציעס פון בעטהאָוונס סימפאָניעס און ער האָט זיי קאָפּירט. נעכט גאַנצע איז ער איבער זיי געזעסן; ער האָט זיי שטודירט און אַנאַליזירט. און בשעת מעשה, ווען ער איז געזעסן אַזוי איבער די צוועלפטע נאָטן פון טיטאַן, האָט ער געפילט ווי דאָס פייער, וואָס פליקערט דאָרט אין די נאָטן מיט אַזאַ נישט גע־צוימטן כוח, וואַרפט אַריין אין דעם יונגן ווען זיינעם גליענדיקע פונקען. און אויך אין זיין האַרץ האָט ער געפילט, נעמט בריזן אַ פייער. דאָס איז געווען אַ פייער פון אַ הייליקער ליבע צו מוזיק. ביינאַנד אָבער מיט דער פייערדיקער ליבע צו מוזיק, האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן אַ מאָדנע פייערל פון משוגעת. אַ מין מאַניע פון גרויסקייט. אַט באַלד האָט ער זיך געזען אין דער געשטאַלט פון מוזיקאַלישן ריז, וואָס שטורעמט די הימלען און וואָס נעמט איין די וועלט...

אַט אַזאַ טבע האָט דאָס בחורל געהאַט. פון שטענדיק אָן! האָט ער אַמאָל אין דער שול פאַר אַ ליד וואָס ער האָט געהאַט געשריבן צום טויט פון אַ חבר, באַקומען שבחים פון זיינע לערער און, שוין האָט ער זיך גענומען פאַר אַ... געטהע. און בעת ער האָט געלערנט דעם אַלט־גריכישן פּאָעט האָמער, האָט ער שוין גאַנצע וועקגעגעבן אויף איבערטראַגן דעם פּאָ־עטס פערזן פון זיין „אָדיסייע" אין דייטש. ער האָט גענומען שרייבן אַ טרויער־שפּיל אין אַלט־גריכישן סטיל און זיך גלייך באַטראַכט פאַרן קינפטיקן האָמער פון זיין צייט. דאָס זעלבע, ווען ער האָט זיך באַ־קענט מיט די שאַפונגען פון שעקספּיר. אַזוי ווי שעקספּיר האָט אים שטאַרק באַ־גייסטערט, האָט ער אָנגעשריבן אַ סאָרט טראַגעדיע אין שעקספּירישן שטייגער, ס'הייסט, אַ מין קאָקטייל פון „ראָמעאָ און דזשוליעטע", „האַמלעט" מיטן „קעניג ליר" פאַרבראָקט... גאַנצע 42 העלדן שטאַרבן ביי אים אַוועק אין דער פּיעסע אויף אַ טראַגישן אופן. ריכאַרד טראַכט שוין צו ווערן אַ שעקספּיר, און דאָס וואָס שנעלער.

אויב מען וויל, זעען דעם יינגלס אַמ־ביציעס אַ בולטער סימן פון קרעאַטיווע כוחות; זיי דרעמלען אין אים און טוען באַצייטנס שוין צעשפּאַרן זיין יונג וועזן; מ'זען שפּירט אַן אָנזאָג אפילו פון אַ גאונות־דיקער דערוואַכונג. האָט ער דאָך, ריכאַרד, אַן ערנסטע קענטעניש, אָן שום סאָלידער צוגרייטונג אָנגעהויבן מוזיק צו שאַפן. ביינאַנד אָבער מיט דעם אַלעם, נעמט שפּראָצן אין דעם בחורל אַ קרענק פון

מעגאַלאָמאַניע. דער אונטערוואַקסנדיקער ריכאַרד חלשט נאָך אַ נאָמען אין דער וועלט!

די גלאָריע נאָך זיין „טאַטן" גייער האָט זיך נאָכן טויט אויסגעלאָשן, ווי אַ מעטעאָר נאָכן פאַרשווינדן פון הימל, און דווקא טוט איצט לייכטן אַ נייער שטערן — דער נאָמען וואַגנער. מען רעדט ווייזן דער קינסטלערישער הצלחה פון ריכאַרדס שוועסטערס און ברודער, דעם אָפּערעזינגער, וואָס זיין „טאַטע" גייער האָט זיי אַלע געשטעלט אויף די פיס. איז כאָטש ס'פיבערט ביי אים די פאַנטאַזיע — אַ שרעק, האָט דאָס אונטערוואַקסנדיקע בחול געגוג שכל צו פאַרשטיין, אַז צום פירסום פון אַ שפּעטער שטייט אים פאָר נאָך אַ נישקשהדיקער מהלך. די שרייבער יורן און רוט, די מחברים פונעם בוך „דער אמת וועגן וואַגנער", זעניין ביי דער דעה אַז דער יונגער אַמביציעזער ריכאַרד, אַליין נאָך ווייט פון אַן אייגענעם קינסטלערישן נאָמען, האָט דאָ געהאַנדלט ווי אַן אָפּאָרטוניסט — אַזאַ וועט ער זיין דאָס גאַנצע לעבן זיינס — און ער האָט זיך צוגעאייגנט דעם נאָמען פון זיינע שוועסטערס און ברודער, פשוט אויס קינאה און מעגאַלאָמאַניע.

הקיצור, די שפּעטע מעטאַמאָרפאָזע פון ריכאַרדס פאַמיליען־נאָמען — פון גייער אויף וואַגנער — איז אַלץ נאָך אַ קנאַפּער באַוויז, אַז ער איז אַ לייבלעכער זון פון בראַוון פאָליציי־סעקרעטאַר פרידריך וואַגנער. דווקא וויל אַ דייטשישער ביאָגראַף זאָגן, אַז די אומרואיקייט און דער חשק צו באַווייזן זיך, די פלינקע זשעסטן און דאָס בליציקע וואָרט... די שנעלע טרערן, ווי אויך זיין לייכטע עמאָטיווקייט — דאָס אַלץ... האָט געירשנט וואַגנער פון גייערן" (האַנס רייזיגער, „אונרואיגעס געשטירן, די יוגענד ריכאַרד וואַגנערס", לייפּציק, 1931, ז. 245).

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז וואָס וואַגנערס צווייטע פרוי — קאָזימאַ, דערציילט אין איר טאָגבוך: — אַ טשיקאַווע מעשה, וואָס האָט אַ שטיקל שייכות צו אונדזער ענין.

סוף יאָר 1876, אין אַ ווינטערדיקן יום־טוב פרימאָרגן, זענען געזעסן וואַגנער מיט זיין ווייב און געשעפּט נחת פון זייער קליינעם זון — זיגפריד. אַ ביז גאָר אויפגעלייגטער, האָט וואַגנער אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ דעם סאַמעטענעם בערעט, מיט וועלכן ער האָט זיך אויף אַ רגע אין טאָג נישט געשיידט, און אים פאַצעטיש, ווי ער אַליין פלעגט עס טראָגן, אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ פון זיין בן־יחיד, גלייך ער וואָלט אים קרוינען פאַרן יורש עצר זיינעם. צופרידן פון זיין זשעסט, האָט זיך וואַגנער אין זיין קליינעם זון געשפּיגלט: — „וואָס פאַר אַ וואונדערלעכן געשטעלט האָט דאָס דער קליינער!!" — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום ווייב — „ער איז עפּעס אין גאַנצן ענלעך צו מיין טאַטן גייער."

„נו, אַז קאָזימאַ האָט פון איר מאַן דערהערט אַזעלכע קלאָרע דיבורים איז זי אַרויס מיט לשון: — „דיין טאַטע גייער איז געווען זיכער דייער אמתער פאָטער דיינער" — האָט זי וואַגנערן דערקלערט אָפּן וואָס זי טראַכט. וואַגנער האָט געענטפערט, אַז ער גלויבט נישט. „טאָ פון וואַנען־זשע נעמט זיך די ענלעכקייט? — האָט קאָזימאַ נישט אָפּגעלאָזט. „מיין מוטער האָט גייערן ליב געהאַט מן הסתם" — האָט וואַגנער פּרובירט צו מאַכן דעם ענין צו קלייניגעלט — „אָט, סתם דאָרט עפּעס אַ סימפּאַטיע, געבוירן אויפן סמך פון ענלעכקייט פון כאַראַקטערן, מיינונגען און שותפותדיקע געשמאַקן." (קאָזימאַ וואַגנער, „זשורנאַל", פּאַריז, 1977, ב.3, ז. 288).

דאָ איז וויכטיק צו באַמערקן: קאָזימאַס טאָגבוך, וואָס פאַרענדיקט זיך מיטן טויט פון וואַגנערן, איז דערשינען אין דער עפנטלעכקייט עטלעכע פערציק יאָר נאָך איר אייגענעם טויט. קאָזימאַ איז געשטאָרבן אין 1930.

חיים שוואַרץ

# מיין גאָרטן

## (אויפן טויט פון אַ פריינד)

מיין קליינינקער גאָרטן איז אָפן און פריי
פאַר אַלע וואָס קומען און גייען פאַרביי;

בייטאָג שענקט די זון אים איר פריינדליכע שיין,
ביינאַכט וויקלען שאָטנס אים סודותדיק איין.

וואַקסן דאָרט, בליען, אויף איטלעכער בייט,
פלאַנצן און בלומען, וואָס צייט האָט פאַרזייט;

און איטלעכע בלום, מיט איר אייגענער דופט,
מחיהדיק ציט, באַצויבערט און רופט...

נאָר איינמאָל, אָ, ווי מיר, אַ פינצטערע נאַכט
אַ גרויזאַמען ווינט האָט צום גאָרטן געבראַכט;

געשמיסן האָט ווינט איבער בלומיקע קעפ,
די בלעטעלעך צאַרטע געריסן, געשלעפט...

פאַרטאָג, ווען די זון איז אין מזרח אַרויס,
געלעגן אויף ערד איז די דופטיקע רויז;

די זון האָט געגלעט זי, געצערטלט מיט שיין,
געמונטערט, געוועקט מיט קאַיאָריקן ווייַן.

נאָר זון האָט אומזיסט זיך געמיט און געוועקט —
די אייביקע רו האָט איר פנים באַדעקט...

מיין גאָרטן, פאַריתומט, אין טרויער ער שטייט —
ניטאָ מער די רויז אויף צעשמיסענער בייט.

מיט פיינלעכן ציטער באַלאָדן און שווער,
סע בויגן די רויזן די קעפ צו דער ערד...

די זון הייבט זיך העכער אויף הימלישע טרעפ
און ערד טוט די זון פולברוסטיק אַ שעפ;

אַ ווינטל אַ צאַרטס ווישט דעם טרעריקן טויט
און יאָגט יעדן פלעק פונעם הימלשן בלוי...

\- - - - - - - - - - -

מיין גאָרטן, מיין גאָרטן, איז אָפן און פריי —
ער רופט: קומט אַריין, גייט ניט איילנדיק פאַרביי;

פאַוואָלינקע גייט מיט פאַרהאַלטענע טריט
און זאָל אייער טרייסט־וואָרט אַריין אין מיין ליד...

## זלמן שלאָסער

# א. סוצקעווער אין ענגליש*)

דער גוט־באַקאַנטער יידיש־ענגלישער שרייבער, דיכטער און זשורנאַליסט, יוסף לעפטוויטש, שרייבט וועגן אברהם סוצקיווער מיט אַ סך וואַרעמקייט און פאַרערונג. אין זיין נייעם בוך:

Abraham Sutzkever—Partisan-Poet

שילדערט ער סוצקעווערן ניט נאָר ווי אַ גרויסן יידישן פּאָעט, נאָר אויך ווי דעם לעגענדאַרן קעמפּער אין דער ווילנער געטאָ און נאָכדעם ווי אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער אַרום ווילנע. ליפטוויטש דערציילט אַ סך אינטערעסאַנטע איינצלהייטן סיי פון דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און סיי פון דעם קולטור־ווידערשטאַנד אין דער געטאָ; ווי סוצקעווער האָט געקעמפט, געשריבן לידער און זיי פאַרעלייגט אויף געהיימע געטאָ־פאַרזאַמלונגען, געמוטיקט און געהאָלפן לייכטערן דעם פאַרפייניקטן יידישן געמיט.

---

## חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

### אין טלית איינגעהילט

דער ווידערקול דערמאָנט
פון ערגעץ, ווו ביסט געוועןֿ—
אינעם וועג שלאָגט אַ פּחד
און דיין שליטן שלייכט אַראָפּ.
היינט איז דאָרט סדום ועמורה
און ס'רויכערט נאָך אַלץ דער קאַלכאויוון
און ברומט אויף שטיינערניי וועגן
נאַכט אויס, נאַכט איין.
אויף די ראַנדן פון די ווענט
ווי אויף אַ ווייס ליילעך,
אין טלית איינגעהילט
כ'זע די שאָטנס גלידערן זיך איין.

### בלויע זומער־נעכט

אין מיר וואַלגערט זיך דער חלום
אין אויסגעשטערנטע בלויע זומער־נעכט,
און מיין האַרץ שלאָפט איין בשלום,
פאַרשטילט פון לעבנס־געפעכט.

פאַרשטריך די ווערטער וואָס שטערן;
זיי זינקען אין די טיפן ווי אַ שטיין,
אין דינעם שפינגעוועב אין ווערן
און קרישלען זיך אונטער טריט אין גיין.

אויף זילבערנע אָפּגעטאָקטע בייטן
וועט אויפגיין די טרייסט
און יאָגן אין פיר זייטן
דעם דינעם שפינגעוועבס־גייסט.

### „ביי פרעמדע טירן"

אין גרויען חלל פון אָפּגיפרעמדטע נעמען
פאַרלירט מיין נאָמען דעם אלף־בית
און וואַנדערט אָן אַ נאָמען, אין די הייכן,
אַרומגענומען פון פיר זייטן.

אין צוזאַמענשטויס מיט אַ וועלט
אָן אַנדערער,
מעקט דער חלל אָפּ פון זיין זכרון
די מענטשן און נעמען אין זיין רשות.
זיי וואַלגלען ביי פרעמדזי טירן
אין צעשוווּמענעם אוניווערס אין גאַנג,
מיט אורמענטשן מיט פנימער פאַרשלייערט,
ווי בערג ליגן צווישן וואָלקנס
און גאָט קיניגט אויף זייער באַלטן.

דער הימל איז אַזוי נידעריק!
גייען אַרויס מלאכים אין ווייסן באַקלייד,
הייבן אויף דאָס דעקטוך פון זאַמד
און טראָגן עס אַריין אין רויטער שקיעה.

זינט יענער געטאָ־צייט האָט זיך אָנגעקליבן אַ רייכער לייען־מאַטעריאַל וועגן סוצקעווערן און לעפּטוויטש באַנוצט זיך מיט דעם זייער גרינטלעך — פּלוס זיין אייגענע איבערזעצונג פון אַ סך געקליבענע פּאָעמעס סוצקעווערס. זיין איינפאַכער סטיל, דער ביאָגראַפישער מאַטעריאַל און די גוטע איבערזעצונג פון די פּאָעמעס מאַכן דאָס בוך זייער אינטערעסאַנט און נייטיק סיי פאַר אונדזער אָפּגעפרעמדטער אינטעליגענץ, סיי פאַר דער ניט־יידישער וועלט בכלל. ס'איז כדאי די וועלט זאָל זיך באַקענען מיטן יידישן דיכטער און קעמפער אברהם סוצקעווער.

געוועזן אַמאָל אַ צייט ביי אונדז ווען איבערזעצונגען זיינען געווען זייער פּאָפּולער — איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש. היינט הערט מען גאָרניט פון אַזעלכעס. היינט איז דער פּראָצעס אַ פאַרקערטער — מען איבערזעצט פון יידיש אויף ענגליש אין אַמעריקע און אויף העברעיש אין ישראל. עס קען גריילעך זיין, אַז דאָס איז אַ סימן פון אונדזער ליטעראַרישער עשירות, וואָס לאָקערט אונדזערע י ו ר ש י ם. עס וואַקסט דער אינטערעס פון דער וועלט צום אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור: אַזוי פיל אייגנאַרטיקע יידישע ליטעראַרישע ווערק געשאַפן דאָ און דאָרט, איבער דער גאַנצער וועלט! קינד און קייט האָבן שוין געהערט פון אַזאַ אויסטערלישער וועלט ווי די —
*World of Sholem Aleichem*,
סיי פון ביכער סיי פון טעאַטער. און אויב אַמאָל איז שלום אַש געווען אַ „בעסט סעלער" איז היינט באַשעוויס־זינגער געוואָרן אַ „בעסט סיילער". מען דרוקט איבערזעצונגען פון אונדזערע גרויסע פּאָעטן, מען גיט אַרויס אַנטאָלאָגיעס, מען שרייבט דיסערטאַציעס אין די אוניווערסיטעטן און מען קריגט דאָקטאָראַטן אויף טעמעס אין שייכות מיט יידיש און יידישער ליטעראַטור.

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז שימעו שמים! — אין איינעם אַ נומער „קאָמענטאַרי" שרייבט העראָלד בלום, פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין יעיל אוניווערסיטעט, אַז קיינער פון די איצטיקע אָדער פריייִערדיקע יידישע אַמעריקאַנער פּאָעטן וואָס שרייבן אין ענגליש קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן וואָס שרייבן אין יידיש. ספּעציעל איז שטאַרק קענטיק דער פּאָעטישער איינפלוס פון משה לייב האַלפּערן און מאַני לייב אויף איינעם פון די בעסטע דיכטער, דזשאַן האָלאַנד. און אויב מען גרויסט זיך דאָרט מיט אַזעלכע פּראָזע־קינסטלער ווי סאָול בעלאָו, מעלאַמוד, אָדער נאָרמאַן מעילער, ווייסן מיר אָבער אויך אַז די בעסטע אַמעריקאַנער זשורנאַלן זיינען שטענדיק אָפן פאַר באַשעוויס־זינגער צו דרוקן זיינע אַן איבערזעצונג פון יידיש.

קורץ און גוט, די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַן ענין פון פּאָפּולערע און אַקאַדעמישע שטודיעס. איז דאָס געוויס אַ גוטער סימן פון אַ שטייגנדיקן אינטערעס צו אַלץ וואָס איז יידיש. און וואָס אייגנטלעך קען זיין מער יידיש ווי די יידישע ליטעראַטור? זי איז דאָך אַזוי פאָלקסטימלעך און מאָדערן, אַזוי הומאַניסטיש און נאַציאָנאַל, אַזוי פאַרוואָרצלט אין דער פאַרגאַנגענהייט ווי אין דער קעגנוואַרט, אַזוי אייגנאַרטיק און איינציק. טאַקע אַזוי ווי דאָס שיינט אַרויס פון סוצקעווערס פּאָעזיע.

נעמט למשל זיין פּאָעמע: „די בלייענע פּלאַטן פון ראָמס דרוקעריי", אָדער דאָס גרויסע מייסטערווערק „אין מדבר סיני" און זעט ווי טיף און אמתדיק אונדזערע אייביקע יידישע אידעען און נאַציאָנאַלע דערפאַרונגען ווערן קינסטלעריש באַהעפט און ווירקן ווי אַ לעבעדיקער עדות פון יידישער אייביקייט:

„מיר האָבן צעבויגן די נאַכטיקע קראַטן
און שטיל זיך געשאַרט דורך דער שטאָט,
דורך דער פריי,
אַהין, ווו עס וואַרטן אין בענקשאַפט די
פּלאַטן,
די בלייענע פּלאַטן פון ראָמס דרוקעריי.
מיר, טרוימער, באַדאַרפן איצט ווערן
סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גייסט פון
דעם בליי.

דאָס בליי האָט געבליכטן ביים אויסגיסן קוילן,
מחשבות — צעגאַנגען אַן אות נאָך אַן אות.
אַ שורה פון בבל, אַ שורה פון פוילן
געזאָטן, געפּליוצט אין דער זעלביקער מאָס.
די יידישע גבורה אין ווערטער פאַרהוילן
מוז אויפרייסן איצטער די וועלט מיט אַ שאָס."

איין גאָלדענער און פייערדיקער פּאָדזים ציט זיך פון די פייערדיקע אותיות ביי די עשרה הרוגי מלכות, ווען די רוימער האָבן פאַרברענט רבי חנינא בן תרדיון איינגעוויקלט אין פּאַרמעט פון אַ ספר תורה און דער פייער און פלאַם פון די אותיות האָט זיך געצויגן אין הימל; דורך די מיטלאַלטערלעכע אינקוויזיציעס ביז, ביז סוצקעווערס שורות — איין פייערדיקער פּאָדעם.

דאָס איז אין שענסטן גייסט פון יידישער גבורה און קדושה — פאַרוואַנדלען דאָס הייליקע וואָרט פון אמת און צדק אין פייער און ליכט, וואָרים ס'איז געווען אַ קאַמף קעגן אַ ווילדער בעסטיע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אומצובריינגען דאָס מענטשלעכע מין.

דער גורל האָט דעם פּאָעט געפירט דורך אַלע פערזענלעכע און נאַציאָנאַלע געפאַרן — אין דיזער געטאָ „געהיים שטאָט", אין די וועלדער מיט אַ ביקס קעגן נאַצי שונא, אויף דעם נירעמבערגער פּראָצעס ווי אַן עדות, אויף דער סכנותפולער שיף „פּאַטריאַ" קיין ישראל, אין דעם סיני קאַמף פון 1956 און שפּעטער אין דער זעקס-טאָגיקער מלחמה פון 1967 — אין אַלע פייערן געווען און אומעטום געהיט דאָס גיבגאָלד פון שעפערישן יידישן וואָרט און ווייטער געשאַפן. ער איז אַזוי ווי באַהערשט פון דער יידישער פּאָעזיע, פון אַן איבערלעבן יידישן געזאַנג. און ער קען ניט אַנדערש ווי נאָר שאַפן דאָס בעסטע.

לייענט זיין „אין מדבר סיני" און באַנעמט די שיינקייט:

. . . . . . . . . . . . . .

„אין מדבר סיני ווערט דיין אומה יינגער,
און דיין געבאָט, אין בלעטער פעלדז —
דיין פּינקס,
פאַרקריצן מיט אַ פייערדיקן פינגער —
סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס!

דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט בליט מיט בשמים
פון אַלע דורות דימענטענע ריינקייט.
דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט אַ באַשטראָם אים.
צעשמאָלצן ווערט איר שליטה אין זיין שיינקייט,
און איבער אים צוויי שטראַלנדיקע לייטערס —
און טריט, וואָס בלויז מען פילט זיי אויף די שטאַפּלען.
אַ קלאַנג...עס בלאָזן קופּערנע טרומייטערס.
אַ קלאַנג... און סנהן ווערן די שוואַרץ-אַפּלען.

. . . . . . . . . . . . . .

אַצינד איז דאָ די צייט פון מתן-גבורה.
די שטילקייט איז אַ תהום, אַ תהום פון בענקען.
און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע לייטערס,
אַ תפילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן,
ווי ס'וואָלט אין הארץ, ביים קלאַנג פון די טרומייטערס,
אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפן:
זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני — בלאָז אַוועק די שנאה,
פאַרשנייד אויף ס'ביי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!

. . . . . . . . . . . . . .

און פּלוצעם קומען אויפן באַרג די שטערן,
צונויפגעוואַנדערט פונקט ווי מיר פון גלות.
באַנומענע פון ליכט, מיר זעען, הערן:
די מענטשן ווערן איינס מיט די מזלות.

. . . . . . . . . . . . . .

לעפּטוויטש דערציילט, אַז ווען בן-גוריון האָט געלייענט אָט די פּאָעמע, זאָל ער האָבן זיך אויסגעדריקט: „אַ שאָד, וואָס עס איז ניט געשריבן געוואָרן אין העברעיש."

נו, געוויס וואָלט סוצקעווער „געקענט" דאָס שרייבן אין העברעיש. שאַפן עכטע פּאָעזיע איז אָבער ניט קיין מעכאַנישע מלאכה. סוצקעווער האָט געקענט העברעיש נאָך איידער ער איז עולה געווען קיין ישראל, ער קען אויך רוסיש. פון דעסטוועגן ווען מען האָט אים אין מאָס-

קווע פאָרגעשטעלט פאַר סטאַלינס רעכטע האַנט, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, אין שייכות מיט זיין עדות זאָגן אויף דעם נירעמבערגער פראָצעס און קאַגאַנאָוויטש האָט אים געבעטן צו דערציילן פון זיין, סוצקעווערס דערפאַרונג, האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז אויף אַ נאַטירלעכן אופן איבערגעגאַנגען פון רוסיש אויף יידיש. פאַרוואָס? ניט דערפאַר וואָס עס האָט אים אויסגעפעלט לשון אָדער ער האָט דעמאָנסטראַטיוו געוואָלט רעדן יידיש מיט קאַגאַנאָוויטשן, ניין. די יידישע ווערטער זיינען געקומען ממעמקים און ניט ווי אין אַ געשפּרעך מעניני דיומא.

דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אויפן פּראָצעס גופא.

קען עס דען זיין אַנדערש ווען עס קומט פון דער טיפעניש? סוצקעווער באַטראַכט יידיש און העברעיש ווי די צוויי אויגן פון יידישן לעבן. נעמט אַרויס איין אויג און מען ווערט בלינד אויף איין אויג. זעט ער זייער קלאָר אויף ביידע אויגן און איז בכוח צו פאַרוואַנדלען זיינע פּאָעטישע וויזיעס אין קלאָרע, טיפע ווערק פון אמתער יידישער קונסט. די פּערזענלעך דורכגעלעבטע דערפאַרונגען ווערן ביי אים אויף אַ זייער נאַטירלעך פרייען אופן צונויפגעגאָסן מיט זיין רייכן און טיפן וויסן פון אַלץ וואָס איז יידיש, וואָס איז מענטשלעך, וואָס איז שיין און ערלעך. זיין פאָלק רעדט אַרויס פון אים און עס הערט זיך צו צו זיין קול און עס דערקענט זיך אין זיין געזאַנג; זיין געפיל ווערט געלייטערט, זיינע ליידן קריגן אַ זין און איז גרייט נאָך אַמאָל צו ענטפערן, ווי אַמאָל, נאָר דאָס מאָל אין דער שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, נעשה ונשמע!

יוסף לעפטוויטש, דער מחבר פון בוך, שטאַמט פון האָלאַנד און לעבט אין ענגלאַנד. ביי דער דאָרטיקער יוגנט איז שטאַרק באַליבט דער פראַנצויזישער בעלעטריסט און פילאָסאָף זשאַן פּאָל סאַרטר. סאַרטר האָט ערגעץ געשריבן, אַז יידישע עכטקייט, אויטענטישקייט, איז אָפּהענגיק פון דער זעלבסט־אַקצעפּטירונג פון דער געירשנטער אידענטיטעט. אַנסעסטראַל אידענטיטי. אויף דעם האָט סידני הוק, פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע און באַקאַנטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער פון יידישער אָפּשטאַמונג, געענטפערט מיט די אַלטע אויסגערונענע טענות, אַז יעדער יחיד איז מכלומרשט פריי אַליין צו באַשטימען זיין פאַקטישע אָנגעהעריקייט — צי ער וויל זיך אידענטיפיצירן מיט זיין ביאָלאָגישן פאָלק אָדער מיט אַן אַנדער פאָלק, צי ער וויל ווערן אַ קולטור־יורש פון דעם גריכישן פילאָסאָף סאָקראַטעס אָדער פון דעם מיטלאַלטערלעכן קאַטוילישן טעאָלאָג טאָמאַס אַקוויניאַס, צי ער וויל ווערן אַ בירגער פון איין לאַנד אָדער אַן אַנדערן. עס איז, הייסט עס, בלויז אַ פראַגע פון פרייען אויסוואַל. גאָר פּשוט. קלאָר, אָן ספקות, אָן קאָפּווייטיק פון פאַקטישער ירושה.

ניטאָ קיין צווייפל, אַז אַ סך אינטעלעקטואַלן, שרייבער וואָס שטעקן מיט ביידע פיס צי מיט בלויז איין פוס, פרייוויליק צי ניט, אין דער יידישער וועלט, מאַטערן זיך אַרויסצורייסן פון זייערע אייגענע דלד אַמות און זיי מיינען טאַקע אַז מען קען, מען דאַרף בלויז וועלן. נאָר דער ריינער אמת איז, אַז קיין מענטש קען אַליין זיך ניט „אויסקלייבן" אפילו דאָס לאַנד פון זיין בירגערשאַפט אָדער די קולטור פון וועלכער ער וויל ווערן אַ יורש. קיין עכטער דיכטער קען ניט אויסקלייבן זיין טראַדיציע וואָס ער וואָלט געוואָלט איבערנעמען און אָפּהיטן. עס איז גראָד פאַרקערט — אַזוי ווי די השגחה, די טראַדיציע, וואָלט „אויסגעקליבן" דעם יורש. ירמיהו הנביא, יונה הנביא און אַלע גרויסע דיכטער האָבן שטענדיק אָנגעוויזן אויף זייער גורל צו ווערן, קעגן זייער אייגענעם פרייען ווילן, גאָטס שליחים, די געזאַלבטע דיכטער און קולטור־שעפער, אַז די פרייד און די פּיין פון זייער פאָלק, פון זייערע אָבות, זאָל פון זיי „אַרויסשרייען".

אברהם סוצקעווער האָט „אַליין" ניט אויסגעקליבן זיין גורל צו זיין אומעטום ווו זיין פאָלק איז געווען — אין סיביר, „אין געהיים שטאַט", אין די וועלדער, אין נירעמבערג, אויף דער זינקענדיקער „פּאַטריאַ"־שיף, אין מדבר סיני. ער האָט אָבער יאָ אויסגעקליבן פרייוויליק זיך צו אידענטיפיצירן מיט זיינע אָבות, מיטן

# מלכה חפץ־טוזמאַן ע"ה

דעם 30טן מערץ הײַנטיקס יאָר איז אַוועק פון אונדז די באַוווּסטע דיכטערין מלכה חפץ־טוזמאַן. מיט איר טויט האָט די ייִדישע ליטעראַטור פאַרלוירן אַן אָריגינעלע שעפערין, וואָס האָט באַרײַכערט די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּאָעזיע מיט נײַע פאָרמען און אויסדרוקן. זי איז געווען איינע פון אונדזערע אָריגינעלסטע דיכטערינס, וואָס איז בײַ איר גאַנצן מאָדערניזם געווען טיף פאַראַנקערט אין דער ייִדישער פאָלקס־טראַדיציע.

מלכה חפץ טוזמאַן האָט אַ צײַט געלעבט אין לאָס־אַנדזשעלעס און, הגם זי האָט די לעצטע יאָרן פאַרבראַכט אין בוירקלי, קאַליפאָרניע, איז זי מיט פיל פֿיזים געווען פאַרבונדן מיט אונדזער שטאָט, און מיר האָבן זי דאָ באַטראַכט ווי אַן אייגענע. האָט טאַקע איר טויט אַרויסגערופן טרויער און ווייטיק אין דער היגער ייִדישער קולטור־סביבה.

דעם 6טן יוני ד.י. האָט דער ייִדישער קולטור־קלוב אײַנגעאָרדנט אַן אָוונט געווידמעט דער דיכטערינס אָנדענק. דעם פאָרזיץ האָט געפירט משה כהן. וועגן מלכה חפץ־טוזמאַנס לעבנס־און שאַפונגס־וועג האָבן גערעדט סערגיי נוטקעוויטש, לילקע מײַזנער און משה שקליאַר. פון אירע שאַפונגען האָט מיט פיל האַרץ און טאַלענט פאָרגעלייענט יעקב לעווין.

משה שקליאַר האָט דערמאָנט מלכה חפץ־טוזמאַנס ליד געווידמעט דער דיכטערין רחל קאָרן, אין וועלכן זי האָט געשריבן: „דו ווייסט דאָך שוין פון פריער ווי מען טראָגט אַ קרוין. / ס'פּאַסט דיר."
— און ער האָט געזאָגט: אויך איר האָט געפּאַסט די קרוין. די קרוין פון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג. זי האָט זי כשר פאַרדינט מיט איר גאַנציער שאַפונג. און ס'איז שווער, זייער שווער זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז זי איז שוין מער נישטאָ צווישן אונדז, מלכה טוזמאַן, אַז זי וועט אונדז שוין קיין מאָל מער נישט באַשענקען מיט אירע לידער, וואָס האָבן אַלע מאָל געאָטעמט מיט פרישקייט, מיט יונגשאַפט און קלוגשאַפט; וואָס האָבן אַנטפּלעקט פאַרן לייענער נײַע וועלטן — ביז גאָר אינטימע און ביז גאָר קאָסמישע . . .

מיט באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָבן די פאַרזאַמלטע פרײַנד און פאַרערער פון דער דיכטערין אויסגעהערט די באַליבטע לעקטאָרין שרה ליינער, וועלכע האָט פאָרגעלייענט אַ בריוו־אויסטויש צווישן איר און מלכה חפץ־טוזמאַן.

(מ.)

---

גורל פון זײַן פאָלק און זײַן קולטור־טראַדיציע. און ווײַל ער איז נאָך דערצו, פריער פון אַלץ, טאַלאַנטפול, אַ שעפערישער פּאָעט, איז ער עכט, אויטענטיש און גרויס ווי אַ ייִדישער דיכטער.

יוסף לעפטוויטשעס בוך וועגן אברהם סוצקעווער איז דעריבער אַ גרויסער צושטײַער פאַר די וואָס ווילן הייבן דעם ווערט און אָנזען פון דער ייִדישער ליטעראַטור בײַ אונדזער אָפּגעפרעמדטער אינטעליגענץ. גלײַכצײַטיק איז דאָס אויך אַ געווינס פאַר אונדז אַלע, וואָס האָבן ליב די ייִדישע ליטעראַטור. עס איז אַ גוטער אָנהייב און מוסטער פאַר ענלעכע ביכער, וואָס וועלן בקרוב דאַרפן דערשײַנען כדי נאָכצוקומען דעם שטײַגנדיקן אינטערעס פון דער יוגנט, וואָס כאַפּט אַ לעק און אַ שמעק אויף די ספּעציעלע קאַלעדזש־קורסן פאַר ייִדיש. עס איז אַ גוט ייִדיש בוך אין ענגליש.

*) צום ערשטן יאָרצײַט פונעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פון „חשבון" זלמן שלאָסער ז"ל, וועמענס בײַטראָג צום זשורנאַל, ווי בכלל צום ייִדישן קולטור־לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, וועט אויף שטענדיק פאַרבלײַבן אין אונדזער זיכרון, דרוקן מיר איבער זײַן עסיי וועגן ענגלישן בוך פון יוסף לעפטוויטש איבער דער שאַפונג פונעם גרויסן ייִדישן דיכטער אברהם סוצקעווער.

רעד.

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# אַלעק גינעס: אַן אויטאָ־ביאָגראַפיע *)

אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך באַוויזן אויפן ביכערמאַרק זייער אַ סך אויטאָ־ביאָגראַפיעס פון אַקטיאָרן אויף דער בינע און אין פילם. זיי אינטערעסירן מיך גאַנץ ווייניק, מחמת איך ווייס, אַז זיי ווערן פּראָדוצירט מיטן פאָרויס־באַשטימטן ציל — דורך פּיקאַנטע סענסאַציעס, ווער מיט וועמען עס האָט אין די ייִנגערע יאָרן אַרומגערודערט — צו ווערן בעסטסעלערס.

ווי ביי יעדן כלל זייַנען דאָך דאָ אויך געוויסע אויסנאַמען, און איינער פון זיי איז אַלעק גינעס. זיין בוך מיידט אויס נישט נאָר די וווּלגאַרע קיבעצאַרניע־אַנעקדאָטן, נאָר אויך אפילו צו דערציילן וועגן זיך, וואָס קען נאָר האָבן אַ שמץ פון באַרימעריי.

עניוות איז דער הויפּט־שטריך, די תוכי־קיי, בולטע פיזיאָנאָמיע פון זיין כאַראַקטער און אויך פון זיין בוך, וואָס איז מלא וגדיש מיט לויב (און פאַרגינערישקייט) לגבי קאָלעגן, און נאָר אויפן שפּיץ גאָפּל וועגן זיך.

קודם, רעדט ער נישט בלשון א י ך נאָר ווי וועגן דריטן פּערזאָן, וועלכן ער רופט „עגאָ", און מיט אַזאַ ענוותדיקייט באַמערקט ער וועגן זיין פּערזאָן:

„ער איז לגמרי נישט שטאָלץ מיט זיך, מיט זיינע דערגרייכונגען... דעריבער איז ער קיין מאָל נישט זיכער ווי אַזוי זיך פאָרצושטעלן, ווער ער איז, אָדער וואָס ער וויל זיין ווירקלעך. ער איז אַמביוואַלענט צו דער ליכטראַמפּע, הגם אין זיין נשמה איז דאָ די גאַרונג צו ווערן אַ קינסטלער אויף אַ געוויסן אופן, אָבער (אין דער ווירקלעכקייט) איז ער דאָך נאָר אַן אַקטיאָר — וואָס איז געווען דער חלום פון זיין יוגנט און זיין פּרנסה במשך פון אַ 50 יאָר צי מער.

אַן אַקטיאָר... איז דאָך נאָר אַן אינטערפּרעטאַטאָר פון ווערטער פון אַנדערע מענטשן, און אַ מענטשלעכע נשמה וויל דאָך זיך אַליין אויך אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט, אָבער וואַגט עס נישט צו טאָן. (אַן אַקטיאָר) איז אַ בעל־מלאכה מיט אַ קוישל מיט טריקן... אַ קילער אָבסערוואַטאָר פון דער מענטשהייט. אַ קינד, אויפן בעסטן אופן, אַ מין נישט־אָפיציעלער פּריסט, וואָס (קען) דורך אַ שעה צי צוויי רופן דעם הימל און גיהנום (צו העלפן אים) היפּנאָטיזירן אַ גרופּע אומשולדיקע."

איך האָב געהאַלטן פאַר נייטיק צו ברענגען אַן אויסצוג (פאַרקירצט) פון דעם שטאַרק סאָפיסטיצירטן סטיל און אינטעלעקטועלן אַריינדרונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מענטש, דעם שרייבער און אַקטיאָר, אַלעק גינעס.

אָבער איידער איך טרעט צו ווייטער צו זיין בוך ווי איך ציטירן עפּעס פון אַ טאָגבוך, וואָס אַ יידיש מיידל פון אַן אָרטאָדאָקסישער היים האָט געפירט, און זי האָט געשפּילט די ראָל פון דזשעסיקאַ („דער סוחר פון ווענעדיק") אונטער דער רעזשי פון אַלעק גינעס, וואָס האָט אַליין אויסגעשפּילט די ראָל פון שיילאָק און ביים שיקן אים אַ בריוועלע אָנגערופן אים טאַטע, און ער צו איר — מיין טאָכטער דזשעסיקאַ. אָט איז אַן אויסצוג פון איר טאָגבוך:

זי דערציילט, אַז בעת די פּראָבעס איז פאָרגעקומען אַ מיינונגס־אויסטויש, צי דאַרף מען נאָכן אומברענגען מיליאָנען יידן דורך דעם היטלעריזם, ענדערן דעם טעקסט פון דער אויפפירונג? זי שרייבט: „גאַרלאַנד איז געווען קעגן ענדערן דעם טעקסט. ער ווייסט, אַז די פּיעסע איז נישט פריי פון אַנטיסעמיטיזם, אָבער די אויפפירונג דאַרף עס נישט קאָמענטירן. מען דאַרף לאָזן די סתירות פריי אַרויסקומען."

די יידישע אַקטריסע גיט צו איר אייגענע באַמערקונג, אַז „שעקספּיר האָט זעט אויס אַריינגעלייגט ראַסיסטישע קאָמענטאַרן אין מויל פון דער אַדוואָקאַטין, אָבער ער ווייזט דאָך אויך אַז זי איז אַ

*) "BLESSINGS IN DISGUISE" *by* Alec Guiness, Knopf, 338 pp.

היפּאָקריט, און די פּיעסע איז אין תּוך
ווײַגן ראַסיזם בכלל און אַנטיסעמיטיזם
איז נאָר פון דעם אַ באַשטאַנדטייל.״ זי
שילדערט ווי אַלעק גינעס איז געקומען
צו די רעפּעטיציעס פון זיין ראָל (שײַלאָק)
מיט אַ יאַרמלקע, וואָס האָט אים געמאַכט
אויסזען, ווי איר טאַטע ביים גיין אין שול
אַריין דאַווענען. ער האָט עס טאַקע גענו־
מען ערנסט און ב״ית די פּויזעס דערציילט
פאַרן אַנסאַמבל די געשיכטע אין חומש
וועגן לבן און יעקב, צו טיילן זיך מיט
זיין וויסן פון אַלטן טעסטאַמענט מיט די
עם־אַרצישע אַקטיאָרן.

זי באַמ״רקט, אַז אַלעק גינעס, ווי פיל
אַנדערע פון זיין דור, איז ביי זיינע 48
יאָר איבערגעגאַנגען פון פּראָטעסטאַנטיזם
צום קאַטאָליציזם, אָבער דאָס האָט נישט
געהאַט קיין שייכות צו זיין אויפפאַסונג פון
דער שײַלאָק־פיגור. ער האָט באַשולדיקט
די ראַסיסטישע געזעלשאַפט וואָס האָט
אים אַזוי גרויזאַם באַהאַנדלט, אַז ס׳האָט
געמוזט אַרויסרופן זיין האַס קעגן דער
היפּאָקריזיי; פון דער אַזוי־גערופענער
„קריסטלעכער רחמנות“.

וועגן אַנטאָניאָ האָט אַלעק גינעס גע־
מאַכט אָט די כאַראַקטעריסטישע באַמער־
קונג: „איך האַס אים, ווייל ער איז אַ
קריסט.“ דאָס האָט דאָך ביי אים באַטייט,
באַמע״רקט זי, אַז דער אָרנטלעכער, סאָלי־
דער בירגער פון ווענ״ציע, איז אויך אַזוי
שטאַרק דורכגעלעכערט מיט שינאה צו
אַ באַשטימטער ראַסע. זי דערציילט, אגב,
ווי אַזוי זי האָט איר ראָל אַלס דזשעסיקאַ
אויסגעשפּילט: אַ קינד וואָס האָט דורכ־
געלעבט רעפּרעסיעס און עס דורכגע״מאַכט
אין אַן איזאָלירטער סביבה (געטאָ) און
איר אַנטלויפן פון פאָטערס הויז איז אַ
רעזולטאַט פון איר ליידנשאַפט. זי האָט
נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג צווישן
די צוויי עקסטרעמע אויסוואַלן, וואָס זי
האָט ג״האַט פאַר זיך.

פון איר טאָגבוך איז בולט קענטיק אירע
אייגענע פאָרבאַהאַלטן ביים דאַרפן שפּילן
שײַלאָקס טאָכטער, דזשעסיקאַ, וואָס אַנט־
לויפט פון פאָטערס הויז מיט איר קריסט־
לעכן געליבטן, באַרויבט דעם טאַטנס
געלט און צירונג און שווערט צו ווערן
אַ קריסטין. די יידישע אַקטריסע, דערצויגן
אין אַ רעליגי״זער היים, האָט זיך, ווי מען
זעט פון איר טאָגבוך, געראַנגלט מיט איר
ראָל און, מסתּמא, בעת די רעפּעטיציעס
געשמועסט מיט גינעסן וועגן די יידישע
רעליגיעזע טראַדיציעס, קושן אַ ספר וואָס
איז אַראָפּגעפאַלן אויף די״ ערד אַזוי אויך
ווען ס׳איז אַראָפּגעפאַלן זיין יאַרמלקע (?)

זי האָט אים דערציילט וועגן דער מזוזה
ביי דער טיר, וואָס מען קושט ביים אַריינ־
גיין און אַרויסגיין פון הויז. די אידעע איז
אים אַזוי שטאַרק געפאָלן געוואָרן, אַז ער
האָט גלייך אָנגעקלאַפּט אַ מזוזה ביי זיין
הויז און קושט זי יעדן מאָל ווען ז״ר גייט
אַדורך די טיר.

פון אירע פאַרצייכענונגען איז כדאי צו
דערציילן וועגן דעם פריקרען פאַל ביים
שפּילן, בעת דער געריכט־סצענע, וואָס
האָט גינעסן און דעם אַנסאַמבל שטאַרק
פאַרדראָסן. דער ז״ולם אין זאַל, וואָס האָט
אויסגעזען צו זיין אַ מער סאָפיסטיציר־
טער, האָט זייער שטאַרק געלאַכט בעת
שײַלאָקס דערנידערונג. דער יידישער
אַקטריסע (איר נאָמען איז אגב לעזלי אוד־
ווין) האָט געדריקט ביים צוקוקן זיך צום
געלעכטע״ר אין זאַל, און דאָס, נאָכן שווי־
דערלעכן „האָלאָקאָסט“ פון אייראָפּעישן
יידנטום. וויזט אויס, אַז שע״קספּירס ביי־
סיקע סאַטירע אַרויסגעבראַכט פון שײַ־
לאָקס מויל וועגן דער שינאה צום עם עולם
האָט נישט באַווירקט אויך נאָכן חורבן
דעם קריסטלעכן עולם צו ענדערן די באַ־
ציונג צו יידן, לויט דער „קריסטלעכער
רחמנות“־מאָראַל...

ווייל איך פאַרענדיקן מיינע פאַרצייכע־
נונגען פון דער יידישער אַקטריסע וועגן
גינעסן — און איך באַטראַכט ז״ס נישט
דאָ ווי אַ דיגרעסיע, נאָר ווי אַ דערגאַנ־
צונג צו זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע — ווען זי
האָט אים געשיקט אַ ווינטשקאַרטע מיט
אַ ברכת כהנים אין העברעיש, און עס
איבערגעזעצט אויף ענגליש. אַדרי״סירט
האָט זי אים מיט — „טייערער פאָטער“
(לויט זייערע ראָלן אין שײַלאָק). ער האָט
איר גלייך געענטפערט מיט אַ שיינער
קאַרטע און זיך אונטערג״שריבן: „דיין
פאָטער“. דאָס גיט אויך צו אַ שטריך צו
זיין אימאַזש.

* * * * *

אלעק גינעס האט אין זיין לעצטנס דערשינענעם בוך וועגן זיין לעבן און שאפן — צומווינציקסטנס דערציילט וועגן זיך גופא. דאס איז געווען באוווסטזיניק, צו באווייזן, אז ער האלט דיים בעל־דבר עגא אונטער א שטרענגער קאנטראל, צו וויסן זיין ארט און נישט ארויסשפרינגען מיט א זאך וואס דארף פארבלייבן „אונטערן שטעדצל". ער האט מער אכט געלייגט אויף, וואס פאר א ראל און ווייניקער, ווער האט זי געשפילט. אבער דאס איז נאר לגבי זיך, מחמת לגבי קאלעגן־אקטיארן גיט ער מיט א ברייטער האנט לויב דעם וואס האט עס כשר פארדינט.

עס איז אויך דא א געוויסע פאנאנדערטיילונג — און נישט נאר ביי אים — וועגן דעם אונטערשייד צו שפילן אין טעאטער, אדער אין א פילם, און פאר טעלעוויזיע, וועלכע האבן גורם געווען צו פארקלענערן די קאנדידאטן פאר דער בינע. היות די טעלעוויזיע און ווידיא זענען אריין אין אונדזערע שטיבער און געווארן תושבים, צי עס געפעלט אונדז יא אדער נישט, איז כדאי צו ציטירן דעם באוווסטן אקטיאר פונעם בעסערן שוישפיל, פאול סקאפילד, וועגן פילם און לעבעדיקן טעאטער. ער זעט די הינטערשטעליקייט פון קינא לגבי דער בינע, מחמת די פילמען פון קוואליטעט האבן לרוב א שלעכטע קאסע...

סקאפילד האט אין אן אינטערוויו אין לאנדאן זיך אפגעשטעלט אויף דער שווערער דילעמע, וואס שטייט פארן בעסערן ארטיסט, צי שפילן אין טעאטער אדער אין פילם. איך ציטיר אים: „אדער דו קלייבסט אויס נישט צו מאכן קיינע קאנצעסיעס און וויסן, אז מען שפילט פאר א קלענערן עולם; אדער גייסט אויף דעם וועג פון לייכטן ווידערשטאנד און פארענדיקסט מיט זינקען אין פלאכער מיטלמעסיקייט. אנדערש ווען דו שפילסט אין לעבעדיקן טעאטער און שפילסט אין ראלן אין וועלכע מען דארף גוט מעיין זיין, ווי אזוי זיי צו באהאנדלען. טוסט דאס, וואס דו טראכסט אז ס'איז די בעסטע זאך, וואס דו האסט ווען ס'איז געמאכט. עס פארשווינדן נאך א פאר וואכן און די זאך ווערט אראפגענומען מיט א דעפיציט און מאכסט שלום דערמיט"... אט דער ויתרוצצו שטייט דאך פארן בעסערן אקטיאר כסדר אויף זיין סדר היום, און ער ראנגלט זיך מיט דער דילעמע (ווו אין חשבון גייט דאך אויך אריין: פרנסה).

איך וואלט געקענט אנרופן א צעטל מיט נעמען פון אויסגעקלונגענע פילם־אקטיארן און אקטריסעס, וואס האבן מסתמא זיך אליין געשעמט צו קוקן אין די אויגן אריין, נאכן שפילן אין פילמען, וואס האבן נישט פארשאפט קיין כבוד דעם קינסטלער. געציילטע זאגן זיך אפ פון „גאלדענעם קאלב"־איינקונפט, אבער וויפל זענען זיי? (אנומלט געלייענט פון גלענדא דזשעקסאן, אז זי וויל זיין ערלעך צו זיך אליין, דעריבער ווארפט זי אפ ראלן, בעסער, זאגט זי, שפילן נישט אפט, ווי איינשמירן זיך דעם פנים.

אוודאי זענען פאראן, ווי ביי יעדן כלל, אויסנאמען פון קוואליטעט־פילמען, אבער זיי האבן ס'רוב נאר א געקליבענעם עולם, נאך א מיעוט פון דער קינא־אודיטאריע. אט ווערט אין דער אויסלענדישער פרעסע געלויבט ד אויסגעשפילטע ראל פון פאול סקאפילד אין פילם „1919. זיין שוישפיל ווערט אויסגעטיילט, אבער דער פילם בלייבט אומפארמיידלעך נאר פאר א מינאריטעט עולם. עס איז נישט עפעס פארן גומען פונעם רוב קינא־גייערס. איך האב נאך לעת עתה דעם פילם נישט געזען, דעריבער וועל איך שטעלן דא א פונקט.

אלעק גינעס האט געשפילט ראלן אין איבער זעכציק אויפפירונגען אויף דער בינע און איבער פערציק — אין פילמען (א חוץ אויף טעלעוויזיע). ער איז נישט בלויז א טאלאנטירטער אקטיאר נאר אויך א סאפיסטיצירטער אינטעלעקטואל, וואס איז באשאנקען געווארן מיט א גאלדן הארץ — און דאס קענטיקט זיך אין דעם אופן ווי אזוי ער באהאנדלט אין זיין בוך די אלע וואס האבן אים משפיע געווען במשך פון זיין לאנגער ארטיסטישער קאריערע, איבער א האלבן יארהונדערט. ער איז לויט זיין נאטור א שמח בחלקו, נישט נאר דערפאר וואס ער האט ביי פילמען געמאכט אן אוצר מיט געלט, און זיין נאמען איז בארימט אין דער וועלט, נאר בעיקר וואס ער האט נישט קיין טענות

צו גאָט און צו לייט. ער שרייבט: „איך טראַכט, אַז מ'דאַרף אַקצעפּטירן דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז. דאַרפסט נישט טראַכטן, אַז ס'האָט געקאָנט זיין אַנדערש" ווען... — — —

ביי זיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר האָט ער געלעבט מיט דער זעלבער פרוי מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט בערך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, בעת די אויסגעקלונגענע נעמען פון זיין פּראָפעסיע האָבן צום ווינציקסטן שוין אַ זעקס מאָל געטוישט. ער זאָגט: „רעטראָספּעקטיוו קוקט מען צוריק און מיין טראַכט, ווי גוט וואָלט געווען ווען מען קען איצט אָנהייבן אויף ס'ניי, האָבנדיק די איצטיקע רייכע לעבנס־דערפאַרונג, ווו צו געפינען דיין אָרט, ווייסנדיק שוין וווהין מען גייט...

„איך האָב באמת תמיד געהאַט אַ צופרידן לעבן, הגם כסדר געווען אין באַוועגונג, האָב איך יורשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָלט פאַראַנקערן ביי זיך אין דער היים." ער איז קאַרג אויף ווערטער ביים דערציילן פון זיך, בפרט וועגן זיינע אומפאַרגעסלעכע קרעאַציעס, ווי: פּולקאָווניק ניקאָלסאָן, אין „די בריק ביים טייך קוואַי", צו דערמאָנען נאָר איין ראָל זיינע, פון אַ לעגיאָן קאָנטראַסט־כאַראַקטערן, ווי פייגין („אָליווער טוויסט"), הערבערט פּאַקעט („גרויסע דערוואַרטונגען") און אַ גאַלעריע געשטאַלטן: דיזראַעלי, פרויד, האַמלעט, צעזאַר, ראָמעאָ, היטלער, און נאָך און נאָך.

זיין ערשטע ליבע איז געווען און פאַרבליבן טעאַטער. אָבער די פילמען האָבן געצאָלט די רעכנקעס, פלוס. (איך האָב ערגעץ געליינט, אַז ביי אַ געוויסן פילם [„סטאַר וואָרס"] זאָל ער האָבן געמאַכט איבער צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר, בעיקר פון די ברוטאָ־פּראָצענטיר וואָס ער האָט באַקומען).

אָבער ווי עס גייט צו אין לעבן, קומט די עשירות צו שפּעט. און ער גיט איבער אין קורצע שטריכן אייניקע קאַרגע ביאָגראַפישע פרטים וועגן זיינע עלטערן און שטיף־פאָטער.

ער איז געווען אַן איינזאַם קינד, אַלט געווען נאָר פינף יאָר בעת זיין מאַמע האָט נאָך אַמאָל געהייראַט. פּיקאַנט איז, וואָס ער דערציילט וועגן זיין טאַטנס פאַמיליע־נאָמען, גינעס. ער האָט געמיינט אַז ס'האָט אַ שייכות צו דער רייכע משפּחה, די גינעס, פון וועלכער ער זאָל שטאַמען. איצט ווייסט ער דעם אמת, אַז בעת דער קעניגין וויקטאָריע איז געווען אַ מינהג „אויסצובאָרגן" זיך אַ נאָמען פון אַן אָנגעזעענער משפּחה.

ער דערציילט: „איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ צומישטקייט און אַ סך יאָרן געווען אין דעם איינגעטונקען איבערן קאָפּ. ביז 14 יאָר געהאַט דריי פאַרשידענע נעמען, און אויף מיין געבורט־מעטריקע שטייט: אַלעק גינעס דע קופּפע (זיין מאַמי האָט געהייסן אַגנעס דע קופּפע). געלעבט האָבן זיי אין עטלעכע צענדליק „האָטעלן", אַכסניות, און פלעטן, און יעדער פון זיי האָט מען גערופן „היים". געווינטלעך פלעגט די מאַמע מיט אים אַנטרינען ווערן באַצייטנס פון יעדער „היים", איבערלאָזנדיק אַ מאַסע נישט־באַצאָלטע חשבונות...

ער דערמאָנט מיט שבחים די אַלע עלטערע אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט וואַרעמקייט זיך באַצויגן צו איר אין זיינע לערניאָרן אויף דער בינע. בעיקר הייבט ער אַרויס אידיט איוועַנס און דזשאַן גילגוד. ער שרייבט וועגן זיי מיט אַ סך צאַרטקייט פאַר דער אויסערגעוויינטלעכער גרויסהאַרציקייט, וואָס זיי האָבן אים אַרויסגעוויזן. ער אילוסטרירט עס מיט ביישפּילן, ביים אָנהייב פון זיין קאַריערע.

זייענדיק גוט באַקאַנט מיט די אינוויינדאָס, קינאה־שינאה, וואָס גייט אָן אין דער אַקטיאָרישער און שרייבערישער סביבה (און איך האָב עס ברייטער געשילדערט אין מיין בוך: „צוריקגעקומען צום שורש", צווישן דאָסטאָיעווסקין און טורגעניעוון, אָפּגערעדט שוין פון קליינע קאַרליקעס וואָס ווילן זיין גרויס), האָב איך אין די פאַרצייכנונגען פון אַלעק גינעס געזוכן דעריבער די שענערע זייט פון אָט דער גרויסהאַרציקער באַציונג, וואָס מען באַגעגנט ליידער אַזוי זעלטן אין לעבן.

אין מיין זכרון האָט זיך תמיד איינגעקריצט פון ביאָגראַפישע פּאָרטרעטן עפּעס וואָס איז דויערהאַפטיק און מיט אַ פּערספּעקטיוו פון אַ דריי דימענסיעס. אַ מענטש

קען מען דערקענען סיי פון דעם וואָס ער אַליין דערציילט וועגן זיך, און וואָס אַנדערע זעען ביי אים. אַוודאי זייַנען נישט אַלע אויטאָ־ביאָגראַפיעס (און ביאָגראַפיעס) גלייך. פאַראַן אַזעלכע וואָס כ'האָב ביים לייענען געשפּירט ווי איך הער דעם פּולס און זע דאָס אָפן האַרץ און אָפענעם מוח, און ביים לייענען זיי — ווי דו וואָלסט איצט געהערט אַליין די מחשבות וואָס גייען אָן אין אָפענעם מוח פון דעם שרייבער.

דער ביאָגראַף און אויטאָ־ביאָגראַף דאַרף תמיד האָבן פאַרן אויג דעם אָפּקלייב פון דעם וואָס האָט אַ מער פאַרבלייבנדיקן ווערט, און איז פאַר־זיך־גופא, מער אָדער ווייניקער שלימותדיק.

לעבנס־פּאַסירונגען, וואָס ווייטער מיר רוקן זיך אָפּ פון זיי אין צייט און שטח — אַלץ מער בולטער זעען מיר זיי אין יאָרן שפּעטער מיט אַ גרעסערער קלאָרקייט, ווי בעת זיי זענען דאַן געשען, עפּעס ווי די צייט גופא וואָלט פאַר אונדז עס געטאָן, אַרויסצוברענגען דאָס וואָס האָט געהאַט אַמאָל פּאַסירט, אין אַ ליכט וואָס פאַרגייט נישט, מחמת צייט האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף דעם.

אָט די מעדיטירונגען זענען נישט קיין דיגרעסיע, מחמת זיי האָבן אַ שייכות צו אַלעק גינעסיס בוך, וואָס פאַרשאַפט דעם לייענער אַ טאָפּלטע הנאה סיי פון דער ליכטקייט פון זיינע אינטאָנאַציעס, סיי וואָס זיי זענען באַשטראַלט מיט צאַרטקייט, ווייכקייט, לירישקייט, אַרום די פּראָפיל־שטריכן פון דעם און יענעם גרויסן נאָמען אין דער טעאַטער־וועלט. דאָס אַליין איז דאָך שוין גוט, און ס'איז נאָך בעסער ווען עס ווערט ביי אים באַגלייט מיט אַ סיסטעם פון אַן עטישן יסוד פון באַשטימטע הומאַנישע ווערטן, פון קולטור און שטייגערישקייט.

גינעס האָט גוט געזען מענטשלעכע שוואַכקייטן און ער פאַרצייכנט עס מיט אַ געצוימטן זאָג. אָט, למשל, האָט זיך פאַר זיין ראָל אין פאַלקאָווניק ניקאָלסאָן באַקומען אַן „אָסקאַר". אין דער סטודיע האָט קיינער עס אים נשט דערציילט. ערשט פאָרנדיק אין אַ טעקסי, האָט ער זיך דערוווּסט פון דעם שאָפער. אַן אַנדער פאַל: דער רעזשיסאָר ל י ן האָט גלייך דעם ערשטן טאָג פון די רעפּעטיציעס אים אַ שטאָך געטאָן, אַז די ראָל האָט ער געוואָלט געבן צו טשאַרלס לאָטען. דאָס איז געווען ביי אים אַ מעטאָד פּלאַטשיק צו מאַכן מענטשן, כדי ער זאָל קענען אויספירן זיינס, מ'זאָל נישט וואַגן זיך קעגנשטעלן.

ער איז גאַנץ־אָפנהאַרציק ווייַגן זיינע אייגענע שוואַכקייטן און ברענגט זיי אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. ער דערציילט פון זיינע אַקטיאָרישע און רעזשיסאָרישע דורכפאַלן, למשל, ביי האַמלעט. דעם דורכפאַל אויף דער פּרעמיערע גלייך דורזען ביים ערשטן אַקט, און געזאָגט צום אַנסאַמבל: „ס'איז מיין שולד". זייענדיק אַ רעאַליסט באַטאָנט ער: „ביז איר האָט נישט געליטן איין מאָל אַ גרויסן דורכפאַל (אָדער צוויי מאָל), קען מען נישט וויסן וואָס פאַר אַ מניעות עס קענען אַרויסשפּרינגען."

ער בייט אויס אויף קליינגעלט זיין באַרימטן נאָמען: „דאָס איז קיין מאָל נישט געווען מיין אַמביציע." ווען מען האָט אים געפרעגט וועלכע כאַראַקטער־ראָל איז מער אידענטיש מיט אים, ענטפערט ער בזה הלשון: „אַ גרויסער רוסישער אַקטיאָר איז געקומען קיין ענגלאַנד מיט אַ 20 יאָר צוריק, און אויפגעפירט אַ ריי טשעכאָווס פּיעסן. ער האָט אַליין געשפּילט אַלע סאָרטן זאַכן, קליינע און גרויסע ראָלן. ווען די פּרעסע האָט אים געפרעגט, וועלכע איז זיין ליבלינגס־ראָל? האָט ער געגעבן אַזאַ ענטפער: „איך קען דיר וועגן דעם נישט זאָגן, מחמת אויב איך וועל זאָגן וועלן די אַנדערע זיין אייפערזיכטיק. און דאָס איז אויך ביי מיר אמת", גיט ער צו מיט אַ שמייכל.

דערציילט ער וועגן ראַלף ריטשאַרדסאָן. ער האָט אים בעת זיינע לערניאָרן געהאַט אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי צו שפּילן אַזאַ ראָל? ריטשאַרדסאָן האָט פּונקט געהאַלטן אין פאַרשניצן אַ ווענוס־בלייער, געענטפערט אים: „שפּיל אַזוי דיך ווי דער בלייער, אַלטער האָן". פון זיין ענטפער, זאָגט גינעס, בין איך נאַטירלעך נישט געוואָרן מער באַלערנדיק. ער דערציילט פון זיין צוזאַמענטרעף צום ערשטן מאָל מיט בערנאַרד שאָו, שוין אין טיפן עלטער. ער האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט,

און שאָו ביים וועלן געבן אים זיין האַנט,
איז אַוועק מיט אַ יאַרד וויטער...

אָט אַזעלכע עפּיזאָדן זענען פֿאַראַן אין
זיין בוך וועגן פֿאַרשידענע מיִנטשן און
מיט עטלעכע פֿון זיי האָט ער געשלאָסן
אַ לעבנס־לענגלעכע גוטע פֿריינדשאַפֿט.
פֿון זיי שיינט אַרויס ביי אים די פֿיגור פֿון
סער דזשאָן גילגוד, וואָס איז געווען זיין
פּאַטראָן גלייך ביי זיינע ערשטע טעאַטער־
טריט אין 1934. ער האָט אים געגעבן
דעם ערשטן שאַנס (אַ געהעריקן) אין זיין
טעאַטער, דערמוטיקט אים פֿאַר זיין אויס־
שפּיל און במשך פֿון צוויי יאָר געגעבן
אים אָן אַן איבעררייס גוטע ראָלן.

זיכער האָט גילגוד גלייך דערקענט דעם
פּאָטענציאַנעלן טאַלאַנט פֿונעם יונגן אַק־
טיאָר, אָבער גינעס מאַכט זיין יונגן טאַ־
לאַנט צו קלייניגעלט, און עס אימפּאָנירט,
ווען עכטע גרויסקייט פֿאַרשטעלט זיך
פֿאַר קליין. ער באַמערקט וועגן די וואָס
האָבן נאָר געוואָלט ציען דיזם אויפֿמערק
צו זיך. ער האָט עס נישט געקענט פֿאַר־
טראָגן, דאָס אַרויסשטעלן זיך אין אַ צענ־
טראַלע פּאָזיציע אויף דער בינע, אפֿילו
אויך אין דער אַנאָנסירונג. דערמאָנט ער
וואָס עלען בעניִט האָט צו אים אַ זאָג
געטאָן: „איך האָב פֿיינט גרויס־אַקטיאָ־
רישקייט". „איך האָב פֿאַרשטאַנען, זאָגט
גינעס, וואָס ער האָט מיט דעם געמיינט..."

מיר האָבן געוווּסט אַז אַלעק גינעס איז
אַ גוטער אַקטיאָר. מיט זיין בוך האָט ער
באַוויזן אַז ער איז אויך אַ גאָר גוטער שריי־
בער. ער איז אָריגינעל און עס האָט אַ
באַשטימטן חן. אָבער ער מאַכט עס צו
קלייניגעלט, אַז עס איז נאָר אַן אַמאַטאָריש
שטיקל אַרבעט און ער האָט דאָס באַ־
האַנדלט מיט אַן אַמאַטאָרסקן ענטוזיאַזם.
„איך פֿלעג אַריינלויפֿן אין קיך ווען איך
האָב געפֿילט אַז דער פּאַראַגראַף אָדער
אַ צווייטער איז אַרויסגעקומען גוט און
מיין ווייב האָט דירבײַ צוגעשטעלט דעם
מיטאָג." ער האָט נאָכגעמאַכט אַ פּרוּוו
וואָס שיילט מייערן און זי, וואָס איז אַריינ־
געטאָן אין איר אַרבעט, האָט געזאָגט:
ס'איז גוט.

וואָס שייך די דערמאָנטע עפּיזאָדן (פֿון
וועלכע איך האָב נאָר אָנגערירט מיטן
שפּיץ גאָפּל), באַמערקט ער, אַז בדרך כּלל
האָבן דאָך אַקטיאָרן אַ גוטן זיכּרון פֿאַר
אַ דיאַלאָג און „איך בין שטענדיק געווען
פֿאַראינטערעסירט זיך צוהערן, פּרווונדיק
צו אַבסאָרבירן עפּעס פֿון דעם וואָס
איך האָב נאָר וואָס געהערט. און געהאַט
האָט ער פֿון וועמען צו הערן און אַבסאָר־
בירן: נאָעל קאָוואַרד, אידיטה איוועַנס,
לאָרענץ אָליווער, סיטוועל עדיטה. זיי
פֿלעגן אַ סך אַרומפֿאָרן, אַ סך גייטרונקען,
ווי אַ צויג איינער דעם אַנדערן באַפֿאַלן,
זיך אַריינגעזאָגט אין דער מאַמען אַריין,
אָבער אין זיין בוך איז יעדער פֿון זיי
געצייכנט מיט אַ דין פּעדער, אָט דעם
דיניִם בלייער, וואָס ריטשאַרדסאָן האָט אים
געהאַט געוויזן פֿאַרן אויסשפּילן אַ ראָל.

וועגן זיין שרייבן: „איך האָב נישט
געמיינט, אַז עס וועט זיין אַן אויטאָ־ביאָ־
גראַפֿיע. דעם פֿאַרלעגער האָב איך גע־
זאָגט: איך וועל פּרווון שרייבן וועגן מענ־
טשן און געשעענישן וואָס האָבן מיך באַ־
ווירקט". ער גלייבט אויך אגב אין טעלע־
פּאַטיִי און דערציילט וועגן זיינעם אַן
אויטענטישן פֿאַל: ער איז געקומען אין
1955 קיין האָליוווּד צו שפּילן צוזאַמען
מיט גרייס קעללי אין אַ פֿילם. אין רעס־
טאָראַן ביים מיטאָג איז צום טישל זיינעם
צוגייקומען אַ יונגערמאַן און געזאָגט:
מיין נאָמען איז דזשיימס דיען. קומט צו
מיין טישל. נאָכן עסן געוויזן אים זיין
נייע קאַר — אַ געבורטסטאָג מתּנה. גינעס
האָט די קאַר באַטראַכט פֿון אַלע זייטן און
אַ זאָג געטאָן צו דזשיימס דיען: — פֿאָר
נישט מיט דער קאַר, אויב וועסט מיט איר
פֿאָרן וועסטו זיין טויט אין דער נאָענטס־
טער וואָך. און אַזוי איז טאַקע געשען.

„קיין שום זאַך וועט מיר נישט איבער־
צייגן אַז דאָס איז נישט געווען קיין טעלע־
פּאַטיע. דאָס האָט זיך אין מיין זיכּרון
איבערגערופֿן מיט דעם וואָס איך האָב
געלייענט ביי אַרטור קעסטלער.

גינעס איז אַ טעאַטער־מענטש מיט אַלע
זיינע רמ"ח אברים, אָבער אין זיין בוך
איז נישטאָ קיין טעאַטראַלישקייט, וויִגן
וואָס ער זאָל נאָר נישט באַרירן, זעט מען
די פּשטות — דאָס זאָגט אַ סך וועגן זיינע
מעמואַרן און וועגן דעם מענטש.

פריד ווייַנינגער / ישראל

# סאַל ליפּצין — אַ יחיד במינו

## (צו זייַן 85סטן געבוירניאָר)

### "IDENTITY AND ETHOS"

(„אידענטיטעט און פאָלקסגייסט") אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק ה. געלבער — ביים „פּעטער לאַנג־פאַרלאַג", ניו־יאָרק־בערן־פראַנקפורט, 1986, — הייסט די זאַמל־שריפט לכבוד פּראָפ. סאָל ליפּצין, צו זייַן 85טן געבוירנטאָג.

דאָס בוך האָט 412 זייטן (אין ענגליש) און נעמט אין זיך אַרייַן 23 עסייען פון פאַרערער, פרייַנד, קאָלעגן, סטודענטן, און איז געשריבן אויף אַ פילזייטיקער טעמאַטיק אויפן געביט פון ליטעראַטור און קולטור־סוזשעטן, צו וועלכע פּראָפ. ליפּצין האָט גאָר אַ סך בייַגעטראָגן: 1. יידישע ליטעראַטור; 2. פאָרשונגען ווייגן דייטש־יידישע טעמעס, און דייטשישער ליטעראַטור באַזונדער; 3. ענגליש־דייטשישע ליטעראַרישע קרובהשאַפט; 4. יידן און ליטעראַטור פון יידן אין אַמעריקע; 5. תנ"ך־מאָטיוון אין דער וועלט־ליטעראַטור און יידישער קולטור־געשיכטע.

דאָס בוך ברענגט אונדז אַ גענויע ביבליאָגראַפישע רשימה פון זייַנע ווערק: אַן ערך 22 ביכער און אומצייליקע עסייען און אַרטיקלען, ווי אויך בייטראָגן אין פאַרשידענע ענציקלאָפּעדישע ווערק — במשך פון 66 יאָר (צווישן 1920-1986). מיר וועלן זיך אָבער נישט אָפּשטעלן אויף די איינצלנע עסייען און זייערע מחברים, צי קריטיש באַהאַנדלען דעם רייַכן אינהאַלט און דעם עסטעטישן אויסזען פון ספר. אין צייכן פון אַ פערזענלעכן אַני־מאַמין און אנערקענונג פאַרן חשובן יובילאַר, פּראָפ. סאָל ליפּצין — ווילן מיר פּרוּוון זיך אָפּשטעלן ביים גייסטיקן פּאָרטרעט פון דער אָפּגעשאַצטער פערזענלעכקייט, און בייַשטייערן עטלעכע פּענדזלשטריכן כדי זיך משתּף צו זייַן אין דער פייערונג.

איך דערמאָן זיך אין די פערציקער יאָרן, נישט לאַנג נאָך מייַן באַזעצן זיך אין ניו־יאָרק, האָט איין מאָל מייַן חבר, פּראָפ. נתן זיסקינד — וואָס האָט דעמאָלט געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון גערמאַניסטיק פון סיטי־קאָלעדזש אונטער דער דעקאַן־אָנפירערשאַפט פון פּראָפ. ליפּצין — מיך צונויפגעפירט מיט אים. איך דערמאָן זיך ניט גענוי ביי וואָס פאַר אַ געלעגנהייט עס איז געווען. אָבער איך בין אַוועקגעגאַנגען אונטער דעם רושם, אַז מיך האָט די אידעלע געשטאַלט זייער צוגעצויגן... און זייַן וואַרעמער אינטערעס פאַר דעם נישט־לאַנג־געקומענעם יונגן יידישן דיכטער פון דער בוקאָווינע, ביי וועמען די דייטשישע שפּראַך איז אַמאָל געווען אַ טייל פון זייַן ביאָגראַפיע, האָבן אַוודאי זיך צעקלונגען אין מיר גלעקלעך פון פרייד און צוגעהעריקייט.

ווען כ'האָב פּראָפ. ליפּצין ווידער־געטראָפן שוין דאָ אין ישראל, נאָך אַ סך יאָרן אין זייַן היים אין ירושלים, האָט זיך איין עלעמענט אין אונדזער דייטש־יידישן הינטערגרונט אַרייַנגעמישט — די אַמעריקאַנער פאַרבינדונג. זינט דעמאָלט איז די קאָמוניקאַטיווע שפּראַך, ווייַזט אויס צוליב „ניו־יאָרק נאָסטאַלגיע" און אפשר אויך צוליב אַלטער געוווינהייט, געבליבן אויף ענגליש, סיי אין קאָרעספּאָנדענץ און סיי אין געלעגנטהייטלעכע פערזענלעכע געשפּרעכן, כאָטש דער תּוכן איז שטענדיק וועגן ענינים פון יידיש.

סאָל ליפּצין איז אַ געבוירענער אין סאַמאַנאָוו, רוסלאַנד. אין עלטער פון 9 יאָר באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק אין יאָר 1910; שטודירט אין קאָלעדזש פון דער שטאָט ניו־יאָרק און באַקומט זייַן באַקאַלאַווראַט אין 1921; און אַ יאָר שפּעטער אין 1922 — זייַן מאַסטער ביי דער קאָלומביאַ אוניווערסיטעט, און זייַן דאָקטאָראַט אין יאָר 1934. אין דער אוניווערסיטעט פון בערלין, צווישן די יאָרן 1922-1923, שטודירט סאָל ליפּצין דייַ־

טשישע ליטעראַטור, און באַזונדערס: די באַוועגונג פון דער דייטשישער ראָמאַנטיק אין 19טן יאָרהונדערט. ער שרייבט און גיט אַרויס עטלעכע ביכער בנוגע די באַציונגען פון דער דייטשישער ליטעראַטור און דער הײַנטצײַטיקער באַוועגונג אין דער ענגלישער ליטעראַטור: „שעלי אין דייטשלאַנד, 1924“, „די וועבערס אין דער דייטשישער ליטעראַטור, 1926“, „פּיאָנערן פון דער ליריק אין מאָדערנעם דייטשלאַנד אין 1928“, „היינע, 1928“, „פון נאָוואַליס ביז ניטשע, 1929“, „ריכאַרד בער־האָפמאַן, 1936,“ אַ היסטאָרישער איבערבליק פון דער דייטשער ליטעראַטור, 1936.“

פערציק יאָר, פון 1923 ביז 1963, האָט פּראָפ. ליפּצין במשך פון זײַן קאַריערע אַרויסגעוויזן זײַן בקיאות אין דער אַקאַדעמישער אַרבט: ווי אַ פּאָרזיצער פון דער אָפּטיילונג פאַר גערמאַנישע און סלאַווישע שפּראַכן אין סיטי־קאָלעדזש ניו־יאָרק... ווי אַ גאַסט־פּראָפעסאָר אין דער נאָרט־וועסטערן אוניווערסיטעט... אין דער אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע אין לאָס אַנדזשעלעס, ישיבה־אוניווערסיטעט ניו־יאָרק, און אין בר־אילן אוניווערסיטעט. נאָך זײַן באַזעצן זיך אין ישראל, איז ער געווען אַ „פולברייט־לעקטאָר“ ביי דער תל־אביבער אוניווערסיטעט 1962-1963, ווי אַ לעקטאָר פון דער „ראָטשילד־פונדאַציע“ ביים טכניון 1963-64 און איז דערהויבן געוואָרן צו זײַן פּאָרזיצער ביי דער פאַקולטעט פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן ביים ירושלימער אוניווערסיטעט.

לאַנג איז די רשימה פון זײַנע אויפטואונגען במשך פון זײַן קאַריערע. זאָל אָבער אויך דערמאָנט ווערן אַז נישט קוקנדיק אויף זײַן פילזײַטיקער אַרבעט, האָט ער אויך געדינט ווי אַ רעדאַקטאָר פאַר דער העברעישער ענציקלאָפּעדיע, און אויך פאַר דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ“.

צוריק מיט 15 יאָר, ווען מען האָט דעם הײַנטיקן יובילאַר געפייערט זײַן 70סטן געבוירנטאָג, האָט עריך גאָטגעטרוי אין אַן אַרטיקל אין „ידיעות“ (1971), פאַר סאָל ליפּצין צוגעפּסקנט דעם ערנטיטל „פּאָנטיפעקס יודעאָרום“ — דער בריקנבויער פון די יידן, ווײַל אַזוי האָט ער געפונען פאַר אַזאַ פילזײַטיקן מענטש, שריפטשטעלער, ליטעראַטור־היסטאָריקער, יוגנט־דערציער, דעם פּאַסנדיקסטן עפּיטעט, די ממשותדיקע באַצייכענונג. סאָל ליפּצין, וואָס האָט זײַן שריפטשטעלערישע בקיאות אַנטפּלעקט אין זײַנע ביכער וועגן ריכאַרד בער־האָפמאַן, אַרטור שניצלער און אַנדערע, איז מיט כבוד אויפגענומען געוואָרן פון סטעפאַן צווייג אין זאַלצבורג, מיט וועמען ער האָט געהאַט גאָר אינטערעסאַנטע געשפּרעכן, ווי עס באַווײַזט זײַן ביאָגראַפישע עסיי „זכרונות וועגן סטעפאַן צווייג.“

ווי אַ למדן, אַ ווױלגעלענטער, מיט אַ קינסטלערישער האַנט, האָט ער די דייטש־יידישע וועלט, און די מיזרח־יידישע — געבראַכט נעענטער דעם אַמעריקאַנער יידנטום... ער האָט אַנטפּלעקט די אַמעריקאַנער יידישע ציוויליזאַציע פאַר די יידן פון אַנדערע לענדער.

אמת, דער עפּיטעט „פּאָנטיפעקס יודעאָרום“ — דער בריקנבויער פון די יידן — איז מיר זייער צום האַרצן... אין מײַנע מחשבות זע איך דעם אידעלן פּראָפ. ליפּצין ווי ער פאַרוואַנדלט זיך אין דער לאַנדשאַפט פון מײַן פאַנטאַזיע, און ער שטייט פאַר מיר ווי אַ הויכער, גרינער און פאַרצווײַגטער בוים, און אַרום אים שפּראָצן אַרויס יונגע ביימעלעך — זײַנע תלמידים; און זײַנע ווערק, די פילצאָליקע ביכער, פאָרש־אַרבעטן און אַרטיקלען, וועלכע ער האָט אונדז געשאָנקען אין עטלעכע שפּראַכן. אין דער צײַט ווען אַנדערע אַזוי־גערופענע מומחים האָבן אונדז שוין פון לאַנג געוואָלט ברענגען צו קבורה, האָט ער, דער פּראָליפישער שריפטשטעלער און אַקאַדעמיקער, דעם גאָר גרויסן פאַרדינסט געהאַט מיט איבערצײַגן זײַנע באַלעבאַטים אין דער אוניווערסיטעט, אַז יידיש איז ראויה מען זאָל זי און איר ליטעראַטור אַרײַננעמען צווישן די אַקאַדעמישע לימודים, און אַזוי איז טאַקע געווען... אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון

חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק

# צוויי לידער

## מיין האַרץ אין אַ קלעם

מיט צער און פּיין
כ'מעסט און וועג
דעם פאַרמשפּטן גורל
פון דערציילער און דיכטער
וואָס ניט נאָר דעם מאָרגן
אויך דעם היינט —
באַלד שוין דערוואָרגן...
אויף פליגל זייער לשון —
זוניקע סטרונעס —
מיר ליב און טייער!

מיט טרויער
כ'באַדויער:
דער נייער דור
ניט היטן
קיין ברעקל ירושה,
ביכער־ספרים
פאַר זיי אַ דרייער,
שליידערן אין מיסט
און ניט זעלטן—
אין פייער!

## דער לויטערסטער קוואַל

כּ'ראַן אַזאַ וואָרט, אַ צעזונטער שטערן,
כ'וועל שוין קיינמאָל מיט דעם זיך ניט שיידן:
נישט פאַר חברים גרייט בין צו שווערן,
מיין דרך די שטרויכלונג פאַרמיידן.

אויף מיין גומען דער טעם פון וויין
מחיהדיק מיין אומרו צו שטילן:
טיף עס רוט אין מיין געביין
דאָס וואָרט מיט זוניקע געפילן.

דאָס וואָרט, דער לויטערער קוואַל,
פון די טיפסטע טיפזיניש אַרויס:
צו מיר, אַן ענדלאָזער שטראַל,
ביי אַ צווייטן, אפשר אַ געגעץ בלויז?...

דאָס וואָרט כ'האָב געפונען אויף מיינע נייע וועגן:
צעזוניקט עס האָט מיינע אָפענע אויגן!
כ'וויס נישט פון אַ גרעסער פאַרמעגן;
פונעם געבענטשטן וואָרט —
גלויבן!

סאָל ליפּצין איז יידיש אַנגענומען געוואָרן אין קוריקולום פון די אוניווערסיטעטס־לימודים; עס זאָל אויך דערמאָנט ווערן, אַז מאַקס וויינרייך, דער גרינדער פון ווילנער „ייווא" האָט אָנגעפירט מיט דער השגחה פון די קורסן, און פּראָפ. נתן זוס־קינד האָט מיט לייב און לעבן מיטגע־האָלפן צום דערפאָלג פון פּראָגראַם.

און אויב מיר זעען היינט ווי יידיש איז איינגעפירט אין אַ סך אוניווערסיטעטן פון אַמעריקע, ישראל, און איבער דער גאַנצער וועלט, אַזוי דאַרף די יידישע וועלט וואָס ווייסט עס נישט — וויסן, אַז סאָל ליפּצין האָט דעם גרויסן פאַרדינסט געהאַט צו זיין דער פּיאָנער פון אונדזער צייט פאַר דורות.

משה כהן

# אַ יאָר אַרבעט — 1986/87

**דעם 13־טן יוני ד. י. איז אין לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב** פאָרגעקומען אַ פייערלעכער באַנקעט צום שלום פונעם סעזאָן. עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם מיטגלידער און פריינד פונעם קלוב, וועלכע האָבן גוט פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל ווין און אַ מאָלצייט. עס איז אויך געווען אַ קאָנצערט אויסגעפירט דורכן פיאַנערן פרויען־כאָר.

אַן אויספירלעכן באַריכט פון אַ יאָר אַרבעט האָט אָפּגעגעבן דער פאָרזיצער פון דער קלוב־פאַרוואַלטונג **משה כהן**. ווייטער ברענגען מיר דעם פולן טעקסט פונעם באַריכט.

טייערע מיטגלידער, באַאַמטע און פריינד:

מיר שליסן היינט אָפּ אַ יאָר אַרבעט פון דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב. דאָס יאָר איז געווען אינהאַלט־רייך אין פּראָגראַמען. מיר האָבן צוגעצויגן אַ גרופּע לעקטאָרן פון הויכער קוואַליטעט, מיט העכערער בילדונג אין יידישן און סעקולערן וויסן. זיי האָבן די פעיקייט איבערצוגעבן זייערע געדאַנקען אויף אַן אופן וואָס איז צוגעגנגלעך און צוציענדיק פאַר אונדזער אינטעליגענטן עולם. אין זאַל פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב קלינגט די יידישע שפּראַך אין איר פולער שיינקייט, באַצויבערנדיק, אָנרעגנדיק, פול מיט חן.

אַ גרויסער טייל פון אונדזערע פּראָגראַמען איז געווידמעט יידישע שרייבער און זייערע ווערק.

דער פייַנער לעקטאָר, מנחם קאַרסאָן, איז אויפגעטראָטן אויף דריי אָוונטן מיט די פאָלגנדיקע רעפעראַטן: „שלום אַש — זיין לעבן און גלויבן"; פּרץ הירשביין — דער דראַמאַטורג און זיין ביישטייער צום יידישן קונסט־טעאַטער; ה. לייוויק און זיין גרויס ווערק „דער גולם". עס איז אַלע מאָל דאָ וואָס צו לערנען פון אונדזער ח' קאַרסאָן.

די באַגאַבטע ליטעראַטור־קענערין, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אירע איבערזיכטן פון ביכער פון וויכטיקע שרייבער, לילקע מייזנער, האָט רעפערירט בעת צוויי אָוונטן אויף די טעמעס: „איסאַק באַבעל — דער שרייבער וואָס האָט ניט באַוויזן צו דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג"; און וועגן דעם ווערק פון פראַנצויזיש־יידישן מחבר, מאַרעק האַלטער „דאָס בוך פון אַברהם" — אַ געשיכטע פון אונדזער פאָלק אין נאָוועלע פאָרעם.

באַשע וואַנאַמייקער, וואָס לייענט פאַר אַזוי שיין, האָט אונדז מזכה געווען מיט צוויי אויפטריטן: ביי דער דערעפענונג פונעם סעזאָן האָט זי פאָרגעלייענט פון דער לעצטער אויסגאַבע פון די צוויי בענד פון שלום עליכם — אַ בריוו־אויסטויש צווישן מנחם־מענדלען און שלום־עליכם; און גאָר ניט לאַנג צוריק — עטלעכע פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען פון יוסף אָפּאַטאָשו.

הרב ד"ר זלמן יורי, אַ קאָנסולטאַנט ביי דער ביוראָ פון יידישער דערציונג, האָט פאָרגעזעצט זיין סעריע לעקציעס וועגן יידישע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן. דאָס מאָל האָט ער רעפערירט וועגן דעם ווילנער גאון. ווי שטענדיק איז זיין לעקציע אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס.

צוויי אָוונטן זענען געווידמעט געוואָרן ספּעציפישע אַספּעקטן פון דער יידישער ליטעראַטור. וועגן הומאָר און סאַטירע — אילוסטרירט מיט אַ ריי אויסצוגן פון ליטעראַרע און מאָדערנע קוואַלן — איז אויפגעטראָטן דער לערער און פּאָעט, ישראל גובקין. פּראָפעסאָר דזשאַנעט האַדאַ פון יו־סי־על־איי האָט באַהאַנדלט די טעמע: „די מעטראָפּאָליע אין דער יידישער פּאָעזיע", ציטירנדיק פון אַ ריי יידישע פּאָעטן אין אַמעריקע.

אויף אַ גאָר אימפּאָזאַנטן אופן און ביי דער אַנוועזנהייט פון אַ גרויסן עולם איז געפייערט געוואָרן דעם 6טן דעצעמבער די דערשיינונג פונעם בוך „די אונטערשטע שורה" פון לאָטי קרעמער מלאך. ביי דער שימחה זײַנען אויפגעטראָטן ד"ר אַברהם זיגלבוים און דער פּאָעט משה שקליאַר מיט אַן אָפּשאַץ פון דעם ווערק. די שרייבערין לאָטי מלאך איז זייער שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן נאָך איר איינדרוקספולער רעדע.

דעם זעקסטן יוני איז צוגעטיילט געוואָרן כבוד דער פּאָעטעסע מלכה חפץ טוזמאַן ע"ה, מיט אָפּשאַצונגען זענען אויפגעטראָטן סערגיי נוטקעוויטש, משה שקליאַר און לילקע מייזנער. דער געוועזענער אַקטיאָר יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט אַ צאָל מלכה טוזמאַנס לידער און שרה ליינער האָט פאָרגעליינט אַ בריוו־אויסטויש צווישן איר און דער דיכטעריך.

ליטעראַרישע קאַלענדאַר־דאַטעס פאַרנעמען תמיד אַ חשובן פּלאַץ ביים קולטור־קלוב. אַזוי האָבן מיר פאַרנאָטירט דעם 10טן יאָרצייט פון דעם שרייבער מלך ראַוויטש מיט אַן אַלזייטיקער אָפּהאַנדלונג פון אונדזער חשובן פּאָייט משה שקליאַר. בעת דער פייערונג פון דעם 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פון שרייבער יוסף אָפּאַטאָשו האָבן מיר געהאַט דעם כבוד אויסצוהערן דעם אָנגעזעענעם בינע־ און פילם־קינסטלער דוד זאָפּאַטאָשו — דער זון פון יוסף אָפּאַטאָשו. אין אַ פּראַכטפולן מאַמע־לשון האָט דער זון אונדז איבערגעגעבן דערינערונגען וועגן דעם שרייבער און טאַטן.

געזעלשאַפטלעכע טעמעס: דער קולטור־קלוב לעבט ניט אין אַ וואַקיום און באַהאַנדלט פון צייט צו צייט אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען — אַ צאָל פון זיי ווערן אָפּגעשפּיגלט אין זשורנאַל „חשבון" וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון אונדזער קלוב. דעם געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן וועג פון "חשבון" האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן אָוונט. ס'זענען אויפגעטראָטן דער מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע — ישראל גובקין, דער פאַרוואַלטונגס־סעקרעטאַר, גרשון פרידמאַן און דער הויפּט־רעדאַקטאָר משה שקליאַר.

„אויפן שוועל פון 1987 — מחשבות וועגן אַ ריי געשעענישן — איז געווען די טעמע פון דעם חשובן געזעלשאַפטלעכן טוער און דענקער — סערגיי נוטקעוויטש.

צום 100־יאָריקן געבוירן־טאָג פון דוד בן־גוריון האָט רעפערירט דער פּעדאַגאָג און דענקער ישראל גובקין און האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע.

„איז ישראל אַ משכון ביי אַמעריקע?" אָט די פראַגע מאַטירט אַ סך פון אונדז, ספּעציעל אין שייכות מיט אַ ריי אינצידענטן ווי די שפּיאָנאַזש־אַפערע פון דזשאָנאַטאַן פּאָלאַרד, דער פאַרקויף פון וואָפן צו איראַן, אא"וו. דער דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, בערנאַרד וויסבערג, איינער פון די סאַמע אינפאָרמירטסטע אין ישראל־ענינים, האָט באַהאַנדלט די פראַגע און אַ ריי פאַרזאַמלטע האָבן אויסגעדריקט זייערע מיינונגען.

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין אַמעריקע זענען באַלויכטן געוואָרן פון דעם אָנגעזעענעם געזעלשאַפטלעכן אַקטיוויסט נתן גראָוויטש.

שטאַרק אָנגעזען ביי דעם קלוב זענען די פייערונגען פון די יידישע ימים־טובים און פונעם יום־הזיכּרון.

שרה ליינער האָט אונדז באַגייסטערט מיט אירע רעפעראַטן וועגן חנוכה און פּסח; מאָטל האַראָוויץ — מיט זיינע פאָרלעזונגען וועגן פּורים, שעפּנדיק פון די קוואַלן פון העשל קלעפּפיש, דוד פרישמאַן און די מגילה־לידער פון איציק מאַנגער. גאָר איינדרוקספול איז געווען דער יום השואה והגבורה, אָפּגעהאַלטן אין דעם זעלבן טאָג, כ"ז ניסן, מיטן אָנטייל פון ד"ר אהרון העס, פון דעם צווייטן דור פון דער שארית הפליטה — אגב אַן איינפיר פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר; ראָמאַ קאַטש האָט זייער סענסיטיוו פאָרגעלייענט אַ קאַפּיטל פון דעם קדוש יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" און ריסאַ איגעלפעלד האָט מיט אַ סך געפיל געזונגען אַ צאָל געטאָ־לידער.

אין אַ דערהויבענער שטימונג איז פאָרגעקומען די פייערונג לכבוד 39 יאָר מדינת ישראל מיט מאַקס אַלפער, וועל־

כער האָט איבערגעגעבן פּערזענלעכע זכרונות פון זיין אנטייל אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון דער ביי־געגרינדעטער מדינת ישראל. וויכטיקע אויסצוגן פון ישראלס דעקלאַראַציי, פון אומאָפּהענגיקייט זענען געהערט געוואָרן. מיר האָבן געטרונקען אַ גלעזל וויין, ווינטשנדיק דער מדינה אַ לחיים פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט.

צום 20־סטן יובליי פון דער פאַראייניקטער ירושלים איז צוגעטראָגן געוואָרן אַ קראַנץ לידער און פאָעמעס וועגן ירושלים, פאָרגעלייענט פון דעם פאָרזיצער פון קלוב, משה כהן. דיכטער און לעקטאָר ישראל גובקין האָט פאַרבונדן אַ ריי געדאַנקען לכבוד שבועות מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן טראַדיציע און וועלטלעכקייט אין די שאַפונגען פון חיים נחמן ביאַליק.

מערסטע פון די פייערונגען, ימים־טובים און לעקציעס זענען באַגלייט געוואָרן מיט מוזיקאַלישע פּראָגראַמען. ס'זענען אויפגעטראָטן די פיינע זינגערין פון פאָלקסלידער איזאַבעל קעץ, באַגלייט ביי דער פּיאַנאָ פון רעגינאַ ראָטמאַן; דער טשעליסט אַלעקסאַנדער רובינשטיין אין דער פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון זיין טאָכטער; די פאָלקלאָריסטין גילה פלאם; דאָס טאַלאַנטפולע פּאָרל ליסאַ לובאָווסקי און לאָסיאַ בן־סאסאָן, און גאָר לעצטנס די סענסיטיווע פאָלקס־זינגערין און אַקאָרדיאָניסטין, אַ בייער מיטגליד פון אונדזער קלוב, ריסאַ איגעלפעלד. דער הויך־פּונקט פון דעם מוזיקאַלישן סיזאָן איז געווען דער קאָנצערט פונעם חזן הייל פּאָרטער, וואָס האָט געצויגן אַ גרויסן עולם. ער איז אויך אויפגעטראָטן ביי צוויי אַנדערע פּראָגראַמען.

אויסלענדישע געסט: היינטיקס יאָר זענען מיר באַגליקט געוואָרן מיט אַ ריי אויסלענדישע געסט. דאָס זענען געווען גייסטיקע און נחתדיקע אויפטריטן — אַקאַדעמיש און גלייכצייטיק פאָלקסטימלעך. דער ישראלדיקער שרייבער און עסייאיסט, מרדכי חלמיש האָט באַצויבערט דעם עולם מיט זיין לעקציע: „פאָלקלאָר און חסידות אין די ווערק פון די צוויי נאָבעל־פּרייז געווינער פאַר ליטעראַטור — יצחק באַשעוויס זינגער און ש. י. עגנון."

דער דעקאַן פונעם פאָלקלאָר־אָפּטייל פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, דוב נוי, האָט געהאַלטן דעם עולם געשפּאַנט מיט זיין לעקציע: „דער לעבן־ציקל אין יידישן פאָלקלאָר."

די אַרטיסטין הדסה קעסטין פון תל־אביב האָט באַשיינט צוויי אָוונטן, וואָס האָבן אגב זוכה געווען צו דער גרעסטער צאָל באַזוכער. זי האָט רעציטירט אַ געלונגענעם אויסוואַל פון די ליטעראַרישע אוצרות פון אונדזער פּאָעזיע און פּראָזע. (300 מענטשן האָבן באַזוכט הדסה קעסטינס אָוונטן — די דורכשניט־צאָל באַזוכער ביי אַלע אָוונטן איז געווען 89).

דערמאָנענדיק די רעדנער וויל איך פון טיפן האַרצן אויסדריקן אונדזער דאַנק צו די וואָלונטירן־לעקטאָרן וועלכע האָבן דערמעגלעכט אַזאַ פיינעם סעזאָן. מיינע ווענדונגען צו כמעט אַלע לעקטאָרן זענען אויפגענומען געוואָרן מיט פיל וואַרעמקייט. אַ יישר־כוח אייך אַלעמען.

מערסטנס צוליב געזונט־סיבות האָב איך פאַרפעלט פיר פאַרזאַמלונגען. ביי די געלעגנהייטן האָבן געפירט דעם פאָרזיץ אלימלך דייטש, הערי הירש און שרה ליינער. זיי אַלעמען מיין דאַנק.

צו די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג: אלימלך דייטש, שלמה צוקערמאַן, מענדל און רחל סלוצקי, בעלאַ פאָזי, סימאַ לעפּקאָוויץ, גרשון פרידמאַן, העניך בערמאַן — מיין דאַנק פאַר אייער מיטהילף. איך האָב ניט גענוג ליב־ווערטער פאַר מיין טייערן חבר און מיטאַרבעטער, יעקב שייפער. אין אַלע דערגרייכונגען האָט ער אַ גרויסן חלק און ס'קומט אים אַ גרויסן יישר־כוח!

צום קומענדיקן יאָר האָבן מיר צוגעצויגן אַ צאָל נייע מיטגלידער אין דער פאַרוואַלטונג: מאַקס אַלפער, הערי הירש און נאָרמאַן קערין.

נאָך דעם ווי מיר האָבן באַדאַנקט די באַאַמטע, טוער און לעקטאָרן ווילט זיך מיר אָפּשטעלן אויף אייניקע פּראָבלעמען פון אונדזער קלוב. אַ פּאָר מענטשן האָבן מיך געפרעגט: זאָגט אונדז — אַלע אייערע פּראָגראַמען זענען טאַקע פריער אַזוי

אויסגעפלאנירט געווארן? דער אמת איז — מערסטנטייל טאקע יא — און אמאל צופעליק. נאטירלעך, אלע ימים־טובים און געדענק־טעג זענען אפגעצייכנט. מיר קלייבן אויס וועלכע שרייבער אדיר ביכער זאלן באלויכטן ווערן. אבער פון צייט צו צייט, ווען א לעקטאר קאן ניט אויפטרעטן — מערסטנס צוליב סיבות פון געזונט, דאן מוזן מיר אננעמען וואס איינער איז גרייט צו באהאנדלען.

איך האב דורכגעבלעטערט די יערלעכע באריכטן פון קלוב, וואס זענען געווען זפגעדרוקט אין „חשבון" מיט 10 אדער 20 יאר צוריק. וואס פאר א שפע פון שרייבער, לעקטארן, אקטיארן, פאעטן און פארלייענער זענען דאן געווען אין לאס אנדזשעלעס! היינט איז די צאל לײדער, לײדער אזוי קליין... טוען מיר דאס בעסטע וואס איז מעגלעך און דערפאר פארבעטן מיר צייטנווייז יידישע רעדנער אין ענגליש... דאס איז ניט צוליב אן ענדערונג אין אידעאלאגיע — דאס איז די אידעאלאגיע פון נויט און פון דעם מצב פון דער יידישער שפראך אין אמעריקע, ווי אויך אין די מערסטע יידישע וועלט־צענטערס.

מיר אלע ווייסן דעם מצב פון יידיש אין אמעריקע. פרטים זענען איבעריק. דערמאנט בלויז די ווערטער: טעגלעכע יידישע פרעסע; יידישע שולן; יידיש טעאטער; יידיש־רעדנדיקע צווייגן פון ארבעטער־רינג, פארבאנד, פארטייען, לאנדסמאנשאפטן; פארקויף פון יידישע ביכער, יידיש אין געזעלשאפטלעכע אויפטריטן, יידיש אין דער קהילה... דארף מען נאך מאריך זיין?

אין קאנטעקסט פון אזא געזעלשאפטלעכער אטמאספערע דארפן מיר אפשאצן דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב. אמת, אייניקע שטעט אין אמעריקע, ווי ניו־יארק, מיאמי, מאנטרעאל און טאראנטא פילן אן זאלן מיט עטלעכע הונדערט מענטשן — אבער דאס איז בלויז פון צייט צו צייט, ווען ס'טרעט אויף א פראמינענטער און בארימטער שרייבער אדער דיכטער. אונדזער קלוב פונקציאנירט אין עטלעכע און דרייסיק אוונטן וואך־איין וואך־אויס, ניט ווארטנדיק בלויז אויף

דער געלעגנהייט פון אן „אימפארטירטן" גאסט.

אפגעזען פון דעם כאראקטער פון די פראגראמען איז דער היגער קולטור־קלוב א פלאץ פאר — איך האב ניט קיין מער פאסנדיק ווארט ווי — „חברותא". מען קומט אנגעטאן אין יום־טובדיקע מלבושים, מען טרעפט זיך מיט פריינד, מען פארברענגט, מען הערט א שיין יידיש ווארט, א פארכאפנדיקן ניגון און מען „דערפרישט" זיך יידישלעך. פאר א געוויסער צאל איז דער קלוב אן אינסטיטוציע, צו וועלכער מען קוקט ארויס א גאנצע וואך פאר דעם מוצאי שבת.

אין דעם שווערן מצב פון יידיש לויפן דורך אין די לעצטע יארן אייניקע זוניקע שטראלן, ספעציעל זייט דער גרינדונג פון דעם „וועלט־ראט פאר יידיש און יידישע קולטור" מיט יצחק קארן בראש. קודם כל אין ישראל. אין א 20 רעגירונגסשולן זענען פאראן קלאסן אין דער יידישער שפראך. דער בר־אילן אוניווערסיטעט פירט אן א קלאס פאר דער אויסבילדונג פון לערער אין דער יידישער שפראך. דער וועלט־ראט האט מיטגעהאלפן ארויסגעבן א באדייטנדיקע צאל ביכער, דערמוטיקט די אנגעקומענע יידישע שרייבער פון סאוועטן־פארבאנד און פובליקירט וויכטיקע ליטעראריש זשורנאלן.

אויך אין אמעריקע האט זיך עפעס א ריר געטאן. אין א צאל גרעסערע שטעט קומען פאר פעסטיוואלן פאר יידיש מיטן אנטייל פון טויזנטער באזוכער, א דאנק דער איניציאטיוו פון ארבעטער־רינג. ס'שאפן זיך קלובן פאר יידיש פון צווייטן און דריטן דור אין א צאל שטעט. דער נאציאנאלער בוך צענטער — אן אונטערנעמונג פאקטיש פון יונגטלעכע קאלעדזש סטודענטן — האט אפגעראטעוועט הונדערטער טויזנטער ביכער אין יידיש און האט ארויסגעוויזן א סך מסירת נפש אין דער ארבעט. א באדייטנדיקע צאל אוניווערסיטעטן ווערן אזוי ארום באזארגט מיט נייטיקע יידישע ביכער. דער בוך־צענטער פירט אויך אן מיט זומער־סעמינארן. יא, ס'האט זיך געשאפן א בעסערער קלימאט פאר יידיש, ספעציעל זינט עס איז צוגעטיילט געווארן דער נאבעל־פרייז

פאַר ליטעראַטור צו יצחק באַשעוויס זינגער.

צום שלוס וויל איך זיך טיילן מיט עטלעכע דערמוטיגנדיקע ווערטער פון אַ צווייטן נאָבעל־פּרייז געווינער — אלי וויזעל. ער האָט גערעדט אין בית־התפוצות אין תל־אביב בעת דער פייערונג פון 10טן יובילייט פון דעם וועלט־ראַט פאַר יידיש אין וועלכער ס'האָט אויך אנטייל גענומען דער פּרעזידענט פון ישראל, חיים הערצאָג. אלי וויזעל האָט געזאָגט צוו. אַנד.:

„...וואָס איז יידיש? זוכעניש, בענקשאַפט, פאָלקלאָר, תפילות.

צי איז עס מעגלעך צו באַגרעניצן אַ שפּראַך, אַ קולטור צו בלויז געטריישאַפט צום אַמאָל? שפּראַך איז מער ווי אַ סך־הכל פון ווערטער, אַנדערש וואָלט עס אויסגעזען אַ ווערטערבוך.

...שפּראַך איז טאָקע די מיסטיזיריע, וואָס בינדט צוזאַמען וואָרט צו וואָרט. צוויי ווערטער די זעלבע, ביי צוויי פאַרשידענע שרייבער, האָבן נישט דעם זעלבן באַטייט, און ביי דיכטער האָבן זיי נישט דעם זעלבן קלאַנג. דאָס איז די סודותדיקייט פון שאַפונג, און קולטור הייסט שאַפונג. און ביי יידיש ווידער — הייסט עס יידישע שאַפונג. ליטעראַטור איז מער ווי אַ פּועל יוצא פון זאָגן. סיי אין פּאָעזיע, סיי אין פּראָזע. שפּראַך מיינט געפינען אַלטע שליסלען צו נייע טירן און נייע וועגן וואָס פירן צו ליטעראַטור...

...אַמאָל פלעגט יידיש העלפן בויען די צוקונפט, היינט, גלייב איך, מוז יידיש צוריקרופן די פאַרגאַנגענהייט.

נאַטירלעך, ווי יעדע שפּראַך האָט יידיש אַ ספּעציעלן גורל. ווער ווייסט דעם גענויען אַנהייב פון יידיש? ווער ווייסט דעם גענויען אַנהייב פון וואָס עס זאָל נישט זיין?

וואָס שייך סוף פון יידיש. איך וויל גלייבן, אַז זי האָט נישט קיין סוף.

די יידישע שפּראַך איז פאַר מיר אַ וועג צו מיין אמת, צו מיין אויטענטישן „איך", צו מיר אַליין.

יידיש — איר ווייסט דאָך אַליין! דער רבש"ז שרייבט טאָקע אויף לשון קודש, אָבער ריידן רעדט ער יידיש."

אַ דאַנק אייך פאַר אויסהערן. איך וויל האָפן, אַז ווען מיר וועלן עפענען דעם נייעם סעזאָן גלייך נאָך די ימים טובים — אין אָקטאָבער 1987, און קיינער וועט חלילה ניט פעלן, ווייַלן מיר אַלעמען וואַרעם אויפנעמען פאַר אַ יאָר פון שעפערישע פּראָגראַמען.

## נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

**הירש אָשעראָוויטש** — „וווּנדיקער בטחון" — לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „ישראל־בוך" 1987, 216 ז"ז. עס איז דאָס נייַנטע בוך, וואָס דער באַוווּסטער דיכטער האָט אַרויסגעגעבן אין ישראל זינט ער איז עולה געווען אין 1971 פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר און אַ ביאָגראַפישער נאָטיץ פונעם פאַרלאַג.

* * * * *

**„די גאָלדענע קייט"**, נומער 121 — פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. רעדאַקטאָר: אַברהם סוצקעווער.

* * * * *

**„יידיש־וועלט"** נומ. 40 — אַרויסגעגעבן פונעם וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. רעדאַקטאָר: יצחק יאַנאַסאָוויטש.

* * * * *

**שיע טענענבוים**: מיטנאַכט אין וואַרשע — דערציילונגיין, עסייען, זכרונות. פאַר־לאַג „ציקאָ", ניו־יאָרק, 1987. 558 ז"ז.

* * * * *

**יעקבֿ וואַסערשטרום**: וועגן שווע־דישן מאָדעל פון איבערגעשטאַלטיקן דעם פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן סיסטעם — דער דריטער וועג. שטאָקהאָלם 1986. 136 ז"ז.

* * * * *

**ירושלימער אַלמאַנאַך** — נומ. 17, 1987. רעדאַקטאָר יוסף קערלער: מיט־רעדאַקטאָרן: יאָסל בירשטייר, מאיר חרץ, אפרים שעדלעצקי.

* * * * *

**„יידישע שפּראַך"** — נומ. 1־3, 1984־1986, אַרויסגעגעבן דורכן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. רעדקאָלע־גיע: ירחמיאל פּעלץ, שיקל פישמאַן, מ.מ. שאַפּיר. רעדאַקטאָר: מרדכי שעכטער.

## אַ זאַמלבוך פון יונגע שרייבערס

סע גרייט זיך איצט אַ היסטאָרישער פאַרמעסט, וואָס ס'וועט מיט אים קלינגען אַ וועלט: אַ זאַמלבוך ווידערוווקס: אַ נייער דור יידישע שרייבערס, מיט די שאַפונגען פון אונגע יידיש־שרייבערס, שאַפונגען פון יונגע יידיש־שרייבערס, קאַנאַדע, אַרגענטינע אאַז"וו, וואָס טייל פון זיי זענען דעם ברייטן עולם נאָך נישט באַקאַנט.

אין דעם זאַמלבוך וועלן זיין פאָרטראַטן מיט פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, עסייאיסטיק און וויסנשאַפטלעכער פּראָזע: לייבל באָט־וויניק, איציק גאָטעסמאַן, הערשל גלעזער, לאה ליפּסקי, דניאל מאָרליק, ד"ר אברהם נאָווערשטערן, י. ניבאָרסקי, ד"ר דוד־אליהו פישמאַן, ד"ר שבע צוקער, צבי קאַנאַר, לאה ראָבינסאָן, ד"ר דוד־הירש ראָסקעס, ד"ר יחיאל שיינטוך, גיטל שעכטער, שרה־רחל שעכטער אא״.

דער זאַמלבוך ווידערוווקס וועט זיין אַ בשותּפותדיקע פּובליקאַציע פון אַלוועלט־לעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, יוגנטרוף און דער יידיש־ליגע. אויך די רעדאַקציע איז אַ בשותּפותדיקע: צוויי באַקאַנטע שרייבערס (משה שטיינגאַרט, וויצע־פּרע־זידיגט פונעם יידישן פּען־קלוב; ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן, סעקרעטאַר פונעם יידישן פּען־קלוב) און איין פאָרשער (ד"ר יודזשין אָרענשטיין, מעגיל אוניווערסיטעט).

דער זאַמלבוך ווידערוווקס וועט זיין אַ פּראַכט־אויסגאַבע און זי וועט אָפּקאָסטן אַ פּאַרמיגנס. צו העלפן שאַפן די בייטיקע פינאַנציעלע מיטלען האַלט זיך אין שאַפן אַ בוך־קאָמיטעט פון חשובע שרייבערס, געלערנטע און כלל־טוערס, וואָס צו אים זענען ביז איצט צוגעשטאַנען.

דוד און ליבע אויגנפעלד (מאָנטרעאָל), וואָלף אָרצט (מיאַמי ביטש), ד"ר זיגליג ב"ק (לייקהוירסט, נ"דזש.), מאַנועל האָפּ־מאַן (ראָטשעסטער, נ"י), איציק און רבקה וואָלק (מ"ב), ד"ר זוני זעליטש (העמדען, קאָנ'), איטע טאָוב (ניו־יאָרק), לייבל כהן (נ"י), ד"ר שלום לוריא (מרחביה, ישראל), פּראָפ' אַרטור לערמער (מאָנטרעאָל), לייזער מילשטיין (בוענאָס איירעס), אבֿ־רהם סוצקעווער (תל־אביב), י. עלבערג (מאָנטרעאָל), מלכה שאַפּיראָ (נ"י), שלמה שוואַרץ (שיקאַגע), זעליק און בערטע שניאַדאָווער (מעקסיקע), אלי שעכטמאַן (חיפה), און ד"ר מרדכי שעכטער (נ"י).

דער בוך־קאָמיטעט איז נאָך נישט קיין געשלאָסענער. מע האָפט, אַז נאָך בעלנים וועלן זיך מעלדן און מיט ממשותדיקע מעשים אַרויסהעלפן אין דעם היסטאָרישן פּי־מעסט. מענטשן, וואָס זיי זענען גרייט צוצושטילן אַ פּלייצע, זענען פאַרבעטן זיך תיכף צו ווענדן אויפן אַדרעס:

Dr. Mordkhe Schaechter<br>406 Philosophy Hall<br>Columbia University<br>New York, NY 10027

## בערל כהנס „לעקסיקאָן פון יידיש־שרייבערס", צוויי מאָל פּרעמירט.

דאָס ביז גאָר וויכטיקע ווערק פון בערל כהן „לעקסיקאָן פון יידיש־שרייבערס", דערשינען אין 1986, איז פּרעמירט געוואָרן דורכן יידישן ביכער־ראָט פון אַמעריקע, ווי אויך דורך דער יודאַיקאַ־ביבליאָטעק ביים אוניווערסיטעט אין פלאָרידע.

## שמואל ווייס — 90 יאָר אַלט

דער שרייבער, געזעלשאַפטלעכער טוער און לאַנגיאָריקער מיטרעדאַקטאָר פון „חשבון" שמואל ווייס איז אַלט געוואָרן ניינציק יאָר. לכבוד דער דאָזיקער דאַטע האָט דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע מסיבה וווּ שמואל ווייס איז געערט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין געטרייער לעבנסבאַגלייטערין פלאָראַ.

מיר שילסן זיך אָן אין די ווּנטשן פאַר געזונט, גליק, נחת און נאָך לאַנגע יאָרן לעבן — ביידע שמואל און פלאָראַ — עד מאה ועשרים!

**פאַרוואַלטונג און רעדאַקציע „חשבון"**

---

## אַ רפואה שלימה צו

**סיליאַ און שלמה צוקערמאַן**

**און אלימלך דייטש.**

**בעלאַ פאָזי**

---

Greetings for the New Year

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street

Los Angeles, Ca. 90017

Tel. MA 8-4216

## אַ שנה טובה דעם יידישן קולטור־קלוב און דעם זשורנאַל „חשבון"

יישר־כוח דעם פאָרזיצער פון קלוב, משה כוהן, פאַר די רייכע, פאַרביקע קולטור־אָוונטן, וואָס ער גרייט צו און פירט אַדורך. אַ דאַנק דעם רעדאַקטאָר משה שקליאַר, פאַר דעם אָפּגעקליבענעם מאַטעריאַל, וואָס ער נעמט אַריין אין „חשבון; אַ דאַנק די צוויי סעקרעטאַרן, גרשון פרידמאַן און יעקב שיפּער פאַר זייער אַרבעט, וואָס זיי טוען דורכן יאָר, ווי אויך אַלע גוטע פריינד, וועלכע פילן אָן דעם זאַל יעדן מוצאי־שבת—ס'איז באמת קודש בין קודש יעדן שבת אָוונט אין קלוב. דעריבער און דערפאַר שנת הבריאות איך אַלעמען, אחת ואחת. שנת שפע, מנוחה והצלחה.

**לאָטי מלאך קרעמער**

---

**צום ערשטן יאָרצייט**

**פון אונדזער טייערן פריינד**

### זלמן שלאָסער ע״ה

דערמאָנען מיר אים מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט. אונדזער טרייסט צו **נעכן** און דער משפחה.

**יצחק און זהבה ראָטבלום**

---

## אריה פאָזי — ליבסטער מיינער!

דו האָסט געהאָלפן מיר שטייגן אין די העכערע, טיפערע, גייסטיקע שטופעס אין אונדזער צוזאַמענלעבן.

מיט בענקשאַפט נאָך דיר: —

**טאָכטער דינה,**

**אייניקלעך מאַרק און גרעג,**

**דיין פרוי בעלאַ**

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

א י נ ק אָ ר פּ אָ ר י י ט ע ד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

## זייט איר פאַראינטערעסירט...

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. ◉ מערווין קורצמאַן, פּרעזידענט
אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................................................

Address.......................................................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..........................................................................

Date........................Signature of Applicant........................................

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# לאָס אַנדזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

דער דיסטריקט קאָמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות
צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל
מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום
צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי
אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

# ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד
## יידיש צווייג

הערי הירש, פרעזידענט

מרדכי בן-דוד, וויצע-פרעזידענט

לעאָ ראָזענבלאַט, וויצע-פרעזידענט

בערטאַ קאָרין, פינאַנץ-סעקרעטאַר

## דרורה קלוב נעמת

ליובאַ שלאַפמאַן, פרעזידענט

פריידל טראָפימאָוו, וויצע-פרעז.

פרומע גאָרענשטיין, וויצע-פרעז.

בערטאַ קאָרין, פינאַנץ-סעקרעטאַר

רעגינאַ סידלער, קאַסירער

## אַרטור זיגעלבוים ברענטש 486 אַרבעטער רינג

לילקע מייזנער, פאָרזיצער

## יידישע חבורה פון פאַסיפיק פאַליסיידס

ה. מ. סקולסקי, פאָרזיצער

## די נאָווידוואָרער סאָסייעטי

רחל קליינבארד, פרעזידענט

## נאַשעלסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין לאָס אַנדזשעלעס

יצחק קאָרן, פרעזידענט

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַ געזונט נײַ־יאָר צו מײַנע פריינד
אין אנדענק פון משה אײַזנמאַן ע״ה
רבקה אײַזנמאַן און פאַמיליע

---

מנחם קאַרסאָן

---

שלאָסער נעכע
אין אנדענק פון מײַן מאַן זלמן ע״ה

---

דר. און מרס. בענסאָן שײַפּער
פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן

---

שלמה און רחל שוואַרץ — שיקאַגאָ

---

לארי און עלסי שאַרף
און משפּחה

---

הירש—צבי, טובה און אילײַ

---

לוסי און שמעון דײַטש און משפּחה — שיקאַגאָ

---

חנה רוהמאַן

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

נתן און לודמילאַ גערשאָוויטש

---

ירושלמי (יערוזאַלימסקי) ראָזאַ און גרשון
און משפחה —— אַנאַהיים, קאַליפ.

---

יודזשין ווייס

---

באַשע וואַנאַמייקער און משפחה

---

טשאַדאַר, פעני און אַדאָלף

---

לאָקס - לאָה, יוסף, און משפחה
קאַסטראָ וואַלי, קאַליפ. — אַ גליקלעך יאָר צו אַלע פריינד.

---

שרה און שמחה ליינער און משפחה

---

לאַנצמאַן, ליליאַן און בערנאַרד

---

פלאָטקין, חיים און פאַמיליע — ניו-יאָרק

---

צוקערמאַן, ציליע און שלמה, און משפחה

---

קאַפלאַן - רחל, דוד, און משפחה

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

בלושטיין, שרה, נחום און קינדער

גארפיין, רחל און מאָניע

האַלבערט, מינאַ

הענלי, מאַשע

ווייס, פלאָראַ און שמואל

זייף — ציפורה און אליעזר

אין אָנדענק פון מיין מאַן זלמן זילבערצווייג ע"ה
צילע זילבערצווייג און משפחה

טאַובער, סאַלי און בעריש

טאָלטשינסקי, שרה

לעווין, רעגינאַ, דושעק און משפחה

מאַלעוויטש, פסח

מעלאַמעדאָוויטש — פייגל און יצחק — סקאָקי, איל.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט

עלבערג, יהודה — מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

פ.אָ.ס.ט, אידעס און משפחה

ד״ר פישמאַן, בערט, בעטי און משפחה

פרידמאַן, ווילי אַם און משפחה

סימע קאַרפּ-לעפקאָוויטש
אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע יידן איבער דער וועלט

קאָרין, בערטאַ און נאָרמאַן

קאַטליאַר, זשעני משה און משפחה

רייך, שיינדל, פינחס און אַבי

שוואַרץ, דאָראַ און משפחה

שלאַפמאַן ליובע
אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן גמלאל ע״ה

שעפס, חנה און שמעון

אונדזערע טייערע פריינד יאַנקל און פריידל אַנגעלטשיק (ענזשעליק)
אין אַדינקור, פראַנקרייך
ווינטשן מיר אַ געזונט און גליקלעך יאָר און רפואה שלימה פאַר פריידלען.
גרשון און חיה פרידמאַן, רחל און מענדל סלוצקי

ראָזעלין און אברהם ליבערמאַן — געלבאַרט

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אַלפּער, מאַקס און משפּחה
אַמאַן, סאָניע

בן-דוד, חנה און מרדכי
בערמאַן, חוה און הענעך
בוירמאַן, געניאַ

גאָלדבערג, לעאָן
גאָלדמאַן, אַדעל
אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן דוד ע"ה
גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל
ד"ר גילמאַן, שמואל און פּרוי
גאַראַ, מערי און הערי
גורעצקי, סילוויע
אין אָנדענק פון מיין מאַן שמחה ע"ה
גיבערמאַן, אסתר
גילדער, שמחה
גרינבערג, העראַלד

דייטש, אלימלך
דאַטשעס, בלאַנש און מאַקס

ד"ר זשאַנעט האַדאַ
האַלפּערן-ניומאַן, דינה און משפּחה
האַמבורגער, חנה און משה
הערבסט, טשאַרנע און גרשון
ווודס, חנה און בנימין
וועלטמאַן, פראַניע

זימער, איידאַ
ד"ר זיגעלבוים, אברהם
זאַרעצקי, ליובע און שמואל
טיילאָר, ליבע און מאיר

כהן, אסתר און משה

ליפּסמאַן, ראָזע און שמעון
ליפשיץ, אסתר
לובין, דוד
לעכאָוויצקי, דוואָשע און אהרן

מייפער, ווירא און טשאַרלז
מילשטיין, ל. און ר. ד.

נאַטאַנזאָן, דאָראָטי און לייב
ניומאַן, אידיט
נוטקעוויטש, סערגיי
סאַפּיאַן, העלען און שמחה
סאָלטאַנאָוו, פאַליק
סאַסקי, יוסף און משפּחה
סילבער, אַדעל און יצחק
סלוצקי, אברהם און משפּחה
סלוצקי, רחל און מענדל
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר

# על ישראל און מדינת ישראל און איבער דער גאַנצער וועלט שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום

ד״ר חיים פּאַגאַרעלסקי-פּאָורעל
פּינסקי, אהרן
פאַנטיין, דזשין און אוירווינג
פעלנער-מאַראַקאַ, פייגע און משה
פלאַם, גילה
פרידמאַן, סאָפי און אברהם
פרידמאַן, חיה און גרשון
צוקערמאַן, טשאַרלז
צוקערמאַן, קאַטרין און מאַרווין
קאַהאַן, מלכה און אברהם נתן
קאַרן, יוסף
קוטיק, רחל און הערשל
קליינבארד, רחל און בעני
ראָזענבלאַט, עטל און לייב
שאָו, ד״ר מעני און מלכה
ד״ר שוגאַר, קאַרל
שטיינמאַן, סאַבינאַ און נייטן
שידלער, רעגינאַ און חיים
שנור, יוסף און משפחה
שייפער, יעקב
שקליאַר, דבורה און משה

בייראַק, דאָראַ
גאָרענשטיין, פרומע און דוד
גובקין, ישראל
גילינסקי, לובע
גאַלינגאַ, סאָפיע
דזשאַריק, בלומע
האַראָוויץ, עוועלין און מאָטל
הירש, מאָריס
הערבסט, ד״ר הערי און מאַריאַן
וויט, דזשעני און דוד
וויינשטיין, רחל און אליעזר
וויינשעל, חיים — מילוואָקי
זאַללען, ריטשאַרד
זשוק, סאַבינאַ און חיים
טראָפּימאָוו, פריידל
לעווענטאַל, בעבע און עלי
פאַרבשטיין, זהבה און משה
פערטשוק, טערעסאַ און חיים
קאַטש, ראָמאַ
ראָטבלום, זהבה און יצחק
שימעל, ראָוז
שטראַסבורגער, פלאָרענס און מאַקס

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

### יום-טובדיקע באַגריסונגען

צו די שרייבערס, מיטאַרבעטערס און לייענערס
פון „חשבון"

אַ שעפעריש יאָר און דערפאָלג ביים פאַרשפּרייטן די יידישע קולטור-אוצרות!

**שעלבי שאַפּיראָ**
**אַגאַניאַ, גוואַם**